STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 09574

GEKLIBENE SHRIFTN

M. Freilicoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע שריפטן

פון

משה פרײליכאָוו

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון
צווייג 71 אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע

צו פאַרצייכענען דעם 25 יאָריקן יובילײ פון עקזיסטענץ

1938

SELECTED WRITINGS
of
M. FREILICOFF

Copyright 1938
By MORRIS FREILICOFF
WASHINGTON, D. C.

The Chelsea Press 450 New York City

משה פריליכאָוו

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט פון צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פועלי ציון־צעירי ציון פּאַרטיי 1

פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פונ׳ם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד 3

פון דוד פינסקי 5

פון דעם מחבר 7

ערשטע אָפּטיילונג:

אונטערן צייכן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם

צוויי שעפער פון פועלי ציוניזם: באָראָכאָוו און סירקין 11

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל און דער נאַציאָנאַליזם 42

דער אירלאַנדישער אויפשטאַנד 52

אַנטוואַפנונג — און די נאַציאָנאַליטעטן פראַגע 55

צוויי פראַנצויזן — (ראָלאַן און בריאַן) 62

וועגן נחמן סירקין: צו חבר ד״ר סירקינ׳ס יובילעאום 69

ביים קבר פון חבר ד״ר נחמן סירקין 75

אַ נייע איינווענדונג קעגן דעם ציוניזם 79

די אידישע אוניווערזיטעט אין ירושלים 82

אומפאַרגעסלעכע פירער און גרינדער פון דער פועלי ציון באַוועגונג

יחזקאל עדעלשטיין 86

דוב בער אבערסאָן 94

לעאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל) 101

ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו דענקער און קעמפער 108

אַ פערטל יאָרהונדערט פועלי ציוניזם 127

אינהאַלט (פאָרגעזעצט)

זייט

צווייטע אָפּטיילונג:

צווישן רעאַקציע און אַמנעסטי

וואודראָ ווילסאָן 139
דער גלגול פון פּאַלמעריזם 145
דעבס לעצטע טעג אין טורמע 150

דריטע אָפּטיילונג:

פיר אַמעריקאַנער פריהייטס פּיאָנערן

דזשאָן בראַון 163
ווענדעל פיליפּס 197
לאַפּאַלעט 233
יודזשין וו. דעבס 239

פערטע אָפּטיילונג:

ל י ד ע ר

רחל 251
אַ נייַ ליד 252
וויזיע 253
גלויבן 254
אין מדבר 255
קרעדאָ 256

בילדער

דער מחבר (פאָרערבילד)
דוב בער באָראָכאָוו 10
נחמן סירקין 68
הלל זאָלאָטאַראָוו 108
דזשאָן בראַון 162
ווענדעל פיליפּס 196
רחל (בלאָוושטיין) 250

מיט דער אויסנאַם פון פאָרערבילד און דאָס בילד פון רחל'ן — זענען די אַלע בילדער אין דיזן באַנד געצייכנט פון דעם קינסטלער שאול ראַסקין.

פאָרוואָרט פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פועלי ציון-צעירי ציון פּאַרטיי

דער צענטראַל קאָמיטעט פון דער אידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי פועלי ציון-צעירי ציון, באַגריסט מיט פרייד דאָס דערשיינען פון די „געקליבענע שריפטן" פון ח' משה פריילינכאָוו.

ח' משה פּריילינכאָוו איז איינער פון אונזערע „ערשטע". ער האָט געהאַט די זכיה צו זיין צווישן די „עשרה ראשונים," וואָס זיינען באַרירט געוואָרן פון דער וויזיע פון סאָציאַליסטישן ציוניזם. זינט די נייַנציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, ווען די אײנזאַם־טראַציקע געשטאַלט פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן לערער, נחמן סירקין, האָט זיך באַוויזן אין די סטודענטישע עמיגראַנטן־קאָלאָניעס און די געטאָאָס פון לאָנדאָן און פּאַריז, שטייט ח' משה פּריילינכאָוו אין אונדזערע ערשטע רייען. און זינט דעמאָלט דינט ער טריי און באַשיידן אונדזער אידייע, ווי אַ פּאַרטיי־טוער און אַ שריפט־שטעלער. פון זיינע אינגל־יאָרן אין לאָנדאָן ביז זיינע רייפע יאָרן אין אַמעריקע ציט זיך איין לאַנגער וועג פון איבערגעגעבענעם דינסט צום אידעאַל פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון אידישן פאָלק.

ח' פּריילינכאָוו'ס גייסטיקע פיזיאָגנאָמיע איז אויסגעפורמעט געוואָרן אונטער'ן איינפלוס פון נחמן סירקין. עדות דערויף זאָגט ניט נאָר זיין פערזענלעכקייט, נאָר אויך זיינע אינטעלעקטועלע אינטערעסן און ליטעראַריש־זשורנאַליסטישע אַרבעט. זיין בוך וועגן דעם גרויסן איטאַליענישן פרייהייטס־קעמפער, מאַציני, איז אַן אויסדרוק פון אַ לעבנס־לאַנגער באַשעפטיקונג מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, און איז אַן אויסדרוק פון אַן אינטענסיווער זוכעניש נאָך אַ סינטעז צווישן נאַציאָנאַליזם און הומאַניטעט, פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרט און עטישער־סאָציאַלער דערהויבונג. אין זיינע עסעיס וועגן דזשאָן בראַון, גאַריסאָן, וואַנדעל פיליפּס, יודזשין וו. דעבס, און אַנדערע אַמעריקאַנער קעמפער פאַר גערעכטיקייט, לעבט אַ פרייהייטס־גלויבן און אַ

פריוויטס־פּאַטאָס, וואָס איז די שענסטע ירושה וואָס אונדזערע פּיאָנערן האָבן איבערצוגעבן אונדזער יונגן דור. זיינע זכרונות וועגן די מוטיקע און איינזאַמע יחידים וואָס האָבן אויסגעטראָטן דעם וועג פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, פאַרבינדען אונדזער היינט מיט'ן נעכטן, און דרינגען אונדז דורך מיט נייעם גלויבן אין דעם כח פון אונדזער זאַך.

יעדער בלאַט פון דעם פאַרליגנדן באַנד שריפטן באַשטעטיקט און באַקרעפטיקט די איבערצייגונג פון אַלע הונדערטער און טויזנטער חברים און פריינד פון ח' פריליכאַוו, אַז דאָס שילדערן פון אונדזער באַוועגונגס פאַרגאַנגענהייט איז ביי ח' פריליכאַוו'ן ניט סתם דער אויסדרוק פון אַ ווילן צו געבן אַ ביטראַג צו אונדזערע פּאַרטיי אַרכיוון. ח' פריליכאַוו פאַרצייכנט וואָס ס'איז געווען און וואָס און ווי אַזוי ס'איז געשען אין אונדזער באַוועגונג מיט אַ הלכה למעשה כונה. זיינע שילדערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט זיינען אַ ליכט אין דער האַנד פון די וואָס גייען אַנטקעגן דער צוקונפט.

מיר ווינטשן ח' פריליכאַוו צו זען אין די 2טע פופציק יאָר פון לעבנס וועג די דערגרייכונג און פאַרווירקלעכונג פון אונדזערע שטרעבונגען. מיר ווינטשן זיך און אונדזער גאַנצער באַוועגונג, אַז מיר זאָלן אויך אין דעם איצט קומענדן טייל פון אונדזער געשיכטע אין פּעריאָד פון פאַרווירקלעכונג געניסן פון דעם גייסטרייכן ביטראָג פון ח' פריליכאַוו, דעם ליבן מענטש, דעם ערנסטן דענקער און טרייען פּאַרטיי חבר און פירער.

מיר דריקן אויס אונדזער וואַרימען דאַנק די חברים פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע, און זייערע שותפים פון וואַשינגטאָן און אַנדערע ערטער, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען. מיר האָפן אַז דער דאָזיקער שיינער ביטראַג צו אונדזער ליטעראַטור, וועט זיך געפינען אין דער ביבליאָטעק פון יעדן חבר און פריינט פון אונדזער באַוועגונג.

צענטראַל קאָמיטעט פון פועלי ציון־צעירי ציון

דוד ווערטהיים, נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר

(פסח—תרצ"ח, אַפּריל 15, 1938)

פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד

א הארציקע באַגריסונג צו א גרויסן אויפטו

ווען די חברים פון דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד האָבן זיך דערוואוסט וועגן די פאַרבעריטונגען, וואָס ווערן געמאַכט פון אונדזער פאַרבאַנד צווייג 71, אין אַטלאַנטאַ, ארויסצוגעבן די געזאַמלטע שריפטן פון חבר משה פריליכאָוו, איז די ידיעה פאַר אונדז געווען א גרויסע שמחה.

חבר משה פריליכאָוו איז ביי אונדז איינער פון די, וואָס טראָגט מיט זיך שטענדיק פאַטאָס און באַגייסטערונג פאַר די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אידעאַלן.

חבר פריליכאָוו איז א געטרייער יורש פון אונדזער פאַר־שטאָרבענעם גרויסן טעאָרעטיקער נחמן סירקין. יעדעס מאָל ווען חבר פריליכאָוו שרייבט עפּעס, וואָס האָט א שייכות מיט די פּראָבלעמען און נויטן פון אונדזער פאָלק, און מיט דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין דער וועלט, דערפילט מען שטענדיק אין טאָן און אין אינהאַלט דעם גרויסן שוואונג, די טיפע פארשטענ־דעניש און די ווארעמע ליבע צום אידישן פאָלק, וואָס סירקין האָט אזוי גלענצנד פאַרטראָטן.

חבר משה פריליכאָוו האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן א באַ־זונדערע ווארעמקייט צו קאַמפן פון קלענערע פעלקער פאַר זייער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. יעדעס מאָל ווען ער האָט געשריבן וועגן א קאַמף פון א פאָלק פאַר נאַציאָנאַלער אַנערקענונג און נאַ־ציאָנאַלער באַפרייאונג, האָט ער אויפ׳ן גלענצנדן אופן מיט דעם קאַמף פאַרבונדן די העכסטע אידעאַלן, וואָס דער ריינער, אמת־פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם שטעלט מיט זיך פאָר.

אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַמע־ריקע איז חבר פריליכאָוו איינער פון די חברים, וואָס האָט שטענ־דיק אַרויסגעוויזן ווארעמקייט און א טיפע באַציאונג צו די אידיי־

אישע אויפגאבן און צו די פראקטישע טעטיקייטן, וואס אונדזער פארטיי און די גאנצע באוועגונג פירט אין אמעריקע.

די לעצטע יארן קומט חבר פריליכאוו אויס גאנץ אפט צו באזוכן די שטעט אין דער סאוט. די דארטיקע חברים פון אידיש־נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד, ווי איבערן גאנצן לאנד, ווייזן ארויס צו חבר פריליכאוו די גרעסטע אכטונג און די טיפסטע ליבע, וועלכע ער פארדינט. עס איז דערפאר געווען א גלענצנדע אידייע פון אונדזער פארבאנד צווייג 71 אין אטלאנטא, ארויס־צוגעבן חבר פריליכאוו'ס געזאמלטע שריפטן אין בוך־פארם, אין פארבינדונג מיט דעם 25 יאריקן יובילעאום, וואס דער ברענטש פייערט אין חודש מאי, 1938.

דער פארבאנד־צווייג אין אטלאנטא האט נישט געקאנט געבן זיינע אייגענע מיטגלידער, אויך דער גאנצער ציוניסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג, קיין שענערע און בעסערע מתנה צום יובי־לעאום יום־טוב.

מיר האפן, אז אונדזערע פארבאנד־צווייגן איבער'ן גאנצן לאנד וועלן העלפן פארשפרייטן דאס וויכטיקע ווערק פון חבר משה פריליכאוו. ווען דאס ווערק וועט פארשפרייט ווערן וועט גלייכצייטיק מיט דעם, פארשפרייט ווערן דערהויבונג און פארטי־פונג פון די ציוניסטיש־סאציאליסטישע אידעאלן.

מיר שיקן אונדזער הארציקסטע באגריסונג צו חבר משה פריליכאוו, צו זיין גייסטרייכן שאפן, און א באזונדער באגריסונג צו אונדזער צווייג 71 פון אידיש־נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד אין אטלאנטא, און צו אלע אנדערע, וועלכע האבן מיטגעהאלפן ארויסגעבן דאס וויכטיקע ווערק פון אונדזער ליבן מחבר.

גענעראל עקזעקוטיווע פון אידיש־
נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד

ל. סיגאל, גענ. סעקרעטאר

אפריל 18, 1938

במקום פארווארט — א פאר ווערטער פון

דוד פינסקי

דער אנבאט אנצושרייבן א פארווארט צו חבר משה פריי ליכאוו'ס שריפטן איז מיר געמאכט געווארן אין דער לעצטער מינוט, ווען דאס בוך האט שוין געדארפט ארויפגענומען ווערן אויף דער דרוקמאשין און גראד, ווען איך האב זיך געפאקט אין וועג אריין צו אן ארומרייז. טוט עס מיר זייער לייד. ווייל איך וואלט געוואלט אנשרייבן מער ווי א פאר שורות, און אויב שוין א פאר שורות, וואלט איך זיי געדארפט אנשרייבן נישט געכאפט און נישט געיאגט, מיט פולן קאפ און גאנצן הארץ, ווי חבר משה פרייליכאוו פארדינט.

אן אפשטאם פון די ליובאוויטשער רביים, א פראדוקט פון דער אידישער און אלגעמיינער קולטורעלער וועלט, פון אביי און רבא און מארקס און קראפאטקין, איינער פון די ערשטע קעמפער אין די שורות פון דעם סאציאליסטיש־ציוניסטישן געדאנק, אן אומדערמידלעכער טוער אין דער פועלי־ציוניסטישער באוועגונג. און איבער אלץ א ליבער, ערלעכער, אמת ליבנדיקער, זייער עניוות'דיקער מענטש־אריסטאקראט. אט די דאזיקע שיינע פערזענלעכקייט שטייט הינטער יעדער שורה, וואס ער האט אויפגעשריבן, הינטער יעדן ווארט, וואס ער זאגט ארויס.

א סך פון די ארטיקלען אין דעם בוך זיינען פארעפנטלעכט געווארן אונטער מיין רעדאקציע אין די אויסגאבן פון דער פארטיי פועלי ציון. איך קען זיי, און איך ווייס, אז זיי זיינען נישט אלטגעבאקן געווארן. אבער די אינהאלט־פארצייכניש ציגט אן, אז דאס גאנצע בוך אנטהאלט ארטיקלען און אפהאנדלונגען אויף טעמען, וואס זיינען אינטערעסאנט און באלערנדיק צו יעדער צייט. ווינטש איך דעם בוך אן אמת ווארעמע אויפנעם און דעם מחבר א סך נחת.

דוד פינסקי.

פון מחבר

איך וויל דאָ אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צום צווייג 71 פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיע, צו די חברות און חברים פון דער באַוועגונג אין דרום ראַיאָן, ווי אויך צו די מיטגלידער פון דער וואַשינגטאָנער גרופּע פאַר זייער חבר'שע פריינטשאַפט אין מאַכן מעגלעך עס זאָל קאָנען דערשיינען דער פאָרליגנדער בוך, וואָס האָט געזאַלט אַרויס צו דער געלעגנהייט פון מיין אַלט ווערן פופציק יאָר.

ביים דערמאָנען די שטאָט אַטלאַנטאַ, קומען אויפ'ן געדאַנק יענע נאָענטע און האַרציקע חברים וועלכע זענען געוועזן די פּיאָנערן פון אונדזער באַוועגונג אין דער „סאַוט". אידעאַליסטן וועלכע זענען נים פאַרהאַרטעוועט געוואָרן פון דער אַלטעגלעכער פּראָזאַאישער אומגעבונג, און וועלכע זענען ליידער אַזוי פריצייטיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן. דער מחבר וויל אויף דיזן פּלאַץ עפנטלעך סאַלוטירן דעם ליכטיקן אָנדענק פון די חברים אברהם איזראַילס, שיף; די ברידער לעמל און הערי קוניאַנסקי, יחזקאל גלאַזער און די חברה ראָזע צענקער.

אין איצטיקן באַנד געפינט זיך אַ טייל פון מיינע כתבים, וועלכע זענען אין לויף פון די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר דערשינען אין פאַרשיידענע צייטשריפטן. עס גייען אויך אַריין אייניקע זאַכן וועלכע ווערן דאָ צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט.

אין לויף פון די לעצטע דריי צענדליק יאָר, בעיקר אין מיין „היים־שטאָט" וואַשינגטאָן, האָב איך, לויט מיינע באַגרעניצטע כחות, אין פּריוויליקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, געזוכט צו דערוועקן אינטערעס אין דעם אוניווערסאַלן קאַמף פאַר מענטש־לעכן פאַרשריט קעגן די כחות פון רעאַקציע און פאַרקנעכטונג, און האָב דורך וואָרט און פען געדינט דעם סאָציאַליסטיש־ציוניס־טישן אידעאַל פון אידיש־נאַציאָנאַלע פרייהייט און זעלבסט־עמאַנ־סיפּאַציע.

צוריקבליקנדיק איצט איבער די פארגאנגענע דרייסיק יאר לעבן, און אין ליכט פון דער שטורמדיקער צייט, וועלכע מיר לעבן אדורך, א צייט אין וועלכע די דראענדע שלאנג פון פאשיזם האט דערהויבן איר מיאוס'ן קאפ און כוואליעס פון ברוטאלן אנטי־סעמיטיזם פארפלייצן לענדער אין אלע וועלט־טיילן, בין איך מער ווי ווען ניט איז פריער, פארשטארקט אין מיין גלויבן, אז די ליכ־טיקע און באדייטנדע דערגרייכונגען פון אונדזער אוואנגארד אין ארץ ישראל, דאס רעכט פון דעם אידישן מענטש צו לעבן און צו ארבעט אין אלע לענדער, און די עווענטועלע פולשטענדיקע באַ־פרייאונג פון אידישן פאלס, קאן געזיכערט ווערן ווען מיר אידן וועלן פארבליבן אומאפטיילבאר אלעאירט מיט די כחות פון מענטשלעכן פארשריט און מיט דער פרייהייטלעכער דעמאקראטי אין דער וועלט!

דער מחבר

ערשטע אָפּטיילונג

אונטערן צייכן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם

דוב בער באָראָכאָוו

1881-1917

צוויי שעפער פון פועלי ציוניזם
באָראָכאָוו און סירקין

די תקופה פון אידישן לעבן אין דער נאָענטער פארגאנגענ־היט, אין וועלכער עס האָט זיך אַנטוויקלט די היינטיקע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע ארבעטער פאראייניקונג, דער אַלוועלטלעכער פאר־באַנד פועלי ציון (פאראייניקט מיט די צעירי ציון), איז געווען אַן עפּאָכע פון געראנגל צווישן ענטקעגנגעזעצטע אידייען, שטי־מונגען, באַגריפן, פאָראורטיילן, ווי אויך אידעאַליסטישע שטרע־בונגען אין אידישן ארבעטער לאַגער. אין יענע שטורמישע יאָרן זענען אויף דער בינע פון אידישן עפנטלעכן לעבן דערשינען אַ צאָל באַדייטנדע און באַגאַבטע לערער און פירער. און אין סאַמן פאָדערגרונט פון אָט די דאָזיקע אַנגעזעענע פערזענלעכקייטן שטייען די לייכטנדע גייסטיקע געשטאַלטן פון נחמן סירקין און דוב בער באָראָכאָוו.

דער ערשטער, מיט דער עקזאַלטירטער און עקזאַלטירנדער באַגייסטערונג פון דעם נביא האמת, פון דעם עטישן שטורמער און פאָלק'ס טריבון, און דער צווייטער, מיט דער לאָגיק פון דעם פאָרשנדן און אַנאַליטישן דענקער פאראייניקט מיט הייסע ליבע צו די ליידנדע פאָלקס־מאַסן, האָבן מיט זייער קלאָרן בליק, פריער פון אַנדערע, דערזען, מיט דרייסטקייט אַליין באַטראָטן און אונדז אָנגעוויזן דעם וועג צו אידישער פרייהייט. דעם שווערן אָבער איינ־ציק ווירדיקן ארויסגאַנג פון דעם אומגליקלעכן לאַבירינט פון היימלאָזיקייט און פון רעכטלאָזיקייט ; דעם וועג באַרג־ארויף, וועל־כער פירט צו דער פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון דעם אידישן פאָלק.

דוב בער באָראָכאָוו, דער ערשטער טעאָרעטיקער און וויסנ־שאַפטלעכער באַגרינדער פון דעם פועלי ציוניזם, איז אַלט געווען ניט מער ווי זעקס און דרייסיק יאָר, ווען דער טויט האָט אַזוי אומ־דערוואַרטעט אַ סוף געמאַכט צו זיין נוצלעכן לעבן.

אָנפאַנגענדיק זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין זיין צוואַנ־ציקסטן לעבנס־יאָר, אין 1901, דעם זעלבן יאָר אין וועלכן סירקין, דער פאָטער פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג האָט פאַרעפנטלעכט, אין דער רוסישער שפּראַך זיין אויפ־רוף צו דער אידישער יוגנט, די „וואָזוואַניע קי יעווריסקאָי מאָלאָדיאָזשי", האָט באָראָכאָוו אין קורצע זעכצן יאָר צייט, באַוויזן ארויפצוליגן זיין גייסטיקן שטעמפּל אויף אַ גאַנצן דור אידישע ארבעטער און אינטעליגענטן. זיין אידייאישער איינ־פלוס האַלט אין וואַקסן אויך היינט צו טאָג, נאָך זיין פאַרשווינדן פון דער לעבנס־ארענא. ווי אַ לעגענדאַרישע פיגור שוועבט זיין בילד איבער דער אידישער ארבעטערשאַפט אין ארץ ישראל, וואו זיין נאָמען ווערט דערמאָנט מיט ליבע און מיט הויכשעצונג.

באָראָכאָוו איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט, אויף אַ וויסנשאַפטלעכן שטייגער, טעאָרעטיש קאָאָרדינירט און פאַראייניקט די צוויי הויפּט שטרעבונגען און וועלונגען פון דעם דערוואַכטן אידישן ארבעטער קלאַס; — דעם פּראָלעטאַרישן דראַנג צו סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט און צו געזעלשאַפטלעכן איבערבוי דורך דעם סאָציאַליזם, און דעם דראַנג צו נאַציאָנאַלער אויסלעזונג און באַפרייאונג דורך דעם ציוניזם. ער האָט אידעאָלאָגיש פאָרמולירט דעם פּראָגראַם פון דער באַוועגונג, וועלכע, זיך באַזירנדיק אויף די רעאַליטעטן פון דער אידישער לאַגע אין דער וועלט, שטרעבט צו לעזן אויף אַ ראַדיקאַלן און וואָרצלדיקן אופן, די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פון דעם אידישן לעבן.

דער גרויסער און געוואַגטער פאַרנעם פון דער יונגער באַוועגונג האָט צוערשט ארויסגערופן גרינגשעצונג, און דערנאָך, ווען זי האָט זיך פענאָמענאַל אַנטוויקלט, שאַרפע באַקעמפונג מצד די אידייען

קעגנער. היינט צו טאָג איז דער סאָציאַליסטישער ציוניזם געוואָרן א דאָמינירנדע אידעאָלאָגיע אין דער אידישער וועלט.

פרי ווידמעט זיך דער יונגער באָראָכאָוו צום פרייהייטס קאמף. באוואָפנט גייסטיק נאָך אין זיינע גימנאזיע יאָרן מיט א היבשער מאָס קענטעניש פון סאָציאָלאָגיע, מאטעמאטיק, עקאָנאָמיע, עטיק, געשיכטע, פילאָסאָפיע און לאָגיק, וועלכע דער יונגער עלוי האָט מיט זעלטענע חריפות אין זיך איינגעזאפט, פארבינדט ער זיך מיט דער רוסלאנדער סאָציאַל־דעמאָקראטישער פארטיי אין פאָלטאווע, אין דעם יאָר 1900. באלד נאָכדעם קומט ער אין יעקאטערינאָ־סלאוו, וואו ער צייכנט זיך אויס מיט זיינע באלערנדע לעקציעס אין אינטעליגענטישע קרייזן, און מיט זיינע פאָפולערע פאָרטראָגן צווישן די ארבעטער. זיין איינפלוס וואקסט, און אין גיכן ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון די אָנפירער פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראטי. די פארטיי באשטימט אים צו זיין איינער פון אירע רייזנדע אגיטאטאָרן צו פארשפרייטן סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע אידייען, צווישן די רוסישע ארבעטער מאסן. און באָראָכאָוו ווערט פאָפולער אין דרום רוסלאנד, ווי א פּראָפּאגאנדיסט און לעקטאָר פונם מארקסיזם.

זיך צוקוקנדיק נעענטער צום אידישן לעבן, מיט וועלכן ער קומט צו יענער צייט אין ענגערער בארירונג, פאראינטערעסירט זיך באָראָכאָוו אויך אין אידישע פּראָבלעמען. וואָס טיפער ער האָט זיך אריינגעטראכט אין דער אידישער לאַגע אין רוסלאנד, און שטודירט דעם אידישן פּראָבלעם אויך אין אנדערע לענדער, איז דער יונגער רוסיש־אידישער סאָציאַל־דעמאָקראט געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אָן דער פולשטענדיקער נאציאָנאלער באפרייאונג איז ניט מעגלעך וועלכע ניט איז ראציאָנאלע פארענטפערונג פון די אידישן נויטן; און אז אָט אזא פולשטענדיקע נאציאָנאלע באַ־פרייאונג פון פאָלק קאָן דערגרייכט ווערן בלויז דורך דעם טערי־טאָריאליזם, ד. ה. דורך ענטוויקלען די מעגלעכקייטן פאר א נאַ־ציאָנאלן אידישן צענטער אין אָן אייגן לאנד.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו ווערט באָראָכאָוו צו יענער צייט באַ־פריינדעט מיט די ציוניסטישע פירער מ. מ. אוסישקין און שמריהו לעווין, וועלכע פירן דאָרט אָן אָן אינטענסיווע ציוניסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע. ביידע, דער „אייזערנער מאַן” אוסישקין און דער גייסט־רייכער לעווין, דערקענען אין אים אַ קומענדן פירער, אַ וויכטיקע גייסטיקע קראַפט פאַר דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

אין לויף פון די שטורמדיקע יאָרן 1904-5-6-7, די יאָרן פון דעם ערשטן מאַסן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין רוסלאַנד, יאָרן פון אידייען שטרייטן און רעוואָלוציאָנערער אַקטיוויטעט, פירט אָן דער יונגער באָראָכאָוו אַ צאָל עפנטלעכע דיסקוסיעס און דעבאַטן מיט פּראָמינענטע אידייען קעגנער, וועגן דעם ציוניזם און דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם.

דער קישענעווער פּאָגראָם אין יאָר 1903, האָט אונטערגע־איילט דעם גרויסן קריזיס אין דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען דער ביטערער אינערלעכער קאַמף, ארום דעם „אוגאַנדע” פּראָיעקט פאַר אידישער אויטאָנאָמער קאָ־לאָניזאַציע אין מזרח־אפריקע. די גרוילעכע פּאַסירונג אין בעסאַ־ראַביע האָט אויפגעטרייסלט די אידישע אינטעליגענץ און יוגנט אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. מען האָט אָנגעהויבן רע־ווידירן דעם אַסימילאַטאָרישן קורס, ווי ס׳איז געווען דער פאַל אין די אַכציקער יאָרן. די שאַקירנדע פּאַסירונג מיט דער נאָכפאָלגנ־דער גייסטיקער איבערשאַצונג פון ווערטן, האָט אויך באָראָכאָוו׳ן דערנעענטערט צו דער ציוניסטישער באַוועגונג.

נאָך אַ קורצן פּעריאָד פון טעטיקייט ביי די אַלגעמיינע ציו־ניסטן, שליסט ער זיך אָן ווי אַ מיטגליד אין דער פּועלי ציוניס־טישער פּאַרטיי אין דרום רוסלאַנד. דאָס איז געווען די פּאַרטיי פון וועלכער יצחק בן־צבי, שפּעטער איינער פון די סאַמע אָנגעזעענסטע טוער און פּאָרשטייער פון דער אידישער ארבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, איז געווען איינער פון די הויפּט איניציאַטאָרן און צו יענער צייט אַ באַדייטנדער אָנפירער.

די יונגע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער באַוועגונג אין רוסלאַנד, האָט, ווי די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג, דורכגעמאַכט דעם ערנסטן קריזיס און האָט זיך לסוף געשפּאָלטן איבער דער שטריט־פראַגע: צוערשט, „ציון אָדער אוגאַנדע", און דערנאָך „ציון אָדער טעריטאָריע". באָראָכאָוו און בן־צבי האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט די פּאַלעסטינישע פּועלי ציון אין די אידעאָלאָגישע שטרייטן מיט די טרעגער פון דעם ניט־פּאַלעסטינישן טעריטאָריאַליזם. אין די דאָזיקע פּאָלעמישע קאַמפן האָבן די צוויי חברים גענומען אַן אָנפירנדן אָנטייל.

א דאַנק די אויבן דערמאָנטע אינטעלעקטועלע ויכוחים מיט זייערע אידייען קעגנער, בעיקר אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, ווערט ביי באָראָכאָוו'ן רייפער און קאָנקרעטער דער געדאַנק פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם. איינס נאָכ'ן אַנדערן וואַרפט ער אָפּ די פּאָליאַטיוון פון די בונדישע טעאָרעטיקער, פון די וואָרט פירער פון די סיימאָוועצעס, און פון די אַנדערע גרופּירונגען פון די „האַלבע אָדער דריי־פערטל" נאַציאָנאַליסטן. מיט שניידנדיקער לאָגיק אַנאַליזירט ער גייסטיק זייערע פּאַרגעלייגטע „רעצעפּטן" צו קורירן די אַנגעווייטיקטע אידיש־נאַציאָנאַלע פּראַגע. ער זוכט און געפינט גאַנצקייט, און ער אַנטוויקלט וויסנשאַפטלעך און באַגרינדעט טעאָרעטיש די אידייען פון פּועלי ציוניזם. ער פאָרמולירט דעם פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי פּועלי ציון.

אָפּוואַרפנדיק די טענה פון די קעגנער פון דער ציוניסטישער אידייע און באַוועגונג, אַז דער ציוניזם און דער אידישער נאַציאָנאַליזם פאַרפירן די אידישע אַרבעטער און פאַרטונקלען זייער קלאַסן־באַוואוסטזיין, באַווייזט באָראָכאָוו אין זיין באַלערנדער וויכטיקער שריפט: „די קלאַסן אינטערעסן אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע", אַז דער רעאַלער נאַציאָנאַליזם פון דעם פּראָלעטאַריאַט איז ניט קיין שטער צום קלאַסן באַוואוסטזיין, נאָר אין קעגנטייל, — אַ נויטיקער פאַרבאַדינג צו אַ געזונטער און נאָרמאַלער קלאַסן־סטרוקטור און קלאַסן קאַמף . . . און ער ווייזט אָן אַז:

„ביים פּראָגרעסיוון קלאַס, ביים אָרגאַניזירטן, רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט פון אַן אונטערדריקטע נאַציע, דריקט זיך אויס זיין רעאַלער נאַציאָנאַליזם אין די שטרייבונג און קלאָר פאָרמולירטע פאָדערונגען, וועלכע ער שטעלט אַרויס אין זיין פּראָגראַם־מינימום, וואָס האָבן דעם קלאָר אָנגעוויזענעם ציל, צו ברענגען, דורך אַנטוויקלען די נאַציע אין נאָרמאַלע פּראָדוקציאָנס באַדינגונגען, צו אַ נאָרמאַלן אַרבעטס־און קאַמפּס־פּלאַץ פאַר'ן פּראָלעטאַריאַט".*)

און „לויט איר סטרוקטור" דאַרף אַט דער דאָזיקער נאָרמאַלער אַרבעטס־און קאַמפּס־פּלאַץ, די טעריטאָריע פון דער אידישער איינוואַנדערונג זיין . . . „ אַ האַלב אַגראַרע, וואוהין עס וועלן במילא קאָנען אַריינדרינגען די אידישע אימיגרירנדע קליינע קאַפּיטאַל און אַרבעטס קראַפט . . . און אַזאַ לאַנד איז ארץ ישראל. („וואָס ווילן די פּועלי ציון?" פּוע"צ שריפטן זייט 101).

פעסטשטעלנדיק און באַטראַכטנדיק מיט אומבאַשטרייטבאַרער לאָגיק און שאַרפזין, דעם פּאַלעסטיניזם פון די אידישע אַרבעטער, באַווייזט באָראָכאָוו אין זיין וויכטיקער שריפט „אונדזער פּלאַטפאָרמע", אַז דער ציוניזם איז ניט קיין אוטאָפּיסטישער חלום, נאָר אַ „סטיכישער פּראָצעס" וואָס פירט, געטריבן און פאַרשנעלערט דורך די רעאַלע נויטן פון דער אידישער ווירקלעכקייט, צו אַ קאָנצענטרירטער אידישער אימיגראַציע נאָך פּאַלעסטינע. ער ווייזט אויך אָן, אַז די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פירט צו דער פאַרווירקלעכונג פון דער טעריטאָריאַלער פּאָליטישער אויטאָנאָמיע פון דעם אידישן פאָלק דורכ'ן קלאַסן־קאַמף פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט.

בשעת עס האָבן נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין דעם יאָר 1906, אויסגעבראָכן די גרויסע כוואַליע פּאָגראָמען אויף אידן, העלפט באָראָכאָוו אָרגאַניזירן זעלבסט־שוץ

*) זעט: „קלאַסן אינטערעסן אין דער נאַצ. פראַגע" ד. ב. באָראָכאָוו, פּועלי ציון שריפטן ערשטער באַנד, זייטן 82-83. אויסגאַבע פּועלי ציון פאַרלאַג נו-יאָרק, 1920.

גרופּן, און שטעלט צו געווער פאַר דער אידישער „סאַמאַ אבאַראַנאַ".

פּאָליציי שפּיאָנען אין פּאָלטאַווע געפינען לסוף אויס דעם געהיימען געווער לאַגער פון דער פועלי ציוניסטישער זעלבסט־שוץ. מען אַרעסטירט דעם גאַנצן צענטראַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איינגעשלאָסן בער באָראַכאָוו'ן.

אין טורמע טרעפט ער אַ צאָל אַרעסטירטע אוקראַאינישע פּויערים, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן אין די נעגל פון דער צאַרי־שער מאַכט, צוליב זייער אַקטיוון אנטייל אין דער אַגראַר־רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג אויף דער אוקראַינע אין יענער צייט. און אויך דאָ, אין געפענגעניש, רוט ניט דער אומדערמידלעכער באָ־ראָכאָוו. ער באַפריינדעט זיך און געווינט דעם צוטרוי פון די „אוקראַאינער", און האַלט פאַר זיי אַ סעריע אויפקלערנדע לעקציעס וועגן די יסודות פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע און וועגן סאָציאַליזם.

מיט דער הילף פון זיינע פּאַרטיי חברים געלינגט באָראָכאָוו'ן צו אַנטלויפן פון טורמע, און ער קומט אָן בשלום אין אויסלאַנד. עס הויבן זיך דאָן אָן זיינע וואַנדער־יאָרן וועלכע זענען אָבער אויך געווען יאָרן פון פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט אין אַ צאָל איירָאָפּעאי־שע לענדער.

דער אויסברוך פון דער וועלט מלחמה אין זומער פון יאָר 1914 געפינט באָראַכאָוו'ן אין עסטרייך, פון וואַנען ער ווערט באַלד אויסגעוויזן ווי „אַ רוסישער אויסלענדישער שונא". דער שיקזאַל ברענגט אים קיין אַמעריקע. די אָנוועזנהייט פון דעם גייסטרייכן דענקער און געזעלשאַפטלעכן טוער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט דערהויבן און דערמוטיקט ניט בלויז זיינע אידייען חברים, נאָר זיין גייסטיקע השפעה האָט זיך גלייך פון אָנהויב אָן, אויך געלאָזט פילן אויפ'ן אַמעריקאַנעם אידנטום.

צוליב דעם גרויסן און וואַקסנדן חורבן וועלכן די בלוטיקע צווישנפעלקערלעכע מלחמה האָט אַריינגעבראַכט אין דעם אידישן לעבן אין איירָאָפּע, איז דאָס פרייע און עקאָנאָמיש געזיכערטע

אמעריקאנער אידנטום געוואָרן דער הויפּט שטיץ פּונקט פאַר'ן גאַנצן פאָלק. אין דער האָפענונג אויף אמעריקא האָט זיך דער אַלוועלטלעכער אידנטום ניט געגאַרט. די אידן אין די פּאַראייניקטע שטאַאטן, צוערשט דורכמאַכנדיק אַן אינערלעכן גייסטיקן געראַנגל צווישן די אַנטאַגאָניסטישע כחות פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און פון אַסימילאַטאָרישער שטיל־טרעטונג, האָבן זיך דערהויבן צו דער רוף פון דער צייט. דער נאַטירלעכער און געזונטער געפיל פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסט דערהאַלטונג אין די פאָלקס מאַסן האָט לסוף פאַרשוויינקט אַלע שטערונגען פון די קענגער פון געאייניקטער נאַ־ציאָנאַלער אַקציע. אָבער עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך אויפקלע־רונג און אומגעהייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַמיאונגען צו שאַפן אַן אָרגאַניזירטן געאייניקטן אמעריקאַנעם אידנטום.

אומדערמידלעך און מיט ענטוזיאַזם אַנטוויקלט דאָ באָראָ־כאָוו אַ רייע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן אויף פאַרשידענע געביטן פון פאָלקס לעבן. מינדלעך און שריפטלעך אַגיטירט ער פאַר אי־דישע אַרבעטער און פאָלקס פאַראייניקונג, פאַרן אידישן קאָנגרעס, פאַר דעם כבוד פון דער אידישער שפּראַך, פאַרן פּועלי ציוניזם, און פאַר דער באַשיצונג פון אידישע רעכט אין אַלע לענדער.

פאַר דער חשיבות פון דער אידישער פאָלקס שפּראַך, פּאָ־לעמיזירט באָראָכאָוו מיט יענע חברים זיינע . . . „וועלכע רעדן וועגן דער „גלייכבאַרעכטיקונג" פון ציון און גלות, פון העברייאיש און אידיש ווען אין דער ווירקלעכקייט שטייט ביי זיי ציון אַ סך העכער איידער דער גלות און העברייאיש אַ סך העכער איידער אידיש".*)

ער באַקעמפט אויך שאַרף די לעבלעכע אויב ניט באַשטימט־נעגאַטיווע באַציאונג צום גלות און צו דער „גלות אַרבעט" מצד אייניקע פירנדע חברים פון דער פּועלי ציון פּאַרטיי אין אמעריקע...

*) ד. ב. באָראָכאָוו: אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" נומערן פון 17טן און 24טן יולי, 1915.

„פאַר אונז" שרייבט ער, „האָט די אַרבעט אין גלות ניט קיין קלענערן ווערט אַליין פאַר זיך, אַלס זעלבסטשטענדיקער צוועק, איידער די אַרבעט פאַר ציון. דער גלות און ציון זענען ביידע אַ צוועק פאַר זיך, און ביידע קאָנען נוצן אַלס מיטלען איינער פאַר'ן צווייטן. געזונטער גלות לעבן, געזונטע זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ ישראל, געזונטע אַרבעטער באַוועגונג — אָט דאָס איז דער אידעאַל".*)

אין מיטן פון דער אויבן דערמאָנטער אינטענסיווער און פאַר־צווייגטער טעטיקייט וועלכע שלינגט איין אַ ים מיט ענערגיע, גע־פינט אויך דוב בער באַראָכאָוו צייט פאַרצוזעצן זיין וויסנשאַפט־לעכע אַרבעט וועגן דער אידישער ליטעראַטור און זיינע פילאָלאָגי־שע פאָרשונגען. אויך אין ברען פון פּאָליטישן קאַמף הערט ער ניט אויף צו זיין דער אומדערמידלעכער למדן און מתמיד.

נאָך דעם ערשטן גרויסן נצחון פון דער רוסישער רעוואָלוציע און די שטירצונג פון דעם צאַריזם אינ'ם פרילינג פון יאָר 1917, עפנט זיך פאַר באַראָכאָוו'ן אַ ברייטע פעלד פאַר לעגאַלער געזעל־שאַפטלעכער אַקטיוויטעט אין זיין אַלטער היימאַט. צו יענער צייט פאַרזאַמלט זיך אין מאָסקווע די ערשטע פועלי ציון פּאַרטיי קאָנ־פערענץ, וועלכע ווענדעט זיך צו באַראָכאָוו'ן מיט אַ באַגריסונג און גלייכצייטיק מיט אַ דרינגנדער אויפפאָדערונג, ער זאָל צוריק־קומען קיין רוסלאַנד און העלפן אין דער עפנטלעכער פּאַרטיי־אַר־בעט. באַראָכאָוו איז באַלד אָפּגעפאָרן.

אָנקומענדיק אין אייראָפּע, שטעלט ער זיך אָפּ אין שטאָקהאָלם, די שוועדישע מעטראָפּאָליע, וועלכע איז אין לויף פון די מלחמה יאָרן געוואָרן אַ וויכטיקער צענטער פון דעם אייראָפּייאישן אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

פון דעם דאָזיקן נייעם צענטער האָבן די סאָציאַליסטישע און אַרבעטער פירער פון האָלאַנד און פון די סקאַנדאַנאווישע לענדער

---

*) ד. ב. באַראָכאָוו. „פרייע אַרבעטער שטימע" 17טן און 24טן יולי, 1915. איבערגעדרוקט אין צווייטן באַנד געקליבענע שריפטן פון באָ־ראָכאָוו. ארויסגעגעבן אין יאָר 1928 פון ברענטש 14, א. נ. אַ. פּ.

אָנגעפירט זייער טעטיקייט און זיך באמיט צו שאַפן קלאָרקייט און קאָאָרדינאַציע אין דער צעטומלטער פּרייהייטלעכער און רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג פון דער בלוטנדער אייראָפּע. זיי האָבן זיך אונטערגענומען די שווערע ארבעט פון פאַרקניפּן און ווידער שפּי־נען די איבערגעריסענע פעדים פון אינטערנאַציאָנאַלע ארבעטער סאָלידאַריטעט.

אין שטאָקהאָלם טרעפט באָראָכאָוו די אָנפירנדע חברים פון דער אַלוועלטלעכער פועלי ציון פאַרבאַנד'ס ביוראָ, שלמה קאַפּ־לאַנסקי, בערל לאָקער און לעאָן כאַזאַנאָוויטש (כתריאל). זרובבל, ווי באָראָכאָוו, איז אַהינצו אָנגעקומען נאָך דער רוסישער רעוואָלו־ציע. אין לויף פון די שווערע מלחמה יאָרן האָבן די אומדערמידלע־כע און ענערגישע חברים קאַפּלאַנסקי, לאָקער און כאַזאַנאָוויטש אָנגעפירט א ברייטע און, ווי עס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, א פּרוכטבאַרע אויפקלערנדע פּראָפּאַגאַנדע פאַר די צילן און פאָ־דערונגען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אינייִנעם מיט זיינע חברים באַטייליקט זיך באָראָכאָוו אין אויסארבעטן דעם מעמאָראַנדום צום סקאַנדינאַוויש־האָלענדישן קאָמיטעט. דער דאָקומענט האָט געמאַכט א טיפן איינדרוק מיט זיין אינפאָרמאַטיוון, זאַכלעכן און וואָגיקן אינהאַלט, און דער קאָמיטעט האָט באַלד פאַרזיכערט זיין מיטהילף אין קאַמף פאַר איִ־דישע רעכט.

דער מעמאָראַנדום האָט אויך געהאָלפן עפענען דעם וועג צו דער עווענטועלער צולאָזונג פון די פועלי ציון ווי א גלייכבארעכ־טיקטע סעקציע אין דעם אינטערנאַציאָנאַל. די באַמיאונגען פאַר אנערקענונג מצד דעם סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1907 ערב דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס פון צווייטן אינ־טערנאַציאָנאַל, ביי וועלכן די גאַנצע פראַגע פון נאַציאָנאַלן פריי־הייטס קאַמף האָט באַקומען אַן אָלזייטיקע באַלייכטונג.*)

*) זעט זייטן 46 ביז 49 פון דעם איצטיקן באַנד. —מ. פ.

דער שטאָקהאָלמער מעמאָראַנדום פון די פועלי ציון האָט אנטהאלטן אַ ריי קאָנקרעטע אידישע פאָדערונגען צו דער וועלט. פאָדערונגען, וועלכע די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע און ארבעטער באַוועגונג ווערט גערופן קרעפטיק און מיט חבר'שע סאָלידאַריטעט אונטערצושטיצן. צווישן זיי זענען געווען: די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג פון די אידן אין אַלע לענדער, די שאַפונג פון גענוגנדע גאַראַנטיעס פאַר אומגעשטערטע אידישע פרייהייט פון אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע אין אַלע לענדער, און פאַר אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר דעם היימלאָזן און פאַרפאָלגטן פאָלק.

זיין מיסיע אין שטאָקהאָלם דורכגעפירט, פאַרלאָזט באָראָכאָוו שוועדן סוף אויגוסט. פול מיט ענטוזיאַזם, ענערגי, מוט און אַר־בעטס לוסט, און גלייכצייטיק אויך מיט גרויס אומגעדולד, פאָרט ער ענדלעך אָפּ צו זיין געבורטס לאַנד וועלכע ער האָט עלף יאָר צייט ניט געזען.

ער דערגרייכט קיעוו אין סעפּטעמבער, אין צייט זיך צו באַ־טייליקן אין דעם לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די רוסלאַנדישע פועלי ציון. באָראָכאָוו נעמט אַ לעבהאַפטן אנטייל אין די זיצונגען און האלט דאָרטן זיין רעפעראַט וועגן „ארץ ישראל אין אונדזער פּראָ־גראַם און טאַקטיק", וועלכן ער פאַרענדיקט מיט די פאָלגנדע ווערטער:

„מיר דאַרפן אָנהויבן אַ סאָציאַליסטישע אויפבויאונגס טעַ־טיקייט אין ארץ ישראל, און דאָן וועט דער אידישער ארבעטער, דער פּראָמעטעאוס, וועלכער איז צוגעשמידט צום פעלז, זיך באַ־פרייען פון די רויב־פויגל, וועלכע פייניקן און פּיקן אים, און וועט ערשט אַרונטערנעמען דאָס ליכט פון הימל פאַר זיך, פאַר'ן אידישן פאָלק".

ווער פון זיינע צוהערער ביים קיעווער קאָנפערענץ האָט דען געקאָנט פאָראויסזען, אַז די דאָזיקע רעדע וועט זיין באָראָכאָוו'ס לעצטער עפנטלעכער אויפטריט ביי אַ פועלי ציוניסטישן צוזאַ־מענפאָר?

די שלום ווערטער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ענטוזיאַסטישע אַפּלאָדיסמענטן, וועלן פאַרבלייבן דער גרויסן פירער'ס „צוואה" צו זיינע חברים. זיין אָנזאָג פאַרצוזעצן די סאָציאַליסטישע אויפֿבוי אַרבעט אין ארץ ישראל.

קורץ נאָך דעם פּועלי ציוניסטישן צוזאַמענפאָר, פאַרזאַמלט זיך, אויך אין קיעוו, דער „פּעלקער קאָנפערענץ", צו וועלכן עס זענען געקומען פאַרטרעטער פון די אַזוי־גערופענע „מינאָריטעט־פעלקער", וועלכע האָבן געלעבט און געליטן אין דער אַלטער רוסישער אימפּעריע. אונטער דעם אַלטן רעזשים האָבן זיי געליטן אונטערדריקונג און אָנטרעכטונג, און איצט, ווען דער דורות לאַנגער יאָך איז אַרונטערגעפאַלן, זענען זיי צוזאַמענגעפאָרן, ברידערלעך צו בעטראַכטן זייער נייער לאַגע און אָנצייכענען זייער ראָל אין דער באַפרייטער מוטער־לאַנד.

אויפ'ן צוזאַמענפאָר געמט באַראָכאָוו אַן אָנגעזעענעם אַנטייל. און ער האַלט דאָרט אַ רעפעראַט וועגן פרייהייט און פעלקער רעכט.

צווישן די דעלעגאַטן טרעפט ער אַ צאָל פון די אוקראַאינישע פּויערים־בונטאַרן מיט וועלכע ער איז אין יאָר 1906 אינײנעם געזעסן אין טורמע. די לעצטע האָבן אים אויפגענומען מיט ליבע און מיט דרך ארץ, און האָבן אים באַטראַכט ווי איינעם פון זייערע גייסטיקע אינספּיראַטאָרן און פּאָליטישע וועג־ווייזער.

און דאָרט, אויפ'ן שוועל פון אַ נייער און פיל פאַרשפּרעכנדער פעריאָדע אין זיין פאַרבנרייכער קאַריערע, און אין דער צייט ווען ער האָט דערגרייכט די רייפקייט פון זיינע גייסטיקע כחות, קומט אַן אַזוי טראַגיש פּלוצלונג דער סוף . . . פאַרנדיק פון מאָסקווע קיין קיעוו פאַרקילט ער זיך, באַקומט לונגן אָנטצינדונג, און גייט אויס אין אָוונט פון זיבעצנטן דעצעמבער אינ'ם יאָר 1917.

2

אין יאָר 1896, אכט יאָר איידער דער יונגער גימנאַזיסט „באָריא״ באָראָכאָוו האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די פועלי ציון, האָט זיך שוין, אין דער אידישער ווי אויך אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, געלאָזט הערן די שטימע פון נחמן סירקין, וועלכער איז געווען דער ערשטער צו דערהויבן דעם באַנער פון סאָציאַליס־טישן ציוניזם.

פופצן יאָר פריער, אין אָנהויב פון די אכציקער יאָרן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, א קורצע צייט נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט פאַרענדיקט די גימנאַזיע אין מינסק, איז נחמן סירקין צו־געשטאַנען צו די חובבי ציון. קיין מינסק האָט זיך די פאַמיליע סירקין געהאַט אריבערגעקליבן פון מאָהילעוו וואו נחמן איז גע־באָרן געוואָרן.

די דורות לאַנגע אידישע פאָלקס בייגקשאַפט נאָך דער גאולה, נאָך דער אויסלעזונג פון די שפלות פון דעם ביטערן גלות עקזיס־טענץ, די תשוקה צו אַן אמת פרייען, באַנייטן און ווירדיקן פאָלקס לעבן אין דער אומפאַרגעסבאַרער ארץ ישראל, האָט פאַרכאַפּט די נשמה פון דעם יונגן, און צו יענער צייט שוין סאָציאַליסטיש און רעוואָלוציאָנער געשטימטן סירקין. אין די ערשטע באַשיידנדע שריט צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון שיבת ציון און קבוץ גליות דורך גאולת הארץ און ישוב ארץ ישראל, און אויף אַזאַ'ן אופן ווידער אויפשטעלן און צעמענטירן דעם היסטאָרישן צובונד פון פאָלק און לאַנד, האָט ער געזען די מעגלעכקייט פאַר א נאַציאָ־נאַלן רענעסאַנס. און דאָס האָט אָנגעלאָקט זיין ראָמאַנטיש גע־שטימטן און אומרואיק זוכנדן גייסט. מיט זיין קלאָרן און וויטן בליק זעט סירקין אין דער ציוניסטישער אידייע, דעם אָנהויב פון א נייער און שעפערישער עפּאָכע אין דעם לעבן פון אידישן פאָלק. אַן עפּאָכע וועלכע ס'וועט באַשערט זיין צו זען דעם איבערבוי פון דעם גאַנצן פאָלקס לעבן אויף עקאָנאָמיש־געזונטע און נאָר־

מאַלע יסודות, און דעם עווענטועלן איבערגאַנג פון לופט פּרנסות און פון באַדנלאַזיקייט צו אַ שעפעריש פּראָדוקטיוון לעבן.

צו יענער צייט ווערט ער אויך אַן אָנהענגער פון דעם נעאָ־העברייאיש, און ביז צום סוף פון זיין קאַליִרפולן און שטורמישן לעבן, פאַרבלייבט ער דער געטרייער אָנהענגער, פּראָפּאַגאַנדיסט און אייפעריקער פּאַרטיידיקער פון דער ניי אויפגעלעבטער העברייאישער שפּראַך.

די אידישע שפּראַך, באַטראַכט סירקין ווי בלויז אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע פון דעם אידישן גלות לעבן. ווי אַ לשון וועלכער איז בלויז אין איינציקע געציילטע לענדער די אומגאַנג שפּראַך צווישן פאָלק, און אויך דאָרטן, בלויז ביי געוויסע שיכטן. דאַגעגן, באַטאָנט ער, אַז אָבוואָל העברייאיש איז אין לויף פון דער אידישער אומוואַנדערונג אין גלות פאַרשוואונדן ווי אַן אומגאַנגס שפּראַך, איז עס אָבער ניט אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון לעבעדיקן פאָלקס זכרון. אַז אין דער העברייאישער ליטעראַטור און שפּראַך זענען אָנגעזאַמלט די גרויסע היסטאָרישע קולטור אוצרות פון פאָלק, און דער אידיש נאַציאָנאַלער רענעסאַנס דאַרף די דאָזיקע גייסטיקע אוצרות איצט „שמידן און שמעלצן צום שיינענדן גאָלד", און זיי צופּאַסן צו דעם לעבן פון דער נייער צייט. ער באַטראַכט העברייאיש ווי אַ געניאַלע שפּראַך, געניאַל ווי עס איז איר אינהאַלט, דאָס נבואה־אידנטום. דערפאַר איז אָט די דאָזיקע פון פאָלק פאַרהייליקטע און הויך אָפּגעשעצטע שפּראַך די פּאַסנדסטע פאָרם פאַר דער היינטיקער אַנטוויקלונג פון דער נבואה קולטור וואָס וועט דערהויבן ווערן צו נייע הויכן מיט דעם אויפלעבונג, אויף סאָציאַליסטישע יסודות, פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון דעם אידישן פאָלק אין ארץ ישראל.

גלייכצייטיק מיט דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין וואַקסט און אַנטוויקלט זיך זיין אַקטיווער און לעבעדיקער אינטערעס אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד און אין דעם אַלוועלטלעכן קאַמף פאַר'ן סאָציאַליזם. טיף אין זיין נשמה פילט ער קיין שום

סתירה צווישן אַט די דאָזיקע צוויי פריהייטלעכע שטראָמען. נחמן סירקינ'ס פרייער גייסט רעבעלירט קעגן יעדער פאָרם פון רעכט פאַרגוואַלטיקונג און אונטערדריקונג. דער זעלבער ווידער־ווילן וועלכן ער פילט צו דעם גלות צושטאַנד פון זיין אייגענעם פאָלק, און זיין דראַנג צו אַ אידישער פרייל אַנד, — פאַרוואַנדלט אים אין אַ רעבעל קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט־אָרדענונג, וועלכע איז באַזירט אויף מענטשלעכער אונטערדריקונג און אויף עקספּלאָאַטאַציע. און סירקין זוכט אַן אידעאָלאָגישע סינטעזע פון דעם ציוניזם מיט דעם סאָציאַליזם.

די נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט סטימולירט אינטערעס אין דער העברייאישער קולטור. דער נאַציאָנאַלער געפיל געפינט אויס־דרוק אין דער העברייאישער דיכטונג, אין די לידער פון יהודה ליב גאָרדאָן, מרדכי צבי מאַנע און מיכה יוסף לעווענזאָן, און אין דער גלענצנדער אַגיטאַציע פון פרץ סמאָלענסקין מיט זיין זשורנאַל דער „השחר". פריער פון די דערמאָנטע פאָעטן איז דערשינען דער פּיאָנער אברהם מאַפּו מיט זיין „אהבת ציון", „אשמת שומרון" און אַנדערע היסטאָרישע נאָוועלן, געשריבן אין אַ בילדלעך לע־בעדיקן ריינעם ביבליש העברייאישן סטיל, וועלכע האָבן געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן געפיל ביי די אינטעליגענטע שיכטן פון פאָלק. שפּעטער פירט אַן אחד העם זיין גלענצנדע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ קולטורעלן ציוניזם. אַ ציוניזם וואָס שטעלט זיך צופרידן מיט אַ נאַציאָנאַלן קולטורעלן צענטער אין ארץ ישראל, מיט אַ היכל פאַר'ן אידישן גייסט.

דער העברייאיסט אין סירקינ'ען באַגריסט אַט דעם דאָזיקן העברייאישן קולטורעלן אויפשטייג, אָבער דער סאָציאַל רעוואָלו־ציאָנער אין אים דערפילט, אַז דאָס אַליין, אינאיינעם מיט דער צו לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג פון דער חיבת ציון באַוועגונג, איז ניט קיין ענטפער אויף דער גרויסער עקאָנאָמישער נויט פון די אידי־שע פאָלקס מאַסן און שטעלט ניט פאָר מיט זיך אַ ראַדיקאַלע לעזונג פון דעם אַקטועלן נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. אַז אין קמח אין

תורה... די גאַנצע נאַציאָנאַלע באַוועגונג צו יענער צייט, האָט זיך געטאַפּטשעט אין אַן ענגער פּראָווינציאַלער ספּערע, ווייט פון דעם פּולסירנדן פּאָליטישן לעבן פון דער וועלט.

די אַטמאָספערע אין די חובבי ציון קרייזן איז וואָס ווייטער געוואָרן שטיקנדער און די פירער פון דער באַוועגונג קאָנסער־וואַטיווער. סירקין פאַרצייכנט דעם פאַקט דאָס איינציקע פון די ערשטע טרעגער פון דעם שיבת ציון געדאַנק ווי ליליענבלום, יהלל (יהודה ליב לעווין) און ראַבינאָוויטש זענען אָנפאַנגס געווען אָנ־געזאַפּט מיט סאָציאַליסטישע געדאַנקען, אָבער אנשטאָט צו זוכן די פאַרווירקלעכונג פון דעם סאָציאַלן אידעאַל פון די נביאים דורך אַ פאַרגרעסערטער און ברייטערער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָבן זיך, ווי סירקין דערציילט, די מערסטע פון זיי אינגאַנצן אָפּגע־קערט פון סאָציאַליזם און זענען ווי בעלי תשובה צוריקגעקומען אין לאַגער פון דער אַלטמאָדישער אָרטאָדאָקסיע.

די חיבת ציון באַוועגונג, ניט קוקנדיק אויף דעם ברייטן פּראָגראַם פון ד"ר לעאָן פּינסקערס אידייען, איז ביסלעכווייז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ האַלב פילאַנטראָפּישע געלט־קלייבנדע אַגענ־טור צו שטיצן די ערשטע אידישע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל. ווי אַזאַ „אומשעדלעכע" געזעלשאַפט איז זי לעגאַליזירט געוואָרן אין רוסלאַנד. און אַט דאָס, איז זיכער ניט געווען דער גרויסער רע־וואָלוציאָנערער אידעאַל וועלכן סירקין האָט געזען אין דער פּאַ־לעסטינישער באַוועגונג. דער אידעאַל וואָס האָט באַדאַרפט רעוואָ־לוציאָניזירן, אינגאַנצן איבעראַנדערשן דעם לעבן פון פאָלק.

איז דעריבער קיין וואונדער וואָס נחמן סירקין האָט זיך ביסלעכווייז אָפּגעווענדעט פון די חובבי ציון און האָט אָנגעהויבן זוכן אַ ברייטערע פעלד פאַר ציוניסטישער טעטיקייט.

די געלעגנהייט פאַר דעם איז אינגיכן געקומען מיט דער דערשיינונג אין אידישן לעבן פון דאָקטאָר טעאָדאָר הערצל, וועמען ס'איז געלונגען צו באַפרייען דעם ציוניזם פון דעם אַלטן פּאַר־כישופטן קרייז, און צו פאַרוואַנדלען די בענקשאַפט פון פאָלק צו אַ פרייען לעבן, אין אַ ברייטער אָרגאַניזירטער פאָלקס באַוועגונג.

אין מיטן פון די ניינציקער יאָרן, אין דעם אָנהויב פּעריאָד פון דערברייטער אידישער אַרבעטער באַוועגונג אין רוסלאַנד, בשעת דער אידישער סאָציאַליסט־קאָסמאָפּאָליט האָט באַטראַכט דעם ציוניסט און נאַציאָנאַליסט ווי אַ שונא, און אין נאָמען פון זייערע אידעאַלן האָבן דיביידע געזעלשאַפטלעכע ריכטונגען איינער דעם אַנדערן ביטער באַקעמפט, איז נחמן סירקין אַרויס אין דער עפנטלעכקייט מיט דעם גרויסן אמת, אַז דער ציוניזם און דער סאָציאַליזם, זענען ניט און קאָנען ניט סותר זיין איינער דעם צווייטן, נאָר אין קעגנטייל, איינער איז אַ נויטיקע דערגאַנצונג צום אַנדערן. אַז אַ סאָציאַליזם וועלכער אַנערקענט ניט דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלער פרייהייט און זעלבסט־באַשטימונג פון דעם אידישן פאָלק, ווי בכלל פון יעדן פאָלק, איז ניט קיין פולשטענדיקע אינטערנאַציאָנאַלע פרייהייטס־באַוועגונג; און אַז אַ ציוניזם וועלכער דער־צילט אויפצובויען אַ אידישע היימלאַנד, אָבער וועלכער איגנאָ־רירט די נאַטירלעכע שטרעבונגען צו סאָציאַלער פרייהייט מצד די אידישע אַרבעטנדע מאַסן, דעם דראַנג צו יענער געזעלשאַפטלע־כער גלייכהייט און גערעכטיקייט וואָס דאַרף זיין דער יסוד פון יעדע נייע מענטשלעכע געזעלשאַפט, — איז בלויז אַ באַגרענעצטע און אַ פאַרשמעלערטע פרייהייטס באַוועגונג.

צו ווערן ווירקזאַם אין דעם לעבן פון די איינצעלנע פעלקער ווי אויך איינפלוסרייך אין צווישן פעלקערלעכע באַציאונגען, מוזן די סאָציאַליסטן אַקטיוו זיך באַטייליקן אין די נאַציאָנאַלע פריי־הייטס באַוועגונגען פון די אונטערדריקטע פעלקער, ווייל בלויז פרייע פעלקער זענען דער באַזיס פאַרן אמתין און רעאַלן אינטער־נאַציאָנאַליזם און פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפט, און די טרעגער פון דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם מוזן זיך שאַרף אָפּ־שיידן פון יעדן שאָוויניזם, און אַקצעפּטירן דעם גרויסן עטישן אידעאַל פון סאָציאַלן יושר, ניט בלויז ווי אַ פרומען וואונטש, ווי אַן אבסטראַקטע אידייע, נאָר ווי אַן עיקר יסוד פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן פון פאָלק.

און מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק האָט ד"ר נחמן סירקין אויף זיך גענומען, דאָס וואָס ער האָט צו יענער צייט אָנגערופן, די אומדאָנקבאַרע אויפגאַבע פון זיין אַ ציוניסט צווישן סאָציאַליסטן און אַ סאָציאַליסט צווישן ציוניסטן.

די דאָזיקע אויפקלערנדע מיסיע האָט ער גלענצנד דורכגעפירט. ער האָט דערלעבט די צייט ווען פילע פון די ערשטע קעגנער האָבן אַקצעפּטירט דעם הערלעכן אידעאַל פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, און ווען דער קאָנסטרוקטיווער סאָציאַליזם פון דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט אין ארץ ישראל באַגייסטערט די בעסטע דענקער און פּאָרגעשריטענע עלעמענטן פון אַלע לענדער, מיט זיינע פּראַקטישע אויפטואונגען און קאָאָפּעראַטיווער ארבעט.

אין בערלין, וואו ער באַזוכט די אוניווערזיטעט און שטודירט פילאָסאָפיע; אין דער שווייץ, וואו ער שטודירט אַ ווייל אין מעדיצינישן פאַקולטעט, אָבער וואו ער פאַרברענגט די צייט מערסטנס מיט אויפקלערנדע לעקציעס, מיט אַגיטאַציע און אין הייסע דיסקוסיעס איבער זיינע אידייען און אַנשויאונגען אין אַנאַרכיסטישע, סאָציאַליסטישע און אידישע סטודענטן-קרייזן; ווידער אין דייטשלאַנד פון וואַנען די רעגירונג ווייזט אים אין גיכן אויס צוליב סאָציאַליסטישער אַקטיוויטעט, און באַלד דערנאָך אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, און שפּעטער אין אַמעריקע, פירט אָן נחמן סירקין אַן אומדערמידלעכע מינדלעכע און שריפטלעכע אַגיטאַציע פאַר דעם ציוניסטיש סאָציאַליסטישן אידעאַל. ער איז אומעטום דער אומרואיקער, אומגעדולדיקער שטענדיקער רעבעל קעגן די איבלען פון דער איצטיקער געזעלשאַפט.

האַלבקייט און קאָמפּראָמיס שטעלט אים ניט צופרידן. מיט דרייסטקייט נעגירט ער דעם גלות און זוכט זיין אָפּשאַפונג דורך דער עטאַבלירונג פון אַ אידישער היימלאַנד. די שפלות און די ליידן פון אונזער וואַנדער-לעבן האָבן זייערע וואָרצלען אין אונזער נאַציאָנאַלער היימלאָזיקייט און באַדנלאָזיקייט, וועלכע זענען די מקור אורזאַכן פון אונדזער וואַקלדיקן עקזיסטענץ און פּאַלגלעכער

עקאָנאָמישער אומפּראָדוקטיוויטעט. און נחמן סירקין ווערט דער פלאַמנדער נביא, דער גרויסער אַפּאָסטאָל פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, פון דער מאָראַלישער און עטיש־רעוואָלוציאָנערער אידייע, ווי אויך פון דער פּאָליטישער באַוועגונג וועלכע צילט אין גאַנצן איבערצוואַנדערשן אונדזער אידישן פאָלקס־לעבן און פאַרוואַנדלען אַן אונטעריאָכטן, פאַראָרימטן פאָלק פון לופט־מענטשן און פון אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן, וועמעס גאַנצער טראַגיזם זעט זיך אָם בולט'סטן אַרויס מיט יעדער סאָציאַלער איבערקערעניש אין די גלות לענדער, (ווי צום ביישפּיל איצט אין רוסלאַנד), אין אַ פרייען אַרבעטנדן פאָלק פון פּראָדוצירער און שאַפער אין אַן אייגענער זעלבסטשטענדיקער פרייַלאַנד.

אין דעם יאָר 1898 דערשיינט אין דער דייטשער שפּראַך סירקינ'ס ערשטע באַדייטנדע שריפט פאַר'ן סאָציאַליסטישן ציוניזם: „די יודנפראַגע און דער סאָציאַליסטישער יודנשטאַאַט”. די באַזונדערע קאַפּיטלען אין דעם דאָזיקן בוך זענען צוערשט דערשינען אין סעריע פאָרם אין ערנעסט פּערנעסטראָפערים באַרימטן חודש זשורנאַל „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפטע”.

מיט איין יאָר פריער האָט זיך אין דער שטאָט באַזל, אין דער שווייץ, פאַרזאַמלט דער ערשטער ציוניסטישער וועלט קאָנגרעס. סירקין איז געווען פון די „עשרה ראשונים”, פון די ערשטע וועלכע האָבן זיך ענטוזיאַסטיש אָפּגערופן צו דעם היסטאָרישן רוף פון ד״ר טעאָדאָר הערצל אין די ערשטע טעג פון דעם פּאָליטישן ציוניזם. און פון דער טריבונע שוין ביי די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן האָט זיך געלאָזט הערן די מוטיקע שטימע פון דעם אידישן סאָציאַליזם.

קליין אין צאָל זענען אין יענע יאָרן געווען די אָנהענגער פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אין דער ציוניסטישער וועלט. מען קאָן זיך דאַריבער לייכט משער זיין ווי שטאַרק נחמן סירקינ'ס שטאָלצער און וואַגנדער אויסרוף פון דער קאָנגרעס טריבונע, אַז, „דער אידישער שטאַאַט וועט זיין אַ סאָציאַליסטישער אָדער ער

וועט גאָר ניט זיין", האָט שאַקירט ניט בלויז די בירגערלעכע בעל־הבית'ישע רעליגאָטן נאָר אויך די הויפּט מחותנים, די קאָנ־גרעס פירער מיט ד"ר הערצל'ן בראָש, וועלכע האָבן זיך געשראָקן פאַר אַ חילול השם, ווענן וואָס עס וועט זאָגן די אויסערלעכע „רעספּעקטאַבעלע" וועלט.

סירקינ'ס שטאָלצער וואָרט איז אָבער געווען אַ נביאיישער אָנזאָג פון דער קעגנוואַרטיקער צייט, ווען די איינפלוסרייכע סאָ־ציאַליסטישע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, די „הסתדרות הפועלים העברים בארץ ישראל" מיט אירע שטאָטישע קאָאָפּעראַ־טיוון און יוניאָנס און מיט אירע קאָמונעלע אַגריקולטורעלע קבוצות, שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל און אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניסטישן פריי־הייטס אידעאַל.

נחמן סירקין איז געווען אַ דענקער און אַ פילאָסאָף. זיינע שריפטן אַנטפּלעקן אַ טיפע און ברייטע ערודיציע ווי אויך דעם שאַרפזין און טיפזיניקייט פון אַ גרויסן אינטעלעקט און אַ הומאַ־נעם גייסט. אָבער, ווי זיין גרויסער פאָרגענגער, אינספּיראַטאָר און ליבלינגס העלד משה העס, איז ער אין דער ערשטער ליניע געווען דער אומרואיקער און אומדערמידלעכער קעמפער. אַ מוטיקער רע־בעל, וועלכער האָט, ווי איבסענ'ס „שונא פון פאָלק" ד"ר שטאָק־מאַן, זיך ניט אָפּגעשראָקן פון שטיין גאַנץ אַליין פאַר זיינע אי־בערצייגונגען, ניט קוקנדיק אויף פאַרלוימדונג, פאַרפאָלגונג אָדער פערזענלעכע ליידן.

ווען דער אמת און די אינטערעסן פון פאָלק ווי ער האָט זיי אויפגעפאַסט, זענען געשטאַנען אין קאָן, האָט פאַר אים ניט עקזיס־טירט די מאַיאָריטעט שטימען אין זיין אייגענער פּאַרטיי אָדער די פּאָפּולערע מיינונג אויסערהאַלב די פּאַרטיי רייען.

זיין אוגאַנדיזם און טעריטאָריאַליזם, זיין שטעלונג אין דער וועלט מלחמה, זיינע ענדערונגען פון מיינונג אָדער שטעלונג צו געוויסע צייט דערשיינונגען, בשעת ער איז אין דער זעלבער

צייט געשטאנען פעלזן־פעסט אויפ'ן וואך פאסטן פון דעם סאָ־ציאליסטישן ציוניזם, און הויך געהאלטן די אומבאפלעקטע פאן פון דער אידיש־נאציאנאלער און סאציאלער באפרייאונג, — איז דיקטירט געווען פון זיין אומבאגרעניצטער ליבע צו די ליידנדע פאלקס מאסן און פון זיין איבערגעבנקייט צו זייערע העבערע אינ־טערעסן. דאס וואס האט צייטנווייז אויסגעזען צו זיין אימפולסיווע אקטן, איז געווען א נאטירלעכער און פארשטענדלעכער אויפברויז פון א גרויסן אומרואיקן גייסט, וואס האט ארומגעשוועבט פריי און אומבאגרעניצט איבער די הויכע ווייטקייטן פון דער אידעאלער עטערישער וועלט פון ריינע און אבסטראקטע פרינציפן און אידייען, זוכנדיק דעם אייביקן אמת און א פתרון צו דער רעטעניש פון לעבן, און איז גלייכצייטיק אנגעפילט מיט רעוואלוציאנערן אומ־געדולד מיט דעם צו־לאנגזאמען גאנג פון דעם מענטשלעכן פאר־שריט אויף אונדזער זינדיקער ערד.

אין לויף פון דעם לאנגן קאמף פאר דעם סאציאליסטישן ציו־ניזם, פאר'ן פועלי ציוניזם, איז סירקין'ען אויסגעקומען שארף צו באקעמפן יענע קעגנערשאפט, וועלכע האט אין נאמען פון אן עטערישער פרייהייט, אן אבסטראקטן סאציאליזם און א נעבלהאפטן אינטערנאציאנאליזם, זיך באמיט צו לעגן וואס מער שטיינער אין וועג דער אידישער פרייהייטס באוועגונג מיט איר קאנסטרוקטיוון און ממשות'דיקן סאציאליזם, און בייזוויליק געזוכט צו פאר־שטעלן דעם פרייהייטלעכן תוכן פון דעם ציוניזם.

דעם דאזיקן פאלעמישן קאמף האט סירקין אנגעפאנגן אין דעם ערשטן נומער פון זיין זשורנאל „המון" (בערלין 1903.) מיט דעם ארטיקל „דער ציוניזם און דער בונד", און ער האט דעם ויכוח שפעטער פארגעזעצט אין אמעריקע, מיט די, צו יענער צייט, אסי־מילאטאריש געשטימטע „אידיש־שפרעכנדע" סאציאליסטן. די לעצטע זענען געווען אונטער דער גייסטיקער השפעה פון די בונ־דיסטישע אימיגראנטן פון רוסלאנד וועלכע האבן זייער אנטי־ציוניזם מיטגעבראכט מיט זיך פון דער אלטער היים.

דער פּלאַץ פון דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג איז אַ באַגרע־ניצטער און מחמת דעם קאָן איך זיך ניט אָפּשטעלן אויף פילע פּאַזיסן אין נחמן סירקינ׳ס טעטיקייט. צוליב דער זעלבער אור־זאַכע קאָן איך דאָ בלויז דערמאָנען זיין פרוכטבאַרע אַרבעט פאַר דער באַוועגונג צו פאַראייניקן צוערשט דעם אַמעריקאַנער אידנטום און דערנאָך דעם אַלוועלטלעכן אידנטום, אין גרויסע דע־מאָקראַטיש־דערווײלטע קאָנגרעסן וועלכע זאָלן פון זיך אויס־קלייבן אַן אויטאָריטעטע אידישע פאָלק׳ס פאַרטרעטערשאַפט אינ׳ם ביטערן און שווערן קאַמף פאַר אידישע ציווילע און נאַציאָנאַלע רעכט אין אַלע לענדער, ווי אויך פאַר דעם אויפבוי פון דעם אי־דיש נאַציאָנאַלן צענטער — די היימלאַנד אין ארץ ישראל.

אין דער גרויסער אַרבעט פאַר די צילן פון דער באַוועגונג פאַר אַ אידישן פאָלקס קאָנגרעס, די באַוועגונג פון וועלכער נחמן סירקין איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן, האָבן זיך באַטײ־ליקט די קלאָרסטע קעפּ פון אַלע ריכטונגען אין דער אידישער אויפלעבונגס באַוועגונג סיי אַמעריקאַנער, סיי אויסלענדישע ווע־מען די מלחמה צושטענדן אין אייראָפּע האָבן געבראַכט אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן.

אין דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו געווינען די מאַסן אידישע אַרבעטער און די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פאַר׳ן קאָנגרעס באַוועגונג, האָבן זיך אַ חוץ נחמן סירקינ׳ען און באָראָכאָוו׳ן, באַזונדערס אויסגע־צייכנט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, פּנחס רוטנבערג, משה קאַטץ, הלל זאָלאַטאַראָוו, ברוך צוקערמאַן, ד״ר יצחק אייזיק הורוויטש, בע־סער באַקענט מיט זיין אייגנאַרטיקן פּסעוודאָנים „יצחק אייזיק בן ר׳ אריה צבי הלוי״, יואל ענטין, דוד פּינסקי, בן־גוריון, בן־צבי און אַ גרויסע צאָל אַקטיווע און איבערגעבענע טוער איבערן לאַנד.

די שטאַרקסטע קעגנערשאַפט צו דער אידישער קאָנגרעס באַ־וועגונג איז געקומען פון צוויי עקסטרעמע, סאָציאַל־אַנטקעגנגע־שטעלטע ריכטונגען אין דעם אַמעריקאַנעם אידנטום. פון דעם

אסימילאטאָריש סאָציאַליסטישן לאַגער פון איין זייט, און פון דער אַנדערער, פון דעם ציטאַדעל פון דעם אידישן גרויסקאַפּיטאַל, וועמעס אידישע טעטיקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין זעלבסט־באַשטימטע שתדלנות און אין פילאַנטראָפּישער אַרבעט. אַנטיפּאַ־טיע צום ציוניזם און אַ ווידערווילן צום אויפשטייגנדן אידישן נאַציאָנאַליזם האָט געאייניקט די צוויי לאַגערן אין זייער אַקטיווער אָפּאָזיציע צו דעם געדאַנק פון אַ אידישן קאָנגרעס. מיט די וואָפן פון שאַרפער סאַטירע באַקעמפט סירקין אָט דעם דאָזיקן „אומהייליקן אַליאַנץ", וועלכן ער רופט אָן סאַרקאַסטיש „דער בונד צווישן העסטער סטריט און וואָל סטריט."

אין דער היסטאָרישער אַרבעט פאַר אַ אידישן קאָנגרעס פאַר וועלכן ער האָט אַגיטירט נאָך פאַר'ן וועלט קריג, וואַרפט זיך סירקין אַריין גלייך נאָך דעם ווי די דעסטרוקטיווע מלחמה האָט פון איין זייט אָנגעהויבן חרוב מאַכן דעם אידישן לעבן אין אייראָפּע, און די באַלפור דעקלעראַציע מצד דער ענגלישער רעגירונג האָט פון דער אַנדער זייט געבראַכט דעם פּאָליטישן ציוניזם אויפ'ן שוועל פון היסטאָרישער פאַרווירקלעכונג. אין יענע טעג שרייבט סירקין די פאָלגנדע ווערטער: „. . . אָט איז ווידער געקומען אַ שטורעם אויף דער וועלט. דאָס אידישע פּראָבלעם שטייט אין זיין גאַנצן שרעקן און פאָדערט זיין לעזונג. און כמעט ווי פון זיך זעלבסט האָט די מאַיאָריטעט פון די אידישע באַוואוסטזיניקע אַר־בעטער זיך געווענדעט צו די געדאַנקען פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם. אַ פרייע לאַנד פאַר דער אידישער נאַציע איז ניט דער היפּוך, נאָר די דערגאַנצונג פון אידישן סאָציאַליזם, און אַז דאָס פרייע אידנלאַנד דאַרף זיין אויפגעבויט אויף העכערע סאָציאַלע יסודות, איז דער לאָגישער פועל יוצא פון ציוניזם. איז דאָס אָבער רעאַל מעגלעך, דורכפירבאַר? ווער עס גלויבט אין די כחות פון אידישן פּראָלעטאַריאַט, קען ניט לייקענען אין די כחות פון דער אידישער נאַציע, און ווער עס האָפט אויף דער אויפלעבונג פון

דער אידישער נאַציע, קען זיך ניט פאָרשטעלן דיזע אויפלעבונג פון דער נאַציע אָן דער פירערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט".*)

אין דעם יאָר 1919 פאַרט סירקין ווי איינער פון די דער־וויילטע שלוחים פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום, פאַרצובריינגען די אידישע פאָדערונגען צום פרידנס קאָנגרעס אין ווערסייל. אַ חוץ סירקינ'ען, איז די דעלעגאַציע באַשטאַנען פון דעם ריכטער יוליאַן מעק, ראַבביי סטיפן ס. וויז, לואיס מאַרשל, הערי קאַטלער, מאָריס ווינטשעווסקי (דער בארימטער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאָעט), יוסף בּאַראָנדעס, הרב לעווענטאַל און בערנאַרד ריטשאַרדס וועל־כער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון דער דעלעגאַציע. די אַמעריקאַנער שלוחים וועלכע זענען דערוויילט געוואָרן ביים ערשטן אידישן קאָנגרעס אין פילאַדעלפיע אין דעצעמבער 1918, האָבן זיך אין פּאַריז פאַראייניקט מיט די אידישע דעלעגאַציעס פון אַנ־דערע לענדער און האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם פאַרבאַנד פון אידישע דעלעגאַציעס.

צען חדשים איידער עס האָט זיך אין פילאַדעלפיע פאַרזאַמלט דער אידישער קאָנגרעס, האָט די אַמעריקאַנער פּועלי ציון פּאַרטיי געפייערט דעם פופציק יאָריקן יובילי פון איר גייסטרייכן פירער. ס'איז דערשינען אַ ספּעציעלער סירקין יובילעאום־נומער פון דעם „אידישן קעמפּער" דעם ערשטן מערץ 1918. דער גאַנצער נומער פון וואָכנשריפט איז געווען געווידמעט צו אַן אָפּשאַצונג פון זיין לעבן און אַרבעט. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, ד"ר נחום סלושץ, צוקערמאַן, יואל ענטין, ליטווין, וואַלינער, זאַר, וויטמאַן, שאול ראַסקין, די פּאָעטן יהואש, רויזנבלאַט, און דער שרייבער פון דער איצטיקער שריפט, האָבן זיך פאַראייניקט אין דערלאַנגען יענעם ליטעראַרישן בלומען קראַנץ צו דעם אומדערמידלעכן באַנער טרע־גער פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם.

---

*) זעט: „דער סאָציאַליסטישער ציוניזם" (1915) זייט 270-271 ערשטער באַנד. נ. סירקין ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע שריפטן, אַרויס-געגעבן פון פאַרלאַג פּועלי ציון, ניו-יאָרק, 1925.

דעם פאָלגנדן יאָר, 1920, באַשטימט די אַמעריקאַנער פּאַרטיי און דערנאָך דער אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד פון די פועלי ציון צו שיקן אַ קאָמיסיע פון אָנפירנדע חברים קיין ארץ ישראל, צו מאַכן אַ גרונטלעכן שטודיום פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע און אויסאַרבעטן פּלענער פאַר קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניזאַציע אויף אַ פאַרגרעסערטן פאַרנעם. די אַמעריקאַנער פּאַרטיי איז אויף דער קאָמיסיע געווען פאַרטראָטן דורך נחמן סירקין און פּראָפעסאָר חיים פיינמאַן, איינער פון די פּיאָנערן פון דעם פועלי ציוניזם אין אַמעריקע.

די חברים פון דער קאָמיסיע האָבן דערגרייכט ארץ ישראל אין חודש יאַנואַר פון יאָר 1920 און האָבן באַקומען אַ גרויסאַרטיקן קבלת פנים. באַזונדערס האָט נחמן סירקין אַרויסגערופן גרויס אויפזען. די אידישע אַרבעטער מאַסן אין שטאָט ווי אין דאָרף האָבן אים אויפגענומען מיט דער ליבע און רעספּעקט וואָס האָט לכל הדעות אים געקומט ווי דעם גייסטיקן אינספּיראַטאָר און אָנזאָגער פון דעם גרויסן באַפרייענדן אידעאַל וואָס האָט זיי געבראַכט אין ארץ ישראל צו בויען אַ נייעם און אַ העכערן לעבן, אַ נייע מענטשלעכע געזעלשאַפט.

צום מאַסן קבלת פנים פאַרזאַמלונג וועלכן די „אחדות העבודה" האָט איינגעאָרדנט אין תל אָביב, זענען געקומען דעלעגאַציעס פון די ווייטעסטע קבוצות. ענטפערנדיק אין נאָמען פון דער גאַנצער קאָמיסיע אויף די באַגריסונגס רעדעס, האָט נחמן סירקין געהאַלטן אַן עקזאַלטירטן פאַרטראַג אין העברייאיש. די געדאַנקען וועלכע ער האָט דאָרט אויסגעדריקט האָבן אויף די צוהערער איבערגעלאָזן אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. פון דער דאָזיקער רעדע קומען די פאָלגנדע ציטאַטן:

„ . . . אַט קומט אָן די משיח'שע תקופה פון קבוץ־גליות אין'ם אומקערן פון דעם אידישן פאָלק צו זיין לאַנד. מיר קומען ווייטער שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער אידישער געשיכטע וואָס איז געווען צעריסן גאַנצע צוויי טויזנד יאָר. מיר קומען עס פאַרזעצן מיט דעם געהויבענעם גייסט פון אויפלעבונג און

ווידערגעבורט . . . דער גייסט פון אידישן פאָלק האָט זיך אויפ־געהויבן פון דעם עמק הבכא הויך, צו הימל הויך, צו דערגרייכן דעם פרידן פון די הימלען, אזוי אַז דער פרידן פון די הימלען זאָל זיך פאַראייניקן מיט דעם פרידן פון דער ערד, מיט דעם פרידן פון ישראל, מיט דעם אידעאַל פון יושר און צדק פון דער גאַנצער מענטשהייט. די אמת'ע קולטורעלע שאַפונג פון דעם אידישן פאָלק פון אַמאָליקע טעג ביז היינט איז געווען דער אידעאַל פון סאָציאַלער האַרמאָני, פון דעם מענטשלעכן, ברידערלעכן צוזאַמענ־לעבן, פון גערעכטיקייט און פון פרייהייט . . . ווען מיר זאָגן דאַריבער, אַז מיר ווילן פאַרזעצן דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער אידישער געשיכטע, הייסט דאָס שאַפן אַ נייע אידישע סאָציאַליס־טישע געזעלשאַפט. דעם דאָזיקן אמת קאָנען אונזערע בעלי־בתים און משכילים ניט פאַרשטיין . . . נאָר דער אידישער אַרבעטער קלאַס איז דער איינציקער יסוד אויף וועלכן דאָס נייע וועט קאָנען געבויט ווערן, דער איינציקער עלעמענט, וואָס וועט קאָנען אויפ־הויבן אין זיינע הענט אונדזער היסטאָרישע פאָן . . . די קאַפּיטאַ־ליסטישע אָרדענונג איז ווי משוגע געוואָרן און באַגייט זעלבסט־מאָרד. דאָס באַווייזט די לעצטע מלחמה און דער שלום אָפּמאַך. עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער היסטאָרישער אָפּשיין פון דער קאַפּי־טאַליסטישער אָרדענונג און זי וועט אומקומען אין אירע אייגענע ווייטיקן. און אויב מיר זעען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וואָס עקזיסטירט איז פאַר'משפט צום אונטערגאַנג, איז דאָך קלאָר, אַז אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וואָס איז נאָך ניט געבוירן גע־וואָרן, זאָל אין גאַנצן ניט געבוירן ווערן . . . אונדזער שעפּונג איז ניט נאָר אַ נאַציאָנאַלע, נאָר מיר ווילן דאָ אויפלעבן דאָס אידי־שע פאָלק און אויפשטעלן אויף דער אידישער לאַנד אַ בנין פאַר דער גאַנצער מענטשהייט".*)

סירקין פאָרט פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, פון שטאָט צו שטאָט,

---

*) דער פולער טעקסט פון דער דאָזיקער רעדע, אונטערן טיטול „סאָ־ציאַליזם — די שאַפונג פון אידישן גייסט" איז אָפּגעדרוקט אין ערשטן באַנד ציונ.-סאָצ. שריפטן פון נ. סירקין זייטן 304-309.

פון קיבוץ צו דער נייסטער קבוצה און זעט ווי עס ווערט געלייגט דער פונדאַמענט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע שענסטע לעבנס אידעאַלן און טרוימען.

גראַד אין יענע טעג קומען פאַר די בלוטיקע אָנפאַלן אויף די אידישע פּאָזיציעס אין לאַנד. עס קומען פאַר די צוזאַמענ־שטויסן אין ירושלים און באַזונדערס אין גליל ביי תל־חי, וואו עס פאַרלויפט זיך דער גלאַר־רייכער קאַמף און דער מאַרטירערטום פון יוסף טרומפּלדאָר מיט זיין הייפעלע העלדישע חברים און חברות. סירקין שרייבט דאַן אָן זיין בריליאַנטענע שריפט: „הגנת החיים" וועלכע רופט די אַרבעטער צו שטיין פעסט אין קאַמף צו פאַרטיידיקן זייערע דערגאַבערונגען, קעגן די שונאים פון אינ־ווייניק און פון דרויסן. די דאָזיקע פלאַמנדע שריפט, דער אויס־דרוק פון אַן אַנטריסטעטער רעוואָלוציאָנערער נשמה, איז באַלד פון דער „אחדות העבודה" אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ פלוג־בלאַט, און וויט און ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אויפ'ן וועג פון ארץ ישראל באַזוכט סירקין פוילן און האַלט אָפּ קאָנפערענצן מיט אָנפירנדע חברים וועגן דער אידישער לאַגע אין לאַנד. ער קומט צוריק קיין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער פּועלי ציון פּאַרטיי גיט דאַן אַרויס די טעגלעכע צייטונג „די צייט", און נחמן סירקין ווערט איינער פון אירע הויפּט מיטאַרבעטער.

סירקין וואַרפט זיך ווידער אַריין אין געזעלשאַפטלעכער און אויך אין פּאַרטיי טעטיקייט. ער זעצט פאָר זיין אַרבעט אויף אַ גרעסערע ווערק וועגן דער אידישער געשיכטע און די פילאָסאָפיע פון אידנטום. אין מיטן פון אָט דער דאָזיקער פיל פאַרצווייגטער אַקטיוויטעט קומט פּלוצלונג אָן דער טויט און רויבט אַוועק פון דעם אידישן פאָלק דעם גרויסן באַנער טרעגער פון דער אידישער פרייהייט, אין זיין זעקס און פופציקסטן לעבנס יאָר.

* * *

דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם האָט נחמן סירקין באַטראַכט ניט בלויז ווי אַ פּאָליטישע און אַ סאָציאַלע באַוועגונג, נאָר אויך ווי אַ

נייע אַרויספאָדערונג פון דעם אידישן פאָלק קעגן דער וועלט און דער געשיכטע:

„דורך די דערקענטעניש פון זיין אייגענער קולטור ווערט, און זיין שאַפענדע קראַפט זוכט דאָס אידישע פאָלק אין דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אַ נייע וועלט פון קולטור, אַ נייע אָרדענונג פון געזעלשאַפט, אַ נייעם ווילן פון געשיכטע. עס איז נאָך אַ טענדענץ, אַ האָפענונג, אַ מיסטישע זענזוכט פון אַ פאָלק נאָך אַ טאַט און אַ וואונדער, אָבער אַ זענזוכט, וועלכער ראַנגלט זיך פאַר היסטאָרישער געשטאַלט, וועלכע זוכט די קלייד פון רעאַליטעט".*)

אָט די דאָזיקע אידייע פון אראָפּברייינגען די שכינה און דעם מלכות הרוח, ווי סירקין דריקט זיך אויס, ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך אַלע עפּאָכן פון דער לאַנגער אידישער היסטאָריע, און געפינט איר אויסדרוק אין פאַרשידענע אידייען און שטרעבונגען.

נחמן סירקין האָט זיינע געדאַנקען ניט באַגרעניצט אויסשליסלעך אויף די פּראָבלעמען פון דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אין העכסטן זינען פון וואָרט איז ער געווען דער אידישער פאַטריאָט „פּער עקסעלאַנץ". אָבער זיין אידישער פאַטריאָטיזם האָט אין זיך קיין שפּור ניט געהאַט פון שאָוועניזם. ס'איז געווען אַ נאַציאָנאַליזם און אַ פאַטריאָטיזם דורכגעדרונגען און אָנגעזאַפּט מיט אַ געפיל פון הויכער מאָראַלישער אחריות אין צווישנפעלקערלעכע באַציאונגען.

ער, דער אויפריכטיקער דעמאָקראַט, האָט אומבויגזאַם געגלויבט, אַז טיף אין הארצן פון די פעלקער מאַסן וואָרצלט דער געפיל פון יושר און דער דראַנג צו אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשטענדיקונג און האַרמאָני, ווי אויך די אייביקע האָפענונג אויף אוניווערסאַלן שלום. פאַר נחמן סירקינס וויזיע האָט שטענדיק געשוועבט דער אחרית הימים אידעאַל פון ישעיה הנביא!

*) זעט: „געדאַנקען וועגן סאָציאַליסטישן ציוניזם" זייטן 311-316 געקליבענע צ. ס. שריפטן, נ. סירקין ערשטער באַנד.

אָבער אינטערנאַציאָנאַלע האַרמאָניע און דויערהאַפטער שלום קאָן פאַרווירקלעכט ווערן בלויז דורך דער אַלגעמיינער אַקצעפּטי־רונג פון דעם פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלע פרייהייט און גלייכבאַרעכ־טיקונג, און אין גאַראַנטירן דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג, און די אָפּשאַפונג פון יעדן אויסערלעכן דרוק און פאַרקנעכטונג.

סירקין, וועלכער האָט מיט יעדן פיבער פון זיין נשמה געהאַסט מלחמה און יעדע בלוט פאַרגיסונג, איז אָבער ניט געווען פון יענע פּאַסיפיסטן וועלכע זענען גרייט אָנצונעמען שלום אונטער יעדן פּרייז. ער איז ניט געווען קיין שטילטרעטער.

זיין ענטוזיאַסטישע „פּראָ־עלאַי" שטעלונג פון סאַמן אָנהויב פון דער וועלט מלחמה, און זיין ביטערע קעגנערשאַפט צו דעם פּרייסישן יונקער מיליטאַריזם, האָט אים געשטעלט אין איין רייִ מיט דעם גרויסן אַנאַרכיסטישן דענקער און פרייַ־גייסט פּעטער קראָפּאָטקין. אייניגעם מיט קראָפּאָטקינ׳ען האָט סירקין געגלויבט אַז בלויז אין דער דעמאָקראַטיע ליגט די גאַראַנטיע און די זיכערונג פון די פרייהייטן פון פאָלק. און אַז דער בעסטער מיטל צו באַזיי־טיקן די פעלערן פון דער דעמאָקראַטיע איז ניט דורך דיקטאַטור נאָר דורך געבן אַ ברייטערע און טיפערע דעמאָקראַטיע. סירקין האָט אויפריכטיק געגלויבט אַז דער נצחון פון די „אַלעאירטע מאַכטן" וועט פירן צו דער פאַרשטאַרקונג פון דעמאָקראַטיע, צו דער צעברעקלונג פון די אימפּעריעס און צו דער פאָלגלעכער באַ־פרייאונג פון די אונטערדריקטע נאַציאָנאַליטעטן.

סירקין האָט אָנגעוויזן די נויטווענדיקייט פון דער אַקצעפּטי־רונג און אָנפּאַסונג אין דעם אינערלעכן לעבן פון די פעלקער ווי אויך אין זייערע אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, פון דעם הויך מאָראַלישן פּרינציפּ פון דעם באַרימטן דייטשן פילאָסאָף עמאַנועל קאַנט, אַז דער מענטש טאָר ניט באַטראַכטן דעם אַנדער מענטשן ווי אַ מיטל, נאָר, אַז יעדער אינדיווידואום איז אַ זעלבסט־צוועק אַן אום פאַר זיך!

ער האָט געגלויבט, אַז די אָנווענדונג פון אָט דעם דאָזיקן קאַנטישן פּרינציפּ אין סאָציאַלן לעבן וועט אָפּשאַפן עקספּלואַטאַ־

ציע און וועט פּאַרוואַנדלען די מענטשלעכע געזעלשאַפט פון אַן עגאָאיסטיש אינדיווידואַליסטישע אין אַ קאָאָפּעראַטיווע און אַ סאָ־ציאַליסטישע. און אַז די פּראָקלאַמירונג פון דעם זעלבן מאָראַלן פּרינציפּ אין די באַציאונגען צווישן די פעלקער . . . „פירט צו דער באַגרינדונג פון דעם פרייען אינטערנאַציאָנאַלן בונד פון די פעלקער און צו דעם דויערהאַפטן פרידן".*)

* * *

דער ליכטיקער אָנדענק פון באָראָכאָוו און סירקין איז איינער פון די סאַמע אויסטערליש הייליק־גייסטיקע גיטער פון דעם דער־וואַכטן אידישן פּראָלעטאַריאַט. זייערע עקזאַלטירנדע גייסטיקע געשטאַלטן באַזעעלן היינט צו טאָג, די בראַווע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק, וועלכע קעמפן, ליידן, בויען און שאַפן די אידיש־סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט אין ארץ ישראל, אין די פרייהייטלעכע קבוצות פון גליל און אין עמק יזרעאל. זיי, די היינטיקע חלוצים און חלוצות זענען די אמת'ע און ווירדיקע נאָכפאָלגער פון די צוויי שעפער פון פּועלי ציוניזם דוב בער באָראָכאָוו און נחמן סירקין, דורך דעם וואָס זיי פאַרמאָגן אין זיך דעם ווילן און דעם מוט צו פאַרווירקלעכן שוין היינט, אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, די שענסטע סאָציאַלע צוקונפטס חלומות פון דער פּראָגרעסיווער און סאָציאַליסטישער וועלט.

אין מיטן פון אַלע פּאָליטישע שטורעמס און עקאָנאָמישע קריזיסן וועלכע די אידישע ארבעטערשאַפט אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ, וועט נאָך דאַרפן דורכמאַכן און איבערקומען אייד־דער דער גלאָררייכער ענד־ציל פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם

*) זעט סירקינ'ס בראָשורע „נאַציאָנאַלע פרייהייט און אינטערנאַ-ציאָנאַלע איינהייט" זייטן 60-61. אויסגאַבע פון אידיש-נאַציאָנאַלן אַר-בעטער פאַרבאַנד. 1917.

וועט ווערן פאַרווירקלעכט, וועלן די הערלעכע גייסטיקע געשטאַלטן פון סירקין און באָראָכאָוו אונדז און אונדזערע נאָכפאָלגער אין קאַמף, דינען ווי אַ פאַראויסגייענדער פייער־זייל, און זייערע שריפטן וועלן פאַר אונדז זיין אַ דערפרישנדער קוואַל פון אינספּי־ראַציע!

חנוכה — 1925
(יובילייַ זאַמלבוך 20 יאָר פועלי ציוניזם. פילאַדעלפיע)

•••••

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל
און דער נאַציאָנאַליזם

אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט ווערט איצט גע־פייערט דער זעכציק יאָריקער יובילעאום פון דעם ערשטן סאָציאַליס־טישן אינטערנאַציאָנאַל. די דאָזיקע יום־טוב פייערונג איז דורכ־אויס א באַרעכטיקטע, ווייל די גרינדונג פון דער „אינטערנאַציאָ־נאַלע אַרבעטער אַסאָסיאַציע" אין דעם יאָר 1864, איז איינע פון די וויכטיקסטע דאַטן אין דעם לוח פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערשאַפט.

מיט באַזונדערער הערלעכקייט איז דער יובילעאום דורכגע־פירט געוואָרן אין לאָנדאָן, אין דער געבורט־שטאָט פון דעם אַר־בעטער אינטערנאַציאָנאַל. אין דער לאָנדאָנער פייערונג האָבן זיך באַטייליקט די אָנגעזעענסטע סאָציאַליסטן פירער פון אייראָפּע. מענטשן וועלכע זענען גרוי געוואָרן אין דעם שווערן און ביטערן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַר־בעטער קלאַס. ווי ספּעציעלע ערן געסט זענען אויך אָנוועזנד געווען אייניקע פון דער צייט געבויגענע וועטעראַן־מיטגלידער פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל; באַליבטע, ווייניק פאַרבליבענע פּיאָנערן אין וועמעס נשמות עס לעבט נאָך, העל און קלאָר, דער יוגנטלעכער גלויבן אין דעם קומענדן, אומפאַרמייד־לעכן נצחון פון דעם הערלעכן אידעאַל פון אַרבעטער באַפרייאונג. אומפאַרמיידלעך טראָץ אַלע מכשולים וועלכע ווערן אָנגעוואָרפן אויפ'ן וועג דורך די צייטווייליקע טריאומפן פון דער רעאַקציע אין דער וועלט.

נאָך דער ברוטאַלער אונטערדריקונג פון די רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן איבער גאַנץ אייראָפּע אין דעם יאָר 1848, ווען די בלוטיקע אייראָפּעאישע רעאַקציע האָט זיך איינגעזאָטלט, און העזה׳דיק דערהויבן איר מיאוס׳ן קאָפּ, האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַציע. פאַר אַ צאָל רעוואָלוציאָנערע טוער איז ענג געוואָרן, און פאַרבונדן מיט לעבנס געפאַר צו פאַרבלייבן אין זייערע פאָטערלענדער. צו יענער צייט איז לאָנדאָן, די ענגלישע הויפּט־שטאָט, געוואָרן איינע פון די צוויי ערי מקלט אין אייראָפּע פאַר די פאַרפאָלגטע פּאָליטישע עמיגראַנטן. אויך די, פאַר וועלכע ס׳איז שוין מער ניט מעגלעך געווען צו פאַרבלייבן לענגער אין דער שווייץ אין דער „פרייער העלוועציע״, האָבן געפונען אין ענגלאַנד אַ שוץ אָרט. אין די פערציקער און פופציקער יאָרן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָט שוין עקזיסטירט אין דער ענגלישער מעטראָפּאָליע אַ גאַנץ היפּשע קאָלאָניע פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפער פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן אָפּגעריכט גלות ווייט פון דער אַלטער היים. אַ צאָל פון זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט אין דעם יאָר 1864 צום ערשטן מאָל דערבליקט דאָס ליכט פון אונדזער וועלט. די הימלען צו וועלכע דאָס ניי־געבוירן קינד האָט אַרויפגעבליקט זענען גאַנץ שטאַרק פאַרטונקלט געווען, און ניט בלויז פון די באַרימטע לאָנדאָנער „פאָגס״ . . .

מיט צוויי יאָר פריער, אין 1862, האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער דערנענטערונג. צו יענער צייט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן די גרויסע וועלט אויסשטעלונג. אַ גרופּע פאַכלייט, פאָרשטייער פון די אַרבעטער אין פראַנקרייך, זענען אויף די הוצאות פון דער פראַנצויזישער רעגירונג געשיקט געוואָרן קיין ענגלאַנד, צו שטודירן די פאַרשידענע אויסשטעלונגען און די נייסטע טעכנישע אויסבעסערונגען. זיי האָבן באַדאַרפט צושטעלן צו זייער רעגירונג אַ דעטאַליזירטן באַריכט, וואָס זאָל נוצלעך זיין דער פראַנצויזישער אינדוסטרי.

אין לאָנדאָן האָבן די פראַנצויזישע אַרבעטער זיך געטראָפן און צוזאַמענגערעדט מיט זייערע חברים פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס. צוריק קומענדיק אַהיים האָבן די פראַנצויזישע אַרבעטער, אַ חוץ זייער אָפיציעלן באַריכט, אויך מיטגעבראַכט עפּעס אַזוינס אויף וועלכע די רעאַקציאָנערע רעגירונג פון קייזער נאַפּאָלעאָן דעם דריטן האָט זיך גאָר ניט געריכט, — אַ שטאַרקן חשק זיך צו־נויפרײדן און זיך צו דערנענטערן מיט זייערע חברים־אַרבעטער פון אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער אין קאַמף פאַר אַ בעסערער און אַ גערעכטערער וועלט אָרדענונג!

דער פאָלגנדער יאָר, 1863, האָט געבראַכט נאָך אַ געלעגנהייט פאַרצוזעצן אָט די דאָזיקע ברידערלעכע דערנענטערונג צווישן די ענגלישע און די פראַנצויזישע אַרבעטער. דאָס איז געווען דער פוילישער אויפשטאַנד.

דער רעוואָלט פון דעם פוילישן פאָלק קעגן רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען. אין די פּראָגרעסיווע און אַרבעטער קרייזן איבער גאַנץ אייראָפּע האָבן די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די פּאָליאַקן געפונען אַ וואַרימען אָפּקלאַנג. אָבער די בלוטיקע צאַרישע רעגירונג האָט אויך דעם דאָזיקן אויפשטאַנד מיט דער גרעסטער ברוטאַליטעט אונטערדריקט.

צו פּראָטעסטירן קעגן דער ברוטאַלער און באַרבאַרישער אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד אין פוילן און די נאָכפאָלגנדע רעפּרעסיעס קעגן דעם פוילישן פאָלק, האָבן די טרייד־יוניאָנס אין ענגלאַנד פאַררופן אַ גאַנצע ריי פאָלקס דעמאָנסטראַציעס איבערן גאַנצן לאַנד. צו די פאַרזאַמלונגען זענען אַריבערגעקומען אָפיציעלע פאָרשטייער פון די פראַנצויזישע אַרבעטער וועלכע האָבן גלייכצייטיק אויסגענוצט דעם שעת הכושר פאַרצוזעצן די גע־שפּרעכן וועלכע זענען איניציאירט געוואָרן אין צייט פון דער וועלט אויסשטעלונג.

אויף איינע פון די געמיינשאַפטלעכע זיצונגען, אין וועלכע עס האָבן זיך איצט שוין באַטייליקט פאָרשטייער פון די דייטשע,

פּוילישע, איטאַליענישע און אַנדערע פּאָליטישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן, האָט אַדזורער, אַן אָנגעזעענער פירער פון דער ענגלישער טרייד יוניאָן באַוועגונג, פאָרגעשלאָגן מען זאָל אָרגאַניזירן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער פאַראייניקונג, וועלכע זאָל פון צייט צו צייט אָפּהאַלטן גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן, און שטאַרקן דעם קאַמף פאַר פרייהייט איבער דער גאַנצער וועלט.

דער פאָרשלאַג איז מיט גרויס באַגייסטערונג אָנגענומען געוואָרן, און די פאַרזאַמלונג האָט אויסגעקליבן אַן אויספיר קאָמיטעט. אין דער פּראַקטישער דורכפירונג פון דער פּראָיעקטירטער אונטערנעמונג, האָט דער קאָמיטעט באַקומען די אַקטיווע מיטהילף פון איייניקע פּראָמינענטע פּאָליטישע עמיגראַנטן אין לאָנדאָן, באַזונדערס פון דזשוזעפּע מאַציני דעם באַרימטן איטאַליענישן רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַליסט וועמעס העלדן קאַמף פאַר דער איטאַליענישער און אייראָפּעאישער רעוואָלוציע, האָט פאַר אים געוואונען ליבע און אַכטונג אין אַלע פרייהייטלעכע קרייזן.

דעם אַכט־און־צוואַנציקסטן סעפּטעמבער פון יאָר 1864, איז אין לאָנדאָן, אין דעם סענט מאַרטינס האָל, אונטער'ן פּאָרזיץ פון דעם ענגלישן אָנגעזעענעם און ראַדיקאַלן פּראָפעסאָר עדוואַרד ספּענסער ביזלי אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער היסטאָרישער מיטינג ביי וועלכן דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן. אַ פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט איז דערווײלט געוואָרן צו אָרגאַניזירן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס און אויך אויסצואַרבעטן אַ פּאַסנדן פּראָגראַם פאַר דער אַלוועלט־לעכער אַרבעטער פאַראייניקונג.

נאָך דער ענטוזיאַסטישער פאַרזאַמלונג אין סענט מאַרטינס האָל, האָט דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט צוגעצויגן דעם אינטעלעקטועלן פירער פון די דייטשע סאָציאַליסטן דאָקטאָר קאַרל מאַרקס, דער מחבר פון דעם פּאָפּולערן „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". אינגיכן האָט קאַרל מאַרקס איינגענעם מיט זיין אינטימסטן פריינד און לאַנג יאָריקן מיטאַרבעטער פרעדריך ענגעלס, באַקומען די

אויבערהאַנט, און זיי האָבן אויסגעאיבט אַ דאָמינירנדן איינפלוס אויף דער יונגער אַסאָסיאַציע.

איינע פון די ערשטע באַשלוסן פון דעם פּראָוויזאָרישן קאָמיטעט איז געווען זיך ווענדן גלייכצייטיק צו דזשוזעפּע מאַציני און צו קאַרל מאַרקס מיט דעם פאָרלאַנג, אַז יעדער פון זיי באַזונדער, זאָל אָנשרייבן אַ פּרינציפּן־דערקלערונג וואָס זאָל דינען ווי אַ יסוד פאַר דעם ערשטן אָפיציעלן מאַניפעסט און אויך פאַר די סטאַטוטן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

מאַציני האָט באַזירט זיין פּראָגראַם־דערקלערונג הויפּטזאַכלעך אויף אַן עטיש־אידעאַליסטישן באַגריף פון אינטערנאַציאָנאַלער האַרמאָני און אַרבעטער פאַרברידערונג. ער האָט מער געוויכט געלייגט אויף אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוון ווי אויפ׳ן קלאַסן־קאַמף. און ער האָט אונטערגעשטראָכן די אוממיטלבאַרע אָנערקענונג פון דאָס רעכט אויף פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פון יעדן פאָלק, ווי דער גרונדשטיין, דער ראש־פּינה, פון דעם גאַנצן סטרוקטור פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

דער באַגריף פון האַרמאָניש קאָאָרדינירן דעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם מיט׳ן פּראָלעטאַרישן פרייהייטס קאַמף איז צו יענער צייט נאָך ניט געווען פּאָפּולער צווישן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פירער. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די פעלקער מאַסן אין די פאַרשיידענע לענדער האָבן אַלעמאָל אַרויסגעוויזן סאָלידאַריטעט און ברידערלעכע סימפּאַטיע מיט יעדן פאַרזוך פון די אונטערדריקטע פעלקער זיך דערשלאָגן צו נאַציאָנאַלע פרייהייט, האָבן אָבער די ערשטע סאָציאַליסטן פירער ווי מאַרקס, לאַסאַל, ענגעלס און אַנדערע, זיך באַצויגן קריטיש און גאַנץ אָפט געקוקט מיט פאַראַכטונג און גרינגשעצונג אויפ׳ן גאַנצן פרייהייטס קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער ווי ניט וויכטיק און איבעריק. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט קאַרל מאַרקס, אין דער צייט פון דער מלחמה צווישן מעקסיקאָ און די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד אַמעריקע אין

די פּערציקער יאָרן, זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז עס וואָלט געווען פיל געזינטער פאַר דעם מעקסיקאַנעם פאָלק ווען גאַנץ מעקסיקאָ ווערט איינגעשלונגען פון איר גרויסן און שטאַרקן שכן.

די פּראָגראַם־דערקלערונג פון מארקס׳ן איז שוין געווען אַגרעסיווער איידער מאַציני׳ס, און מער צוגעפּאַסט צו דעם טאָג־טעגלעכן עקאָנאָמישן קאַמף פון די אַרבעטער און צו דער שטימונג פון די פירער וועלכע זענען צו יענער צייט צוגעטראָטן צו דער אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן דעם ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דערפאַר איז קיין וואונדער וואָס דער פּראָוויזאָרישער קאָמיטעט האָט צוריקגעוויזן מאַציני׳ס פּראָגראַם און אָנגענומען דעם פון קאַרל מאַרקס. און דאָקטאָר מאַרקס איז מיט אַ קורצער צייט שפּעטער אויסגעקליבן געוואָרן צו האַלטן די אָפיציעלע פּראָקלאַמירונגס רעדע פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל ביי דעם פייערלעכן קאָנסטיטואירונגס צוזאַמענפאָר.

וואָס אַנבאַלאַנגט די שטעלונג פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל צו דעם נאַציאָנאַלן פרייהייטס קאַמף, האָבן גאָר אין גיכן געזיגט די אנשויאונגען פון דזשוזעפּע מאַציני. די מיינונגען און די שטעלונג פון די סאָציאַליסטישע פירער צו די פרייהייטס אַספּי־ראַציעס פון די אונטערדריקטע פעלקער האָבן זיך געענדערט צו גונסטן דעם שטאַנדפּונקט פון דעם גרויסן איטאַליענישן רעבעל. דער גלאָררייכער און ביטערער קאַמף פאַר איטאַליענישער פרייהייט און איינהייט, דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף וואָס איז אַזוי גלענ־צענד אָנגעפירט געווען פון מאַציני און גאַריבאַלדי, האָט אַרויסגע־רופן די באַוואונדערונג און באַגייסטערונג פון מאַרקס, לאַסאַל, משה העס און די אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער.

אינדירעקט האָבן די גרויסע פּאַסירונגען אין איטאַליען גע־ווירקט לטובת דער אידיש־נאַציאָנאַלער אויפלעבונג דורכדעם וואָס זיי האָבן דעם אַלטן חבר און סאָציאַליסטישן מדריך פון קאַרל מאַרקס׳ן, משה העס, דעם מחבר פון „רוים און ירושלים", דער־נענטערט צו דער ציוניסטישער פרייהייטס אידייע פון וועלכע ער, העס, איז געוואָרן איינער פון די ליכטיקסטע אידייען פּיאָנערן.

מיט איינציקע יאָר שפּעטער, אין דער צייט פון דער דייטש־פראַנצויזישער מלחמה פון 1870, האָט שוין קאַרל מאַרקס, דער באַגרינדער פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם, אין אַן אָפּי־ציעלן „אַדרעס" צום ערשטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אויסגעדריקט די מיינונג, אַז צווישן פאָלק און פאָלק מוזן עקזיס־טירן די זעלבע געזעצן פון מאָראַל און רעכט ווי צווישן מענטש און מענטש.

נאָך בולט'ער און קלאָרער ווערט די דאָזיקע אויפפאַסונג פון דער וויכטיקייט פון דער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט אויסגע־דריקט אין דער „פאָרבאָטע", דער צענטראַלער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער דייטשער אַרבעטס־סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די וויכטיקע צייטשריפט איז צו יענער צייט רעדאַקטירט געוועזן פון דעם אָנגעזעענעם דייטשן רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט יאָהאַן פיליפּ בעקער. אין אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען וועלכע זענען דערשינען אין דער „פאָרבאָטע" צווישן די יאָרן 1866 און 1871, ווערט, צווישן אַנדערעס אין דער זעלבער ריכטונג דערקלערט, אַז „אפילו דאָס קלענסטע פאָלק זאָל לויט זיין טעמפּעראַמענט, קלימאַט און פּראָדוקטן פון לאַנד אַריינברענגען זיין מתנה וואָס איז פאַר־שיידן פון די מתנות פון אַנדערע, אין דעם אַלגעמיינעם אוצר פון דער קולטור".

עכט מאַציניסטישע געדאַנקען און ווערטער! *)

די פּאָזיטיווערע שטעלונג צום נאַציאָנאַלן פרייהייטס קאַמף און צו דער נאַציאָנאַליטעטן פראַגע האָט ביסלעכוויז געוואונען מער און מער אָנהענגער, און לסוף כמעט אַלגעמיינע אַנערקענונג און אַקצעפּטירונג אין דער סאָציאַליסטישער וועלט.

מיט פערציק יאָר שפּעטער, אויף דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט די דאָזיקע פאַרשטענ־דעניש באַקומען געהעריקן אויסדרוק אין דער וויכטיקער דעבאַטע אַרום דעם פונקט „מיליטאַריזם און אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־

*) אין פאַרגלייך זעט מיין בוך „דזשוזעפּע מאַציני" (1924) קאַ־פּיטל 8, וועגן נאַציאָנאַליזם. זייטן 237-218. —מ. פרייליכאָוו

פליקטן". דער שאַרף־פונקט איז געווען גוסטאַוו הערוועס אַנטי־מיליטאַריסטישע און אַנטי פּאַטריאָטישע אַגיטאַציע אין פראַנקרייך. הערווע האָט געפאָדערט, אַז דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל זאָל זיך אָפיציעל שטעלן אויף זיין שטאַנדפּונקט.

אין דער דיסקוסיע אויפ'ן קאָנגרעס האָבן די באַרימטעסטע סאָציאַליסטישע פירער און דענקער ווי בעבל, זשאָרעס, וואַליאַן, בראַנטינג, וואַנדערוועלדע, יעדער אויף זיין אייגענעם שטייגער און געדאַנקען־גאַנג, זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דעם, וואָס מען רופט איצט אָן פּראָגרעסיוו נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, אָנווייזנדיק אויף דעם קלאָרן און בולט'ן אונטערשייד צווישן דעם אידעלן פּאַטריאָטיזם פון די פעלקער און אַרבעטער מאַסן, און דעם אַזוי־אָנגערופענעם שאָוועניסטישן „מאָרד פּאַטריאָטיזם" און דעם אימפּעריאַליזם פון די רעגירונגען און די הערשנדע קלאַסן אין אַלע לענדער.

אַ פּראַכטפולע און וויכטיק־אינפאָרמאַטיווע באַשרייבונג פון דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס, מיט ציטאַטן פון די הויפּט געדאַנקען, וועלכע די גייסטרייכע אָנפירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן אַרויסגעבראַכט אין לויף פון דער אויבן דערמאָנטער דעבאַטע, וועט דער לעזער געפינען אין דעם זיבעטן באַנד פון די געזאַמלטע שריפטן פון דאָקטאָר חיים זשיטלאָווסקי.

ערב די דערעפענונג פון דעם סאָציאַליסטישן וועלט קאָנגרעס אין שטוטגאַרט, האָט דער אומפאַרגלייכבאַרער פירער פון דער דייטשלאַנדער סאָציאַל־דעמאָקראַטי אויגוסט בעבל, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין דעם ספּעציעלן יום טוב נומער פון דער „שוועבישער טאַגוואַכט" (דעם 17טן אויגוסט 1907) איבער דער טעמא: „זענען נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל קעגנזאַצן?" און דאָרט ברענגט ער די שלוסן צו וועלכע ער איז געקומען נאָך אַ טיפן שטודיום פון דעם פּראָבלעם:

„די אויפגאַבע פון דעם אַרבעטער קלאַס אין אַלע לענדער איז אין דער זעלביקער צייט אַ נאַציאָנאַלע און אַן אינטערנאַציאָנאַלע. ווען די אַרבעטער קלאַסן קעמפן אין דעם גבול פון דער אייגענער נאַציע, פון דעם ענגערן אייגענעם לאַנד פאַר דורכפירן אין לעבן מאַסרעגלען און אינסטיטוציעס, וואָס גיבן דעם אַרבעטער די מעגלעכקייט צו פאַרבעסערן זיין לעבנס לאַגע, באַפרידיקן זיינע העכערע קולטורעלע באַדערפנישן און, לסוף, אויסקעמפן רעכטלעכע און סאָציאַלע גלייכהייט פאַר אַלעמען, דאַרפן זיי זען, אויך אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן פעלד דורכצופירן די זעלביקע שטרעבונגען, ווייל נאָר אויף אַזאַ'ן אופן קאָן מען גאַראַנטירן די זיכערקייט פון יענע פאַרבעסערונגען, וואָס מען דערגרייכט אין דער אייגענער היים".

„נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל זענען אויף אַזאַ'ן אופן דורכאויס קיין באַגריפן און שטרעבונגען, וואָס שליסן איינע די אַנדערע אויס; אדרבה, זיי דערגאַנצן איינע די אַנדערע. אַקוראַט אַזוי, ווי אין דעם גבול פון דעם אייגענעם פאָלק איז דער אמת'ער וואויל־לעבן פון זיינע קינדער אָפּהענגיק פון דעם, צי עס לעבט זיך וואויל יעדן איינצלנעם יחיד, אַזוי איז אויך אין די גרעניצן פון דער גרויסער פעלקער־משפחה דער וואוילשטאַנד פון פאָלק אָפּהענגיק פון דעם וואוילשטאַנד פון אַלע אַנדערע".

„די געדאַנקען אין בעבליס אַרטיקל" שרייבט זשיטלאָווסקי, „זענען געווען ווי דער קאַמער טאָן, וואָס האָט אָנגעשטימט דעם גאַנצן קאָנגרעס אויף אַ באַשטימטן טאָן".

היינט צו טאָג געפינען שוין די נאַציאָנאַלע פרייהייטס קאַמפן פון די אונטערדריקטע פעלקער, ווי דער שין־פייניזם פון די איר־לאַנדער, דער גאַנדיזם אין אינדיען, דער ציוניזם און באַזונדערס דער סאָציאַליסטישער ציוניזם פון די אידן, און ענלעכע באַוועגונגען פון אַנדערע פעלקער, ברידערלעכע אָפּקלאַנגען און סימפּאַטישע פאַרשטענדעניש אין די רייען פון די סאָציאַליסטן און אויפגעקלערטע אַרבעטער אין אַלע לענדער.

מיט דעם אויפשטייג פון דעם אַרבעטער קלאַס צו רעגירונגס מאַכט, אַז אויפשטייג וואָס איז אומפאַרמיידלעך טראָץ די אַלע צייטווייליקע נצחונות, דאָ און דאָרט, פון די רעאַקציאָנערע עלע־מענטן, וועלן די דאָזיקע מאָראַלע סימפּאַטיען קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן אין פּראַקטישע ממשות'דיקע מיטהילף.

„דער אידישער אַרבעטער", 7טן נאָוועמבער, 1924

דער אירלאַנדישער אויפשטאַנד

אַ קיילעכדיקער יאָר איז איצט פאַראיבער פון דעם טאָג ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד אין אירלאַנד. דאָס איז געווען דער ערשטער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד נאָך דעם אויסברוך פון דער וועלט מלחמה מיט צוויי יאָר פריער, און האָט צוגעגעבן אַ ליכט־שטראַל צו דעם בלוטיקן יאָר 1916.

ס'אַרע וואונדערבאַרע וואָך איז געווען די לעצטע אין אַפּריל פון יאָר 1916, ווען די נייע טריקאָלאָרנע פאָן, דער אָראַנזש־ווייס־גרינער באַנער פון די רעפּובליקאַנער רעבעלן, איז צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן געוואָרן אין דער הויפט־שטאָט דובלין! ס'איז געווען אַ וואָך אָנגעפילט מיט טראַגישע עפּיזאָדן און אומפאַרגעס־לעכן הערואישן קאַמף. אַ הייפעלע אומדערשראָקענע מענטשן האָבן זיך געוואַגט שטעלן קעגן אַ מעכטיקער אימפּעריע!

לייענט מען דעם מאַניפעסט פון די אירלאַנדער רעוואָלוציאָ־נערן, קאָן מען ניט אַנדערש ווי באַגייסטערט ווערן פון דעם הויכן אידעאַליזם און דעם שיינעם הומאַניזם וואָס האָט באַזעעלט די וואַגנדע, לייטנדע גייסטער פון דעם דאָזיקן טראַגישן אויפשטאַנד פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

„שין־פיינזם", דער געילישער טערמין פאַר זעלבסט־באַשטי־מונג, איז געווען דער ערשטער וואַגנדער פאַרזוך צוצושטעלן צום פּרוביר־שטיין די אויפריכטיקייט פון די „אַלעאירטע", וועלכע האָבן אין נאָמען פון דעמאָקראַטי, פעלקער רעכט און בעיקר דאָס רעכט אויף זעלבסט באַשטימונג פון די פעלקער, אָנגעפירט די מלחמה קעגן די צענטראַלע מאַכטן.

פון די טעג פון דער פּאַריזער קאָמונע אין דעם יאָר 1871, איז נאָך אַזאַ וואונדערלעכע העלדישקייט ווי עס האָבן אַרויסגע־וויזן די אַרבעטער אויף די דובלינער באַריקאַדן, ניט געזען געוועזן אין וועלכע ניט איז שטאַט אין דער וועלט. אָבער דער גורל פון דובלין איז געוועזן דער זעלבער העלדיש־טראַגישער ווי פון דער אַרבעטער קאָמונע אין פּאַריז. אויך דער אירלאַנדער אויפשטאַנד איז אין בלוט דערטרונקען געוואָרן . . .

יעדער איינער פון די וועלכע האָבן אונטערגעשריבן די רע־וואָלוציאָנערע „דעקלאַראַציע פון אירלאַנד'ס אומאָפּהענגיקייט" איז פון דער בריטישער מאַכט הינגעריכטעט געוואָרן. אונטער־שרייבנדיק דעם דאָזיקן דאָקומענט האָבן זיי גלייכצייטיק אונטער־געשריבן זייער אייגענעם טויט אורטייל. זיי זענען געוועזן אוי־סערגעוויינלעכע מענטשן, פּעדאַגאָגן, באַגאַבטע דראַמאַטורגן און פּאָעטן פון הויכן טאַלאַנט. ניט אומזיסט האָט איינער, שילדערנ־דיק די פּערזאָנען פון דער דאָזיקער רעאַלער דראַמע, אָנגערופן דעם אויפשטאַנד — „אַ רעוואָלוציע פון פּאָעטן!"

די ברידער פּיערס פּעטריק און וויליאַם, קלאַרק, מעקדאָנאַ, פּלאָנקעט, דער סאָציאַליסט און אַרבעטער פירער קאָנעלי מיט זייערע קאָלעגן, און דערנאָך, אין אַ באַזונדערע עליה אויפ'ן עשאַ־פּאָט, סיר ראָדזשער קייסמענט, זענען דורך דעם טויער פון גרוי־זאַמען טויט אַריין אין דער אומשטערבלעכקייט און זענען ווי די פרייהייטס מאַרטירער פון פריערדיקע דורות, געוואָרן ליכטיקע שטערן וועלכע באַלייכטן דעם וועג צו פרייהייט פאַר די נאָך אונ־טערדריקטע פעלקער.

הונדערטע רעוואָלוציאָנערן געפינען זיך נאָך עד היום אין די געפענגענישן. צווישן זיי די העלדישע גרעפין מאַרקעוויקס, די „זשאַן ד'אַרק" פון דעם נייסטן אירלאַנדישן אויפשטאַנד קעגן דער בריטישער אויבערהערשאַפט.

איז דען ניט די היינטיקע סיטואַציע אין אירלאַנד אַ מעכ־טיקער פאָרוואורף צו ענגלאַנד, און אַ פלאַמיקער פּראָטעסט קעגן

דער היפּאָקריטסטווע וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער אירע ווייט און ברייט פּענאַנדערגעפּויקטע לאָזונגען אין דער איצטיקער מלחמה, אין קאַמף פאַר „דעמאָקראַטי און פעלקער רעכט״ ?

ס'איז אָבער פאַראַן אַ צווייטע ענגלאַנד אויסער די היפּאָקריטישע הערשנדע קלאַסן פון גרויס בריטאַניען. דאָס איז די ענגלאַנד פון די טשאַרטיסטן, פון וויליאַם מאָריס, פון קיער האַרדי און פון דער ברייטישער אַרבעטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס לעבט און וועט נאָך קומען צו רעגירונג'ס מאַכט, דער ענגלישער אַרבעטער קלאַס. און אָט די דאָזיקע צווייטע ענגלאַנד וועט מקיים זיין דאָס וואָס די איצטיקע אַלעאירטע פירער זאָגן צו אין די שיינע לאָזונגען פאַר אַ בעסערער און אַ פרייערער וועלט וואָס דאַרף קומען נאָך דעם איצטיקן גרויסן בלוט באָד. דער וועג איז אַ שווערער און ריקשטויסן וועלן זיין ניט ווייניק אין צאָל, אָבער די גערעכטיקייט איז אויף'ן וועג !

צוריקברייגנגען צום לעבן די הינגעריכטעטע העלדן פון דעם אויפשטאַנד איז אפילו דאָס גאַנצע ענגלישע פאָלק ניט ביכולת. אָבער דאָס פאָלק קאָן און וועט פאַרגיטיקן פאַר די פאַרברעכנס פון זיינע ביז איצטיקע הערשער, דורך נאָכגעבן דעם באַרעכטיקטן פאַרלאַנג פון דעם אירלאַנדישן פאָלק פאַר אמת'ע זעלבסט רעגירונג און אויטאָנאָמיע.

„אידישער קעמפער״, דעם 4טן מאַי, 1917

•••••

אַנטוואַפּנונג און די נאַציאָנאַליטעטן פראַגע

דער „אַנטוואַפּנונג" קאָנגרעס וועלכער פאַרזאַמלט זיך איצט אין וואַשינגטאָן קאָן ניט און וועט ניט זיין דערפאָלגרייך. די וועלכע דערוואַרטן ממשות'דיקע רעזולטאַטן וועלן אַנטוישט ווערן.

מען וועט זיך דאָרט, נאָך לאַנגע ויכוחים, „איינינקן" אויף אַ פּלאַן פון באַגרעניצן דעם בויען פון נייע קריגס שיפן, ווי עס האָט אין פאָראויס פאָרגעשלאָגן דער אַמעריקאַנער אויסלענדישער מי־ניסטער דער סעקרעטערי אָוו סטייט טשאַרלס עוואַנס יוהז, און דערנאָך וועט מען מיט טרומפּייטן שאַלן אַנזאָגן דער וועלט די בשורה טובה, אַז די ימות המשיח זענען שוין ביים טיר . . . אָבער צו פונדאַמענטאַלע ענינים וועט מען זיך ניט צורירן.

עס וועט זיין ניט מער ווי אַ כישוף שפּינערײ. ווידער אַמאָל וועט מען פּרובירן איינשלעפערן דעם נאַאיוו גלויבנדן טייל פון דער מענטשהייט מיט דעם אָפּיום פון הויך קלינגנדע פראַזן, מען זאָל ניט זען דעם שווידערלעכן אָפּגרונד צו וועלכן די האָפּערדיקע, פון מיליטערישן נצחון פאַר'שיכור'טע אימפּעריעס דערפירן . . .

באַטראַכט מען אָבער דעם פּראָבלעם פון אַנטוואַפּנונג מיט ניכטערע אויגן, קראַצט מען אַביסל אָפּ דעם דינעם אויסערלעכן ליאַק פון די „גרויס מאַכטן", וועלכע באַטייליקן זיך אין דעם איצ־טיקן צוזאַמענפאָר, דערזעט מען, אַז די פאַרזאַמלטע דיפּלאָמאַטן זענען די פאַרטרעטער פון דער אַלטער יענטע „אימפּעריאַליזם" וועלכע האָט זיך לכבוד דעם איצטיקן יום טוב גאַנץ אַנדערש געשלייערט.

קיין איינע פון די דריי גרעסטע „נעיוועל״ מאכטן, די וועלכע האָבן אין באַזיץ די גרויסע ים־פלאָטן, ענגלאַנד, פראַנקרייך און יאַפּאַן, (איך רעד דאָ נאַטירלעך פון די איצטיקע רעגירונגען אין די דריי לענדער) האָט ניט דעם מינדעסטן אויפריכטיקן וואונטש זיך צו אַנטוואָפנען, אָדער לכל הפחות באמת צו באַגרעניצן אָדער פאַרקלענערן זייערע מעכטיקע אַרמייען און פלאָטן. און פאַרוואָס ניט?

ווייל אַ ווירקלעכע אַנטוואָפנונג פון וועלכער ניט איז פון די אויסגערעכנטע לענדער וואָלט געמיינט ניט מער און ניט ווייניקער ווי זעגענען זיך מיט וויכטיקע טיילן פון די גרויסע און ווייט פאַר־שפרייטע אימפעריעס, וועלכע מען האָט אין לויף פון דורות, מיט דער ברוטאַליטעט פון פייער און שווערד דעראָבערט. דעראָבערט דורך דער אונטעריאָכונג פון שוואַכערע פעלקער און דאָס איינ־שלינגען פון גאַנצע לענדער.

אמתיע אַנטוואָפנונג מצד די הערשער פעלקער וואָלט דער־מעגלעכט דעם ענדלעכן אויפשטייג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט פון די אירלאַנדער, די הינדוסן, די קאָרעאַנער, די כינעזער און די אַנ־דערע אונטערדריקטע פעלקער וועלכע קעמפן איצט, אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערן, קעגן די זעלבע אימפעריאַליסטישע מאַכטן; קעגן די צוויי־פּנים׳דיקע רעגירונגען וועלכע האָבן איצט געשיקט זייערע אָפיציעלע פאַרטרעטער צום וואַשינגטאָנער וועלט קאָנגרעס, צו רעדן און צו פאַרהאַנדלען וועגן „אַנטוואָפנונג און שלום״.

ס׳איז איצט אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז די אַלעאירטע מאַכטן, די רעגירונגען וועלכע פאַר דער אויסערלעכער וועלט שווערן נאָך איינע די אַנדערע אייביקע ליבע און טרייהייט, — אַ ליבע און אַ טרייהייט, וואָס איז אויסגעשטאַנען „פּראָבע״ אין די העלישע פייערן פון דער גרויסער מלחמה, ווען מען איז געשטאַנען שולטער צו שולטער ווי ברידער, און געקעמפט צו „זיכערן די דעמאָקראַטי אין דער וועלט״, — אַז אָט די זעלביקע „אַלעאירטע״ באַטראַכטן היינט צו טאָג זייערע נעכטיקע חברים, די ברידער־לענדער, מיט

דעם זעלבן מיסטרויען, שרעק און האַס מיט וועלכן זיי אַלע איניינעם, האָבן באַטראַכט די צענטראַל מאַכטן אין אייראָפּע אין פאַרלויף פון די פיר שוידערלעכע יאָרן פון דער בלוטיקער און אומפאַרגלייכבאַר דעסטרוקטיווער וועלט מלחמה.

ווי דען אַנדערש דערקלערט מען דעם פאַקט וואָס די מיליטערישע הוצאות פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און יאַפּאַן זענען איצט דריי מאָל אַזוי גרויס ווי אין דעם יאָר 1914, ווען מען איז אַרויס אין קאַמף צו פאַרניכטן דעם אימפּעריאַליזם און דעם מיליטאַריזם, און אויף אייביק אָפּשאַפן מלחמות!

קאָנטיק, אַז דער מיליטערישער יונקער גייסט וועלכער איז איניינעם מיט דעם קייזעריזם און מיט דעם צאַריזם אַרויסגעטריבן געוואָרן פון בערלין און פון פּעטראָגראַד, האָט זיך באַזעצט און פילט זיך היינט צו טאָג גאַנץ היימיש און באַקוועם אין לאָנדאָן, פאַריז און טאָקיאָ!

אַ שיין וואָרט, כמעט אַ ווילסאָנישע פראַזע, האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון פּרעזידענט האַרדינג'ס מויל, אין לויף פון זיין אָפיציעלער דערעפענונגס רעדע ביים וואַשינגטאָנער אַנטוואָפענונגס קאָנגרעס. דאָס איז געווען איינע פון יענע „פראַנקענשטיין" פאָרמולירונגען, וועלכע, ווי אייניקע פון די באַרימטע „פערצן פונקטן", מען קאָן שוין אַזוי לייכט צוריק אין זייער רו ניט פאַרטרייבן . . .

„איינגעבוירענע רעכט, נאַטירלעכע רעכט ווי דאָס רעכט צו פרייהייט, זענען פון גאָט געגעבן" זאָגט דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, „און די טראַגעדיעס פון דער וועלט האָבן זייער מקור אין דעם פאַרזוך צו פאַרלייקענען אָט די דאָזיקע רעכט" . . .

דער פרייער גענוס און די ניט־געשטערטע אַנטוויקלונג פון אָט די איינגעבוירענע, נאַטירלעכע רעכט פון יעדן פאָלק צו פרייהייט און צו זעלבסטשטענדיקייט, איז דער ציל פון די היינטיקע פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דאָס איז די רעכט אויף

זעלבסט־באַשטימונג. דאָס רעכט צו לעבן אויף דער וועלט לויט דעם אייגענעם שטייגער, אויף אַט דעם דאָזיקן דורכאויס באַרעכטיקטן פאַרלאַנג ווי אויך אויף דעם נאַטירלעכן געזעץ פון זעלבסט דערהאַלטונג איז באַזירט דער ציוניזם פון דעם אידישן פאָלק.

די רעכט אויף זעלבסט באַשטימונג און אויף דער פרייער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט, איז דער לייט־מאָטיוו פון דעם שין־פיינעזם אין אירלאַנד, פון דעם מאהאַט־מאַ גאַנדייס אַגיטאַציע אין אינדיען, און פון ענלעכע באַוועגונגען אין אַלע וועלט טיילן. באַוועגונגען וועלכע דערציילן די באַפריי־אונג פון די אונטערדריקטע פעלקער פון אויסערלעכן דרוק.

די עקספּלואַטירונג פון די אונטערדריקטע פעלקער ווי אויך פון די נאַטור אוצרות אין דעם באָדן פון די פאַרכאַפּטע לענדער, איז פאַר די אימפּעריאַליסטישע מאַכטן אַ גאַנץ פּראָפּיטאַבלער עסק. די דאָזיקע פּראָפּיטן קאָן מען אָנהאַלטן בלויז אַזוי לאַנג ווי די פאַרשקלאַפּטע פעלקער וועלן בלייבן אונטערדריקט. און כדי די פעלקער וואָס לענגער צו האַלטן אונטערן אייזערנעם קנאַפּל און ווייטער פאַרלייקענען די נאַטירלעכע רעכט פון מענטשן, ווי אויך ווירקזאַמער צו קאָנען אונטערדריקן יעדן רעוואָלט קעגן דער הערשנדער מאַכט, און גלייכצייטיק אָנוואַרפן אַ שרעק אויף די קאָנקורענטן־אימפּעריעס, באַדאַרפן די אימפּעריאַליסטישע לענדער זייערע מעכטיקע אַרמייען און פלאָטן, וועלכע זיי וועלן ניט גערן און זיכער ניט פרייוויליק אויפגעבן אָדער ווי געהעריק באַגרעניצן.

כל זמן אפילו דאָס נומעריש מינדסטע און שוואַכסטע פאָלק אויף דער וועלט פאַרבלייבט אונטערדריקט, פאַרפאָלגט און אָנט־רעכטעט, איז ניט מעגלעך קיין וועלט שלום און פאָלגלעך, אויך ניט וועלכע ניט איז אמת'ע אַנטוואָפנונג!

„די וואָפן נידער!" דאַרף אויך אויף ווייטער בלייבן די פּאַראָלע פון די פרייהייטס ליבנדע מענטשן פון אַלע פעלקער און אין אַלע לענדער. אָבער כדי די דאָזיקע ליכטיקע לאָזונג זאָל ניט

בלייבן אַ פּוסטע פראַזע, באַדאַרף די באַוועגונג פאַר אַנטוואָפנונג באַזירט זיין אויף דעם יסוד פון דער פולשטענדיקער באַפרייאונג פון אַלע אונטעראָכטע פעלקער, און די באַפרידיקונג פון זייערע לעגיטימע נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווע אַספּיראַציעס.

אַ וועלט קאָנגרעס וועלכער איגנאָרירט דעם דאָזיקן וויכטיקן נאַציאָנאַליטעטן פּראָבלעם, איז פון סאַמן אָנהויב אַן פאַר׳משפּט צו אומפּרוכטבאַרקייט. דערפאַר באַציען זיך פּראָגרעסיווו דענ־קענדע מענטשן אין אַלע לענדער, און בעיקר די קינדער פון אונ־טערדריקטע פעלקער, אַזוי קאַלט און סקעפּטיש צום איצטיקן אַנטוואַפנונגס קאָנגרעס.

די מענטשהייט וועלכע שלעפּט מיט די לעצטע כחות דעם שווערן, נאָכאַנאַנד פאַרגרעסערטן און אַראָפּדריקנדן לאַסט פון צינזן און שטייערן, וועט זיך ווען ניט איז דערהויבן, אויסגלייכן דעם געבויגענעם רוקן און זיך דערשלאָגן צו אַ בעסערער מערכה. אָבער ניט פון וואַשינגטאָן וועט קומען די ישועה.

זי וועט קומען דורך אַלגעמיינער אויפקלערונג, דורך דער אוניווערסאַלער אַקצעפּטירונג און אַנערקענונג פון דעם פאַקט, אַז אין די גרויסע צענטראַליזירטע אימפּעריעס און אין דעם וועלפישן אַפּעטיט פון די אימפּעריאַליסטישע הערשער און באַצווינגער ליגט דער סם־המות פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. — די באַפרייאונג וועט קומען אין דעם אומפאַרמיידלעכן פאַראויס מארש פון די פרייהייטלעכע באַוועגונגען.

בלויז דורך דעם ביטערן האַס צו בלוט־פאַרגיסונג און צו יעדער פאָרמע פון אונטערדריקונג און רעכט באַגרעניצונג, קאָן אויסגעטראָטן ווערן דער וועג צו אַ בעסערער מענטשלעכער גע־זעלשאַפט, און צוגעגרייט ווערן דער באָדן פאַר אַן אמת׳ן אַנט־וואַפנונגס קאָנגרעס, אַ וועלט צוזאַמענפאַר ביי וועלכן אַלע פעל־קער פון דער וועלט, אָן שום אויסנאַם, וועלן ווי גלייכבאַרעכטיקטע זיין פאַרטראָטן.

און בלויז פון אַן אַלוועלטלעכן קאָנגרעס וועלכער וועט

אַ פריאָרי אָנערקאָנען און גאַראַנטירן דאָס רעכט צו פרייער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג פאַר יעדן איינצלנעם פאָלק, וועט קאָנען קומען דער באַפרייענדער אַקט וואָס וועט פון די פּלייצעס פון דער מענטשהייט אַרונטערנעמען דעם שווידערלעכן לאַסט פון דעם מאָדערנעם מיליטאַריזם וועלכער טרייבט צום באַרבאַריזם און צום אונטערגאַנג.

מיט דער באַפרייאונג פון די אונטערדריקטע פעלקער און מיט דעם עווענטועלן פעגאַנדערפאַל פון די אימפּעריעס וועט באַזייטיקט ווערן יעדע נויטווענדיקייט פאַר אַרמייען און פאַר פלאָטן, און ס'וועט מעגלעך ווערן די עטאַבלירונג אין דער וועלט פון אַ פרייע, ברידערלעכע פעדעראַציע פון אַלע פעלקער.

אַן אַנטוואַפנונגס קאָנגרעס וועלכער וויל באמת דערפאָלגרייך זיין, וועט זיך ניט פאַרנעמען ווי דער איצטיקער מיט פוסטע רייד וועגן באַגרעניצן אָדער פאַרקלענערן אַרמייען און פלאָטן. אַן אידעאַלער קאָנגרעס וועט זיין אַזעלכער וועלכער וועט צום ריכטשנור פון זיין אַרבעט נעמען די אומשטערבלעכע פרידנס אַגיטאַציע פון דעם גרויסן אידישן נביא פון ארץ ישראל, וועלכער שטעלט זיך ניט אָפּ מיט בלויז פּאָעטיש שילדערן דעם „אחרית הימים" ווען שווערדן וועלן איבערגעשמידט ווערן אין אַקער אייזנס, נאָר גיט אויך די ריכטיקע פאָרמולע פאַר אמת'ר אַנטוואָפנונג. „ולא ילמדו עוד מלחמה", מען וועט מער ניט לערנען די מלחמה־קונסט . . . אַן אמת ערלעכער אוןווירקזאַמער אַנטוואַפנונגס קאָנגרעס וועט באַשליסן צו פאַרמאַכן אַלע מיליטערישע אַקאַדעמיעס און אויף אייביק פאַרבאָטן צו פּראָדוצירן מאָרד און פאַרניכטונגס אינסטרומענטן . . .

ליידער האָט נאָך די מענטשהייט ניט דערגרייכט אַזאַ הויכע מדרגה פון מענטשלעכקייט און ציוויליזאַציע. דער וועג וואָס פירט אַרויס פון באַרבאַריזם צו קולטורעלע דערהויבונג איז אַ שווערער און אַ זיג־זאַג געשלענגלטער. דער יוצר הרע איז אָפט מנצח דעם יוצר טוב, און זעלבסטזיכטיקייט איז גובר די נשמה יתירה איג'ם

מענטשן. אָבער יושר און פרייהייט זענען פונדעסטוועגן אומבאַזיגבאַר. — און לאַנגזאַם ווי עס רירט זיך דער סאָציאַלער פּראָגרעס — באַוועגט זי זיך דאָך!

די פראַגע פון די אונטערדריקטע פעלקער, די נאַציאָנאַליטעטן פראַגע, בלייבט ענג פאַרבונדן מיט דעם פראָבלעם פון אנטוואָפנונג. ענג פאַרבונדן און ניט אָפּטיילבאַר. און כל זמן מען וועט ניט גרייט זיין אויפצוגעבן די הערשאַפט איבער די פאַרכאַפּטע לענדער און אויפהערן עקספּלואַטירן אונטערייאָכטע פעלקער, וועט מען ניט אויפגעבן אָדער פאַרקלענערן די מעכטיקע אַרמייען און פלאָטן.

צוליב וואָס־זשע די צום הימל פאַרגלאָצטע אויגן און די זיסע און היפּאָקריטישע רייד וועגן אַלוועלטלעכן פרידן און אנטוואָפנונג, ווען די ידים זענען נאָך אַלץ די ידי עשו?

פון דעם טאָג-בלאַט „די צייט“, דעם 18טן נאָוועמבער, 1921

צוויי פראַנצויזן

(ראָלאַן און בריאַן)

אין לויף פון דער בלוטיקער וועלט מלחמה האָט זיך געפונען א פראַנצויז, וועמעס שטימע פאַר מענטשלעכקייט און פאַר שלום האָט זיך דערהויבן הויך איבער דעם דונער פון די קאַנאָנען, און איז פאַרבליבן ריין און קלאָר, ניט באַשעדיקט און ניט אָנגערירט פון די טויטנדע גאַזן, וועלכע האָבן אָנגעפילט די לופט מיט דעם אָטעם פון טויט.

דאָס איז געווען דער וועלט־באַרימטער ראָמען ראָלאַן, דער צאַרטער און באַשיידענער מחבר פון „זשאַן קריסטאָף".
אומדערשראָקן און מוטיק האָט ער אָנגעווענדעט זיין ליבע־און־שלום לעש־אַמוניציע קעגן דעם פענאַנדערגעפלאַקערטן פייער פון פאַלשן פאַטריאָטיזם און פרעמדן־האַס מיט וועלכן די סופער מיליטאַריסטן האָבן פאַר׳שיכור׳ט זיין פאָלק. דורך די שווידערלעכע יאָרן פון דער בלוטיקער וואַקכאַנאַליע, און ביז צום היינטיקן טאָג, איז ראָמען ראָלאַן פאַרבליבן דער פאַרקערפּערטער געוויסן ניט בלויז פון פראַנקרייך, נאָר אויך פון גאַנץ אייראָפּאַ, אויב ניט פון דער גאַנצער וועלט.

זיין בראַווע שטעלונג אין לויף פון דער מלחמה און זיין איצטיקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אָנטוואָפנונג, האָט געגעבן ווירדיקן אויסדרוק צו די געפילן פון די אַרבעטנדע מאַסן און די פּראָגרע־סיווע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. געפילן און אַספּיראַציעס, וועלכע מען איז פאַר א לאַנגער צייט געווען געצוואונגען צו שטיקן אין זיך.

ראַלאַן איז מאַנענדע און פראָטעסטירנדע שטימע פון די וועלכע ליידן אַם מערסטן און וועלכע פארגיסן זייער בלוט אין אַלע מלחמות. ער וועקט כסדר די איידעלע און די העכערע געפילן אין דעם מענטשן. דאָס איז איין פראַנצויז.

ס'איז פאַראַן נאָך איינער, אַ געוועזענער פייערדיקער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר אַריסטיד בריאַן, דער איצטיקער פרעמיער־מיניסטער פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק.

בריאַן האָט זיך ארויפגעאַרבעט. ער האָט קאָנטיק פארגעסן דעם עלנד, דעם צער און די ליידן פון די פראָלעטאַרישע פאָלקסמאַסן. ער האָט זיך אידענטיפיצירט ניט בלויז מיט דער בורזשואַזי, מיט דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס, נאָר אויך מיט דער אולטראַ־מיליטאַריסטישער און אימפּעריאַליסטישער קליקע אין זיין לאַנד.

אַריסטיד בריאַן איז אַנוועזנד געווען אויף דער ערשט אָפּגעהאַלטענער אַנטיוואָפנונגס קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן. פון די באַריכטן אין דער פרעסע ווייסן מיר ווי אַזוי ער האָט פאַר די פאַרזאַמלטע דיפּלאָמאַטן געשילדערט דעם רירנדן בילד פון דער הילפלאָזער פראַנקרייך, וועלכע געפינט זיך אין גרויס סכנה פון אַן אַנגריף מצד דער געשלאָגענער און איצט אַנטוואָפנטער דייטשלאַנד.

מיט דעם כח פון זיין אַנערקענטן אָראַטאָרישן טאַלאַנט האָט בריאַן אַפּעלירט צום אַנטוואָפנונגס קאָנגרעס, מען זאָל דערלויבן פראַנקרייך אָנצוהאַלטן איר גרויסע און מעכטיקע אַרמיי, אַז וועלכער זי פאַרבלייבט שוואַך און הילפלאָז, און אין שטענדיקער אימה פון אַן אַנגריף מצד אַן אויסערלעכן שונא.

נעמענדיק אין אַנבעטראַכט, אַז צווישן די דעלעגאַטן קאָנען זיך געפינען אייניקע סקעפּטיקער, וועלכע וועלן זיך דערלויבן צווייפלען אין דער נויטווענדיקייט פון אַ גרויסע און מעכטיקע פראַנצויזישע אַרמיי, אָדער אין דערווירקלעכקייט און אַקטועלקייט פון אַ דראָענדע סכנה פאַר פראַנקרייך, האָט דער כיטרער בריאַן געהאַלטן אין רעזערוו הינטער די קוליסן, דעם גענעראַליסימאָ פון די אַליאירטע אַרמייען, דער גענעראַל פערדינאַנד פאָש, אַ באַ־

וואוסטער „אַנטי־מיליטאַריסט״ וועלכער, ווי אַלע גענעראַלער און פּראָפעסיאָנעלע מיליטער־לייט, האָט פיינט מלחמות בתכלית השנאה, און דער באַרימטער גענעראַל, אויסגעפּוצט אין פולער יוניפאָרמע און באַהאַנגען מיט דעקאָראַציעס און מעדאַלן, איז געשטאַנען גרייט צו מאַכן אַ דראַמאַטישע דערשייַנונג אויפ׳ן קאָנגרעס. מיט אַזאַ טעאַטראַלן זשעסט אויפצושפּילן פּאַטריאָטישע געפילן אויף דער סטרונע פון אַלעאירטע חבר׳שאַפט, וואָלט מען שוין גענומען דעם עולם אויף זיכער . . .

אַריסטיד בריאַן רעדט אין נאָמען פון דער פראַנצויזישער רעגירונג און פאָדערט מער מיליטאַריזם, בשעת ראַמען ראָלאַן רעדט אין נאָמען פון מענטשלעכקייט און פאָדערט אמת׳ע אָנטוואָפנונג!

ראָלאַן האָט איצט פאַרעפנטלעכט אַ רירנדן אויפרוף, אין וועלכן ער ווענדעט זיך באַזונדערס צו די פרויען, צו די מוטערס פון דער וועלט, זיי זאָלן מיט אַלע כחות קעמפן קעגן דעם וואַקסנדן מיליטאַריזם וועלכער טרייבט אויף דאָס ניי די מענטשהייט צו אַ שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע.

דער וועלט באַרימטער פראַנצויזישער שריפטשטעלער וועמעס ווערק זענען איבערזעצט כמעט אין אַלע לשונות, און וועלכער איז באַליבט און פּאָפּולער ביי די פאַרגעשריטענע טיילן פון די פעלקער מאַסן, באַשטרייט ענערגיש בריאַנ׳ס טענה, אַז פראַנקרייך נויטיקט זיך אין אַ ריזיקער אַרמיי צוליב איר זיכערקייט. ער באַהויפּטעט, אַז אויב די פרויען פון דער וועלט וועלן זיך איצט ניט אַנשטרענגען צו מאַכן אוממעגלעך נייע מלחמות, וועט פאַלן אויף זייערע אייגענע קעפּ דאָס בלוט פון זייערע זין, און זיי וועלן ווערן מיט־שולדיקע אין דעם גרעסטן פון פאַרברעכנס.

מיט דעם אויפשטייג פון איר איצטיקע אימפּעריאַליסטישע און רעאַקציאָנערע אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק, האָט פראַנקרייך אין אַ היבשער מאָס פאַרלאָרן די שיינע און גלאָררייכע רעפּוטאַציע וועלכע זי האָט זיך דערוואָרבן אַ דאַנק די גרויסע רעוואָלוציע פון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט.

די אמאָליקע שטאָלצע פראַנצויזישע לאָזונג „פרייהייט, גלייכ־הייט און ברידערלעכקייט", אַ לאָזונג וואָס האָט אין דער היסטאָ־רישער עפּאָכע פון דער גרויסער רעוואָלוציע, באַזיגט הערצער אויך ווייט אַריבער די גרעניצן פון דער ערשטער פראַנצויזישער רע־פּובליק, און האָט אינספּירירט און דערמוטיקט מענטשן צום אויפ־שטאַנד קעגן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן דרוק און פאַרקנעכטונג אין אַלע וועלט טיילן, אַט די דאָזיקע פרייהייטלעכע לאָזונג קלינגט היינט צו טאָג ווייט און פרעמד אין דער מדינה פון בריאַן, פּואַנ־קאַרע, דעם פאַרעלטערטן קלעמענסאָ, וויוויאַני און פאָש, וועלכע האָבן אין גרויסער מאָס אַנולירט די אַרבעט און די באַמיאונגען פון די ליכטיקסטע פראַנצויזישע פריי־גייסטער פון פריערדיקע דורות. די געוועזענע ראַדיקאַלע קעמפּער און סאָציאַליסטן קלעמענסאָ, וויוויאַני און בריאַן האָבן איצט ווידער אַמאָל געהאָלפן דערנידע־ריקן „לאַ בעל פראַנס" מיט דעם ערשט געשלאָסענעם בונד מיט דעם פינסטערן וואַטיקאַן!

מיט דעם דאָזיקן אַקט האָבן זיי פאַרגעזעצט די שענדלעכע טראַדיציע פון „נאַפּאָלעאָן דעם קליינעם" *) וועלכער האָט מיט זיין מיליטערישער אינטערווענציע געשטיצט דעם וואַקלענדיקן וואַטיקאַן און די פּאַפּסטלעכע רעסטאַווראַציע, און געהאָלפן דער־שטיקן די פרייע מאַציניסטע רעפּובליק אין רוים אין דעם יאָר 1849.

ראָלאַן אָדער בריאַן?

פראַנקרייך שטייגט אָדער פאַלט מאָראַליש אין די אויגן פון דער ציוויליזירטער וועלט לויט דעם אויסוואַל פון אירע פּאָליטישע טאָן־געבער און אָפיציעלע פירער.

די שכינה פון דער רעוואָלוציאָנערער טראַדיציע האָט זיך אָפּגעטאָן פון דער ביז־איצטיקער „קלאַסישע לאַנד פון רעוואָלו־ציעס" . . . און אין ליכט פון איר גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט, ווי טרויעריק עס ווערט אויפ'ן הארצן ווען אַ גרויסע פראַנצויזישע

*) אַזוי האָט וויקטאָר הוגאָ אָנגערופן דעם רעאַקציאָנערן פראַנצוי־זישן הערשער נאַפּאָלעאָן דעם דריטן. זעט הוגאָ'ס: "Napoleon Le Petit."

טענלעכע ציימונג באַגריסט דעם פֿאַקט וואָס אַלע רעוואָלוציאָנערע, פּראָגרעסיווע און ליבעראַלע עלעמענטן אין דער וועלט זענען היינט צו טאָג די שונאים פֿון פֿראַנקרייך, און אַלע רעאַקציאָנערן אירע איינציקע לאָיאַלע פֿריינד.

די איצטיקע מאָראַלישע ירידה פֿון דער פֿראַנצויזישער רע־פּובליק וועט זיך אָפּשטעלן, און איר ווידער אויפֿשטייג אויפֿ'ן לייטער פֿון מענטשלעכן פּראָגרעס וועט אויף דאָס ניי זיך אָנ־הויבן, ווען אירע אַנערקענטע וואָרט־פֿירער און אָפֿיציעלע פֿאַר־שטייער וועלן זיין די זשאַן לאָנגעס, קאַשענס, לעאָן בלומס, אַנאַטאָל פֿראַנסעס און ראָמען ראָלענס.

זי וועט מוזן אויסקלייבן צווישן די צוויי וועלט אַנשויאונגען וועלכע עס שטעלן מיט זיך פֿאָר היינט צו טאָג ראָמען ראָלאָן און אַריסטיד בריאַן.*)

פֿון „די צייט", דעם 17טן דעצעמבער, 1921

---

*) נאָטיץ פֿון יאָר 1938.

אין גערעכטיקייט צו אַריסטיד בריאַן דאַרף דאָ פֿאַרצייכנט ווערן דער פֿאַקט, אַז אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן איז ער ווידער אַרויף אויף דעם וועג וואָס פֿירט צו מענטשלעכן פֿאָרשריט. דורך זיינע אויפֿ־ריכטיקע באַמיאונגען האָט ער געשטרעבט צו פֿאַרוואַנדלען דעם מיס־טרויען מיט וועלכן די פֿעלקער פֿון אייראָפּא באַטראַכטן זיך איינאַנאַנ־דער, אין אַ גייסט פֿון צווישנפֿעלקערלעכע פֿאַרשטענדיקונג און קאָאָפּע־ראַציע. זיינע פּלענער פֿאַר אַ „פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אייראָפּא", וועלכע ער האָט ביז צום סוף פֿון זיין לעבן אַזוי גלענצנד פֿאַרטיידיקט ביי די זיצונגען פֿון פֿעלקער־בונד אין זשענעווא און זיינע באַמיאונגען פֿאַר וועלט שלום פֿאַרקערפּערט אין דעם „קעלאָג־בריאַן" אָפּמאַך צווישן זעכציק פֿעלקער, איז שוין געווען אין גייסט פֿון בריאַן דער סאָציאַליס־טישער קעמפֿער, און אין האַרמאָני מיט די שענסטע גייסטער פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט.

—מ. פֿריילינאַוו

וועגן נחמן סירקין

נחמן סירקין

1867-1924

צו חבר ד״ר סירקינ׳ס יובילעאום

אונדזער באַליבטער אייביק יונגער רבי, דער אומדערמידלע־כער און ענערגישער פרייהייטס קעמפּער דאָקטאָר נחמן סירקין האָט איצט שוין אויסגערונדעט זיין פופציקסטן לעבנס יאָר. פופציק יאָר יונג! צו אייער יובל טייערער לערער, חבר און פריינד, שיק איך איצט מיין הארציקע באַגריסונג און שליס זיך אָן צו דער גרויסער צאָל פריינד און פאַרעהרער וועלכע ווינטשן אייך אריכת ימים. אייער זעכציק יאָריקן יובילעאום זאָלט איר שוין פייערן אין ארץ ישראל, און דעם זיבעציקסטן לעבנס יאָר אין ירושלים, ווי פּאָלקס דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער רעפּובליק. איר זאָלט דערלעבן זען די פאַרווירק־לעכונג אין לעבן פון אונדזער פאָלק, פון דער אידייע פון סאָ־ציאַליסטישן ציוניזם מיט וועלכער איר האָט באַרייכערט די אידי־שע וועלט!

ווי דער פאַרקעמפער פון א נייעם פרייהייטס געדאַנק, איז חבר סירקינ׳ס וועג אין לעבן ניט געווען א רויזן־באַצירטער. מיר שיינט, אז די מאָס פאַרלוימדונג, פאַרפאָלגונג, בייז־ווייליקע מיס־פאַרשטענדעניש, און ווי א צוגאָב דערצו, עקאָנאָמישע נויט, וואָס אים איז אויסגעקומען דורכצולעבן, וואָלט פיזיש און גייסטיק געבראָכן מער ווי איין שטאַרקן מענטשן. סירקינ׳ען איז אָבער בייגעשטאַנען זיין וואונדערבאַרער אומבויגזאַמער גלויבן אין דעם עווענטועלן נצחון פון אמת און גערעכטיקייט. דערפאַר, איז ער היינט צו טאָג, ביים שוועל פון דער פאַרווירקלעכונגס עפּאָכע פון

דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג אַזוי יונג און גייסטיק קעמ־פעריש ווי אין די סאַמע ערשטע טעג פון זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע!

איך דערמאָן זיך איצט דעם ערשטן מאָל וואָס איך האָב זיך פּערזענלעך באַקענט מיט דעם גרויסן אַפּאָסטאָל פון אידישער פרייהייט, אונדזער איצטיקן יובילאַר. דאָס איז פאָרגעקומען אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, צום סוף פון די ניינציקער יאָרן, מיט קאַרגע צוואַנציק יאָר צוריק. צו יענער צייט בין איך געווען אַ יונגער בחור פון אַ יאָר פופצן.

אין אַ לאָנדאָנער אידישע צייטונג האָב איך איין טאָג באַ־מערקט אַ נאָטיץ וואָס האָט פאַרכאַפּט מיין אויפמערקזאַמקייט. מען האָט באַקאַנט געמאַכט „דעם ווערטן פּובליקום“, אַז אַ גאַסט אין לאָנדאָן, ד״ר נ. סירקין, וועט אין דעם פאַרזאַמלונגס לאָקאַל פון דער אידישער קאָרפּענטערס יוניאָן, לעקטשורן איבער דער טעמאַ: „פאַר וואָס אידישע סאָציאַליסטן דאַרפן זיין ציוניסטן“ און אַז ס׳וועט זיין „פרייע דיסקוסיאָן“. אַ זאָנדערבאַרע און העכסט פאַראינטריגירנדע טעמאַ! צום מיטינג בין איך געגאַנגען אינאיינעם מיט מיין פאָטער ר׳ יצחק, אַ טעטיקער חובב ציון, וועלכער איז אין לאָנדאָן געווען פון די ערשטע זיך אָנצושליסן אָן ד״ר טעאָדאָר הערצלס פּאָליטישן ציוניזם.

ווי אין חובבי ציון קרייזן אין אַנדערע לענדער, איז אין די ערשטע יאָרן פון הערצל׳שן ציוניזם אויך ביי די חובבי ציון אין ענגלאַנד פאָרגעקומען גרויסע חלוקי דעות וואָס פאַר אַ שטעלונג צו נעמען צו דער נייער באַוועגונג פאַר אַ גרויס צוגיקן ציוניזם. די לייטנדע פירער פון דער עלטערער, און צו יענער צייט שוין „געמיטלעך“ געוואָרענער באַוועגונג, האָבן זיך באַצויגן מיט מיס־טרויען צו דעם „פרעמדן“, דעם „אויסלענדישן“ עסטרייכישן זשורנאַליסט און דראַמאַטורג וועלכער איז ביז צו יענער צייט געווען אַ טאָטאַלער פרעמדער אין דער אידישער וועלט. פּלוצלונג דערשיינט אַ דאָקטאָר הערצל, רודערט אויף די ישוב ארץ ישראל

באוועגונג, און זוכט צו דערהויבן דעם פּאַרזוך צו לעזן די אידנ־פראַגע צו דער מדרגה פון אַ פּראָבלעם פון אינטערנאַציאָנאַלער וועלט־פּאָליטיק. איבערהויפּט האָט זיי אָפּגעשראָקן זיין וואַגנדע לאָזונג „אַ אידן שטאַאַט"!

די „אינגערע" חובבי ציון, צווישן וועלכע עס האָט זיך דאָ־מאָלט אָנגעזען דזשייקאָב דע־האַאַז, און די אידישע פּאָלקס־מאַסן אין לאָנדאָן, האָבן זיך מיט באַגייסטערונג אָפּגערופן אויף ד"ר הערצל'ס רוף. מיין פאָטער'ס לעבעדיקן און לעבנלאַנגלעכן אינטערעס צו אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו ארץ ישראל און צום אידישן נאַציאָנאַליזם, האָט ביי דעם דאָזיקן פאַל גובר געווען זיין פרומקייט. דאָס איז געווען דער ערשטער מיטינג צו וועלכן ער איז געגאַנגען שוין נאָך קבלת שבת . . .

פאַר מיינע אויגן שטייט נאָך עד היום גאַנץ קלאָר און בולט די סצענע אין יענעם ענג געפּאַקטן „טאַפּ פלאָריקן" צימער. דער פאַרזאַמלונגס לאָקאַל איז אַ חוץ די נייגעריקע צושויער וועלכע האָבן איבערגעפּאַקט דעם זאַל, אויך אָנגעפילט געווען מיט'ן געדיכטן רויך פון סיגאַרעטן. אַ חלול שבת, וואָס האָט מיר, דעם ערשט ניט לאַנג צוריק בר־מצוה געוואָרענעם און פרום דערצוי־גענעם בחור, היבשלעך שאָקירט!

ווען מיר זענען אָנגעקומען איז שוין דער מיטינג אָנגעגאַנגען. ביים רעדנער טיש, מיט'ן פּנים צום עולם, איז געשטאַנען אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ שוואַרצער באָרד, און פון מיטל־וואוקס — און האָט געהאַלטן זיין פאָרטראַג.

נאָכ'ן לעקטשור האָבן זיך אַ צאָל מענטשן געמאָלדן צום וואָרט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן. היציקע, ביטע־רע און היבש באַזאַלצן און באַפּעפּערט מיט שאַרפע צווישן־רופן.

דאָקטאָר סירקינ'ס שאַרפע, לאָגישע און גלענצנדע ענטפערס צו די אָפּאָנענטן האָבן אַרויסגערופן שטאַרקע אַפּלאָדיס־מענטן און האָבן איבערגעלאָזן אַ דויערהאַפטן רושם אויף די אנוועזנדע. אויף מיר, האָט סירקינ'ס פאָרטראַג איינגעם מיט דער

נאָכפאָלגנדער דעבאַטע, געמאַכט אַ טיפן און ביז צום היינטיקן טאָג ניט פאַרגעסלעכן איינדרוק.

אויף מאָרגן, שבת אָוונט, איז ד״ר סירקין געווען דער רעדנער ביי דער פאַרזאַמלונג פון די ציוניסטן אין קינג׳ס האָל, אויף קאָמוירשל סטריט. דאָרט, פאַר אַ, אין גרעסטן טייל, ציוניסטישן עולם, איז שוין די טעמא געווען: „פאַרוואָס ציוניסטן באַדאַרפן זיין סאָציאַליסטן״. פאַרשטייט זיך, אַז צום צווייטן פאַרטראַג בין איך שוין געקומען נאָך איידער מען האָט געעפנט דעם האָל.

די ויכוחים וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט די צווייטע לעקציע זענען געווען ניט ווייניקער שטורעמדיק ווי אין דעם פאַריקן אָוונט. די ציוניסטן אַזוי ווי די סאָציאַליסטן האָבן זיך קאַנטיק היבש גע־שראָקן פאַר דעם אפיקורסישן שעטנז וואָס דער סאָציאַליסטישער ציוניסט סירקין האָט געזוכט אַריינצופלעכטן אין זייער כולו תכלית׳־דיקן אידעאַל.

און אַזוי האָט ד״ר סירקין צום ערשטן מאָל אויפטרעטנדיק עפנטלעך אין ענגלאַנד, פאַרפלאַנצט די ערשטע קערנער פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם. דער טערמין „פועלי ציוניזם״ האָט צו יענער צייט נאָך אין ערגעץ ניט עקזיסטירט.

קיינע מערקבאַרע רעזולטאַטן האָבן זיך באַלד נאָך דעם ניט אַרויסגעוויזן. ניט פון די פאַרטראַגן און אויך ניט פון דער ערשטער שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, — דעם ערשטן אין דער אידישער שפּראַך אָפּגעדרוקטן פלוג־בלאַט פון דער גרופּע „חירות״ וועלכן סירקין האָט שפּעטער, אין דעם יאָר 1901, שוין נאָך דעם, אין לאָנדאָן אָפּגעהאַלטענעם, פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס, פון פּאַריז צוגעשיקט צו חבר דוב אַבערסאָן און צו מיר. מיין ערשטע טעטיקייט אין דער באַוועגונג איז געווען די פאַרשפּרייטונג פון דעם דאָזיקן פלוג־בלאַט ביי ציוניסטישע און ביי אידיש־סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען. און אַזוי ווי צווישן די סאָציאַליסטן און די ציו־ניסטן האָט צו יענער צייט ניט געהערשט קיין „שלום־בית״, קאָן

מען זיך שוין משער זיין אז קיין צו שטארק פאפולערע ארבעט איז דאס ניט געווען.

ווי געזאגט, האבן זיך צו יענער צייט ניט אנגעזען וועלכע ניט איז מערקבארע רעזולטאטן. איצט אבער, לויט די לעצטע ידיעות פון ענגלאנד, איז פון יענעם אנפאנג ארויסגעוואקסן א פארצוויי־גטע באוועגונג.

היינט צו טאג איבן אוים די פועלי ציון אין ענגלאנד א היפשן איינפלוס אין די אידישער ארבעטער רייען, און האבן זיך דער־ווארבן אנערקענונג און פארשטענדעניש אויך אין דער אלגעמיי־נער ארבעטער וועלט. די אידישע ארבעטער מאסן ווערן מער און מער דורכגעזאפט מיט סירקינ'ס אידייען, און צו זיין רעאליזירונג האט דער סאציאליסטישער ציוניזם די חבר'שע סאנקציע און מיטהילף פון דער איינפלוסרייכער „בריטיש לייבאר פארטיי".

ווי איך זע אים, פאראייניקט אין זיך אונדזער סירקין, דעם רעוואלוציאנערן אומרואיקן טעמפעראמענט פון א באקונין אינייי־נעם מיט דער אומבויגזאמער אויסגעהאלטענער איבערגעבנקייט צו אמת און צו גערעכטיקייט פון א מאציני. אבער סירקין איבער־שטייגט מאציני'ן אין דער רייכערער, טיפערער אלאומפאסנדקייט פון זיין אידייע. מאציני איז געווען דער גרויסער נביא פון דעם פראגרעסיוון און רעוואלוציאנערן נאציאנאליזם, אבער צום מארק־סיסטישן סאציאליזם האט ער זיך באצויגן קעגנעריש און צייטנ־ווייז אפילו אויך פיינטלעך. אין נחמן סירקינ'ס וועלט אנשויאונג זענען הארמאניש פאראייניקט ביידע גרויסע אידעאליסטישע שטרעבונגען פון דער מאדערנער וועלט. ער איז דער טריבון פון דער היינטיקער פראגרעסיוו און רעוואלוציאנערער נאציאנאל־סאציאליסטישער אידייע אין דער אידישער וועלט.

ווי א גלענצנדער פובליציסט און פאלעמיסט, ווי אן אלזיי־טיקער געלערנטער מענטש און ווי א מערקווירדיק באגייסטערנדער פאלקס רעדנער וועלכער דערהויבט זיך צייטנווייז, אין זיין רעדן, צו נביא'ישער הויך, שטייט אונדזער סירקין אומפארגלייכבאר.

זיין ערשט ניט לאַנג צוריק דערשינענער אַרטיקל „ציניזם קעגן ציוניזם” איז אַ קלאַסיש מייסטערווערק אין מיניאַטור. ס׳איז אַ בייסטנדיק שאַרפע פּאָלעמישע סאַטירע וואָס וואָלט געקענט אויסהאַלטן פאַרגלייך מיט באַקונינ׳ס „דער בער פון בערן און דער בער פון פעטערסבורג”. די דאָזיקע סירקין שריפט וועט די קומענדע דורות געבן אַ באַגריף וועגן אונדזערע היינטיקע גענאַ־סישע וואָרט פירער, ווי אויך אַן אַריינבליק אין זייער פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם.

פערזענלעך, בין איך טיף דאַנקבאַר מיין פריינד און חבר ד״ר נחמן סירקין פאַר דעם ברייטערן מענטשלעכן אויסקוק ווי אויך פאַר דער נשמה וואַרעמקייט וואָס דער פּועלי ציוניסטישער אידעאַל האָט אין מיין לעבן אַריינגעבראַכט. אַזוי פיל איך פער־זענלעך, און אַזוי, גלויב איך אַז איך מעג מיט זיכערקייט באַהויפּטן, פילן טויזנדע פון זיינע חברים און פאַרערער.

טאָ זאָל ער נאָך לאַנג, לאַנג לעבן און ווירקן, און פאָרזעצן זיין אַרבעט ווי דער פאַרקעמפער און באַנער טרעגער פון דער אי־דישער פרייהייט! *)

פון „אידישער קעמפער” ספּעציעלער סירקין
יובילעאום נומער, דעם ערשטן מערץ, 1918.

גאָטיץ פון יאָר 1938

*) די גוטע ווינטשעוואַניעס פון נחמן סירקינ׳ס פילע פאַרערער אויף אַריכת ימים זענען לײדער ניט מקוים געוואָרן. מיין פאָלגנדער אַרטיקל וועגן אים, געשריבן מיט זעקס יאָר שפּעטער, אין 1924, איז שוין געווען אַ נעקראָלאָג. — מ. פר.

ביים קבר פון חבר ד״ר נחמן סירקין

חבר ד״ר סירקין טויט! ס'איז שרעקלעך, אוממעגלעך! זאָל עס הייסן, אַז דער לעבנספולער, ענערגישער בראַווער קעמפער, דער שאַרפזיניקער דענקער, דער באַנער טרעגער פון דער אידישער פרייהייט, איז מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע? . . . עס קלינגט אומגלויבלעך . . .

אָט געווען, געליטן, געשטריטן, געוואַגט אין דינסט פונ׳ם אמת זיך צו שטעלן קעגן מאַיאָריטעטן, געאַרבעט, געשאַפן, גע־טרוימט און געדינט דער אידיש־נאַציאָנאַלער רענעסאַנס באַוועג־גונג מיט זיינע גלענצנדע פעאיקייטן און אייגנשאַפטן אין וואָרט און אין שריפט, און פלוצלונג — אין סאַמן מיטן טאָג איז זיין זון אונטערגעגאַנגען . . . און דער ליבער האַרציקער פריינד, דער חבר'שער אייביק יונגער סירקין איז אויף אימער פון אונדזערע רייען אַרויסגעריסן געוואָרן.

ווי נעמט מען די פען אין האַנט צו שרייבן אַ נעקראָלאָג? . . . טרערן פילן אָן די אויגן און דער טיפער האַרצוויייטיק קאָן אין דעם איצטיקן מאָמענט ניט געפינען געהעריקן אויסדרוק. צו טיף איז מיין געפיל פון פערזענלעכן פאַרלוסט. געקניפט און געבונדן מיט אַ פערזענלעכער פריינטשאַפט און גייסטיקע אידייען נאָענטקייט מיט דעם גרויסן אַפּאָסטאַל פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, — אַ פריינטשאַפט וועלכע ציט זיך שוין פינף און צוואַנציק יאָר, פון יענע ערשטע טעג פון זיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פראָפּאַ־גאַנדע אין לאָנדאָן צום סוף פון די 90־קער יאָרן ביז איצט, איז

פאַר מיר אין דעם איצטיקן מאָמענט אוממעגלעך אפילו פּרו־בירן, וועלכע ניט איז אָפּשאַצונג פון זיין אומאָפּשעצבאַרע לייס־טונגען, פון זיין ווירקונג, אויפטו און גרויסן ווערט.

איך וויל בלויז אָנדייטן אויף זיין מוט און אויף זיין מערקווירדיקער אָפּאָסטאָלאַט אין דינסט פון דער אידישער פרייהייטס באַוועגונג. האָט זיך נאָר ד"ר סירקין איבערצייגט אין דעם אמת פון אַן אידייע און אין דער גערעכטיקייט פון אַ באַוועגונג איז ער, זיך ניט רעכענענדיק מיט קיינע פּערזענלעכע אָפּפער און ליידן, געשטאַנען פעלזן פעסט אין זיין פּראָפּאַגאַנדע און אין פאַר־טיידיקונג קעגן אַלע אָנגרייפער.

ער האָט געוואַגט ווען ס'איז נויטיק געווען, צו שטיין גאַנץ אַליין, אומבויגזאַם אין אָנגעזיכט פון אָפּאָזיציע, פאַרלוימדונג, בייזוויליקייט און פאַרפאָלגונג מצד קליינמוטיקע מענטשעלעך וועל־כע האָבן ניט דערגרייכט צו זיינע קנעכל אין הלכות מענטשלעכ־קייט, און וועלכע האָבן ניט געקאָנט באַגרייפן די גרויסקייט פון זיין ריינער און הויכער נשמה, אָדער פאַרשטיין די גרויסע, אומ־באַגרעניצטע ליבע וועלכע נחמן סירקין האָט געטראָגן אין זיין הארצן פאַר די ליידנדע מאַסן, און פאַר'ן גאַנצן פאַרפאָלגטן אי־דישן פאָלק.

חבר סירקינ'ס פובליציסטישע ארטיקלען האָבן זיך אימער־צו אויסגעצייכנט מיט מערקווירדיקער ערנסטקייט, אויפריכטיקייט, מיט טיפע אידישע בקיאות און מיט אַן אַלגעמיינע ברייטע ערודי־ציע. זיין מוח איז געווען ווי אַ גרויסע ענציקלאָפּעדיע פון וויסן.

פון צייט צו צייט האָט ער, אין פּאָלעמיק מיט די יעניקע וועל־כע ער האָט באַטראַכט ווי בוגדים פון די בלוטיקסטע אינטערעסן פון אונדזער פאָלק, זיך דערלויבט צו באַנוצן די שאַרפע פיילן פון זיין בייסנדער סאַטירע. אָט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיש סיר־קינ'שע סאַטירע האָט זיך באַזונדערס אָנגעזען אין זיינע פּעליטאָנען וועלכע ער פלעגט שרייבן אונטער זיין פסעוודאָנים „אני הגבר". אָבער די כלי זין פון סאַטירע האָט ער באַנוצט בלויז אין דינסט

פון דער צענטראַלער אידייע פון זיין לעבן — דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם, — און קיין מאָל ניט פאַר קליינלעכע פערזענלעכע חשבונות.

קיין איין מענטש אין אידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט גע־האַט אַזוי פיל ביטערע קעגנער ווי נחמן סירקין. דאָס איז דער בעסטער אַטעסטאַט פון אַ מוטיקן קעמפער פאַר׳ן אמת. ניט אַלע־מאָל איז דער אמת פּאָפּולער. אָבער ער האָט גלייכצייטיק גע־האַט צאָלרייכע אָנהענגער און פאַרערער, וועלכע האָבן אים אָפּ־געשאַצט און אויפריכטיק געליבט. צעפּטירט ווי אַ גייסטיקן לערער און פירער, און האָט זיך דערלעבט פערזענלעכע פריינד און חברים וועלכע האָבן אים הויך געשאַצט און אויפריכטיק געליבט.

דעם מוט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצן עפנטלעכן לעבן, האָט אונדזער גרויסער חבר ניט אָנגעוואָרן אויך אין זיינע לעצטע טעג, אין זיין לעצטן קאַמף מיט׳ן מלאך המות. ער, וועל־כער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר׳ן לעבן, און ווען ס׳איז אָפט אויסגעקומען צו שווימען קעגן שטראָם, האָט מיט דעם זעלבן מוט און מיט אמת׳ן סטאָאיציזם באַגעגנט דעם טויט.

ווי דען אַנדערש האָט געקענט שטאַרבן אַזאַ אייביק אומ־רואיקער גייסט, אַזאַ בראַוווער אומדערמידלעכער קעמפער ווי נחמן סירקין ?

ניטאָ ! . . . ניטאָ מער צווישן אונדז ד״ר נחמן סירקין אונדזער גייסטרייכער לערער. אָבער אַזעלכע גרויסע גייסטער שטאַרבן ניט אָפּ. זיי ווירקן אויך ווייטער. און אויף אונדז, וועלכע האָבן אים געקאַנט און געליבט און וועלכע האָבן גערן אַקצעפּטירט די דערהויבענע לערע זיינע און דעם עקזאַלטירנדן אידעאַל, דעם פּועלי ציוניזם, ליגט איצט ווי דער ערשטער ערן חוב — די פליכט צונויפצוזאַמלען זיינע שריפטן און זיי אַרויסגעבן אין פּאַסנ־דער און צוגענגלעכער פאָרם ; אַזוי, אַז דאָס גייסטיקע שאַפן פון דעם גרויסן לערער, די תורה שבכתב, זאָל אויך אויף ווייטער קאָנען באַגייסטערן אונדז, זיינע תלמידים, און די וועלכע וועלן

קומען נאָך אונדז אין דעם גרויסן און שווערן קאַמף פאַר אידיש־נאַציאָנאַלע פאָליטישע און קולטורעלע אויפלעבונג, — ווייל די אמתין וועלכע ער האָט געפּריידיקט און אין וועמעס דינסט ער האָט געווידמעט זיין רייכן און קאָלירפולן לעבן, זיינע אייביקע.

פאַר אונדז, זיינע אידייען חברים, פאַר דעם אידישן סאָציאַליזם, פאַר די בויער פון דער אידישער היימלאַנד אין ארץ־ישראל, פאַר די קאָאָפּעראַטיוון און די קבוצות פון יהודה און גליל, ווי פאַר'ן גאַנצן אידישן פאָלק וועמעס געטרייער זון ער איז געווען — שטייט איצט ד"ר נחמן סירקין ווי אַ זייל פון ליכט, ווי אַן עמוד אור — און וועט מיט דעם כח פון זיין אייגענעם ביישפּיל פון הויכן אידעאַליזם און אַלטרואיזם, אונדז אויך ווייטער רופן צום דינסט אין קאַמף פאַר אַן אַלזייטיק שענערן און ווירדיקערן אידישן לעבן.

פון דער ווייטנס, געשמידט דורך קראַנקהייט אין אַ שפּיטאָל בעט, און דורך דעם פאַרהינדערט פון באַטייליקן זיך פּערזענלעך אין דער לויה און אָפּגעבן די לעצטע עפנטלעכע ערע צו מיין טייערן פריינד, אונדזער גרויסן נפטר, — שיק איך איינייגעם מיט די דאָזיקע שוואַכע ווערטער מיינע, אַן אומזיכטבאַרן בלומען־קראַנץ, דורכגעווייקט מיט טרערן, אוועקצולייגן אויפ'ן פרישן קבר פון ד"ר נחמן סירקין!

לייט־אַרטיקל אין „אידישער אַרבעטער"
פון 12טן סעפּטעמבער 1924

אַ נייע איינוועגדונג קעגן דעם ציוניזם

די יעניקע וועלכע האָבן געמיינט, אַז דער שטאַרק פּענאַנדער־געפּויקטער געשריי „ישראל עליך אַראַבער!“ אַ געשריי און אַ לאָזונג וועלכן די אידישע און גוי'אישע שונאי ציון מכל המינים באַנוצן לעצטנס אין זייער קאַמף קעגן דער אידישער פריי־הייטס באַוועגונג, איז שוין דער לעצטער מיטל פון די קעגנער, האָבן קאָנטיק געמאַכט אַ גרויסן טעות.

די היינטיקע בלוטיקע העץ־אַוואַנטיורע מיט וועלכע די אַראַבישע עפענדיס און מופטיס איינעמען מיט זייערע ניט־אַראַבישע אַלעאירטע, האָבן פאַר'סם'ט די מוחות און פאַרבלענדט די אויגן פון אַ טייל פון דעם אַראַבישן המון, איז, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, ניט דאָס סאַמע לעצטע וואָרט פון די אַנטי־ציוניסטן.

דער גאָט פון די אַנטיסעמיטן מכל המינים „שלאָפט ניט און דרימלט ניט“. ער פאַרלאָזט ניט זיינע געטרייע קנעכט. פון צייט צו צייט איז ער זיי מזכה מיט נייע כלי זין אין דעם „היי־ליקן“ באַטש ניט זייער ווירדיקן, קאַמף.

ס'איז מערקווירדיק, אַז וואָס נעענטער דער ציוניזם קומט צו זיין פאַרווירקלעכונג, אַלץ מער און אינטענסיווער ווערט דער ווידערווילן און אַלץ שטאַרקער די פאַרביטערטע אָפּאָזיציע פון די אַנטי־ציוניסטן. אַלץ העכער הויבן אויף זייערע קעפּ די שונאי ציון פון אַלע פעלקער, און יעדער אויף זיין שטייגער זוכט צו לייגן וואָס מער שטיינער אויפ'ן וועג פון דעם אידישן פאָלק, און מיט אַלערליי מיטלען און פאַרטלען זוכט מען אָפּצושטופּן אויף וואָס שפּעטער דאָס אומפאַרמיידלעכע.

איין קעגנזייטיקער ברודער געפיל פאַראייניקט די הערצער פון דעם אַראַבישן עפענדי, דעם אַנטיסעמיטישן ענגלישן לאָרד, דעם פראַנצויזיש־אימפּעריאַליסטישן קאָלאָניאַלן אינטריגאַנט, דעם קריסטלעכן אַמעריקאַנעם אַרכעאָלאָג, און אחרון אחרון חביב, אויך דעם אידישן אַסימילאַנט און אַנטי־ציוניסט.

יאָ, אַ גרויסן טעות האָבן געהאַט די, וועלכע צוזעענדיק ווי דער לעבן און דער גאַנג פון די לעצטע היסטאָרישע פּאַסירונגען, האָבן איינס נאָכ'ן אַנדערן באַזייטיקט און לעכערלעך געמאַכט די אַלע ביז איצטיקע איינווענדונגען קעגן דעם ציוניזם, האָבן געמיינט, אַז איצט וועלן שוין אַלע צוגעבן, אַז אַ פרייע אידישע היים אין ארץ ישראל, ווי צ. ב. דער נייער „פרי־סטעיט” אין אירלאַנד, וועט מיט זיך פאָרשטעלן אַ נייע דערגרייכונג פון דעם מענטשלעכן פאָרשריט. אַ ברכה און ניט קיין קללה פאַר דער מענטשהייט, און וועט ניט אַנדערש ווי באַרייכערן דעם געמיינשאַפטלעכן קולטור אוצר פון דער מענטשלעכער ראַסע!

דעם גרויסן כבוד פאַר אַנטדעקן די נייסטע געפאַר וואָס לויערט פאַר דער וועלט אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם ציוניזם, קומט דאָקטער מערי האָסי, אונדזערע אַן אַמעריקאַנערין, די פּראָפעסאָרשע פון ביבלישער ליטעראַטור אין דעם מאונט האָליאָק קאַלעדזש פון סאוט העדלי, מאַסאַטשוזעטס.

דאָקטער מערי האָסי, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק דערוויילט געוואָרן פעלד־סעקרעטערין פון דעם „פאָנד פאַר ביבלישע און אָריענטאַלישע נאָכפאָרשונג”, איז איצט אַרויס מיט דער באַהויפּטונג, אַז אין דעם ציוניזם שטעקט אַ מורא'דיקע סכנה פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַרכעאָלאָגישער נאָכפאָרשונג און די אויסגראָבונגען פון די רעשטן פון דער אַנטיקער צייט אין ארץ ישראל.

די הויפּט געפאַר, זאָגט זי, ליגט אין דעם פאַקט וואָס עס שטראָמען אַריין אין דעם הייליקן לאַנד אידישע איינוואַנדערער פון פוילן און פון דער אוקראַינע, אין דעם צאָל פון אַ טויזנד יעדן חודש, און אַט די איינוואַנדערונג ברענגט מיט זיך אינדוסטריעלע און אַגריקולטורעלע אַנטוויקלונג, און פאַרשטייט זיך, אויך מאָדערנע שאָסייען, און אַזוי ווייטער, און דאָס אַלץ, באַקלאָגט זיך די חשוב'ע פּראָפעסאָרשע, ענדערט דאָס אויסזען פון דער ארץ ישראלדיקער לאַנדשאַפט און מאַכט שווער אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון אַרכעאָלאָגישער נאָכפאָרשונג.

די געערטע פּראָפעסאָרשע פון ביבלישע און אָריענטאַלישע נאָכפאָרשונג איז לעצטנס באַזונדערס באַאומרואיקט און באַזאָרגט װעגן דעם רוטנבערג באװאַסערונג און עלעקטריפיקאַציע פּראָיעקט פאַר ארץ ישראל, װעלכער האָט איצט, לויט די לעצטע ידיעות, שוין באַקומען די אָפיציעלע סאַנקציע פון דער ענגלישער רעגירונג.

עס כאַפּט באמת אָן א שוידער ביים שרעקלעכן געדאַנק, אז גאָר אינגיכן װעט די ברכה פון מאָדערנע באַלײכטונג און אינ־דוסטריעלע עלעקטריפיקאַציע, װי בכלל די פאַרגרינגערונגען װעלכע עס ברײנגען מיט זיך די נײסטע טעכנישע דערפינדונגען, װערן א טייל פון דעם פאָלקס לעבן אין ארץ ישראל . . . הימל עפן זיך!

און דאָקטאָר מערי האָסי װענדעט אָן די טויטע פאַרגאַנגענ־הײט קעגן דער לעבעדיקער געגנװאַרט.

„די אַלע באַדײטנדע אומשטענדן" שרײבט זי, „טראָגן אין זיך גרוים סכנה פאַר די אַרכעאָלאָגן. באַזעצטע שטעט קאָן מען ניט אונטערגראָבן, און די עטאַבלירונג פון גוטע מאָדערנע שאָ־סײען און פאַבריקן באַדײט דעם פאַרלוסט פון די באַהאַלטענע אוצרות פון דער פאַרגאַנגענהײט. סײדן מען װעט װאָס שנעלער נעמען די נױטיקע שריט צו רעזערװירן גרויסע שטרעקעס לאַנד און אויף זיי פאַרבאָטן יעדע פאָרם פון קאָלאָניזאַציע און מאָ־דערניזאַציע".

איז טאַקע זייער ביטער פון דעם אַרכעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, אָבער װאָס קאָן מען זיך העלפן? אויסגראָבן די רעשטן פון פאַרגאַנגענע צײטן איז טאַקע װיכטיק און אינטערעסאַנט, אָבער דער קעגנװערטיקער, פולסירנדער לעבן און די נויטן פון דער אי־דישער װירקלעכקייט זענען פיל װיכטיקער און אינטערעסאַנטער.

די טויטע פאַרגאַנגענהייט, װי װיכטיק זי זאָל ניט זיין פאַר אַרכעאָלאָגן און פאַר היסטאָריקער, װעט מוזן מאַכן װעג פאַר די נויטן און באַדערפענישן פון דער לעבעדיקער קעגנװאַרט און פאַר דער שעפערישער צוקונפט פון דעם אידישן פאָלק!

פון „די צייט", 4טן יאַנואַר, 1922

דער אידישער אוניווערזיטעט אין ירושלים

די בליקן פון אַלע נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע אידן אין דער וועלט זענען איצט געווענדעט קיין ירושלים, אונדזער אַלטע היסטאָרישע הויפּטשטאָט, וואו עס ווערט היינט צו טאָג פאַר־ווירקלעכט איינע פון די שענסטע טרוימען וועלכע זענען געשפּו־נען געוואָרן פון די ערשטע ענטוזיאַסטישע טרעגער פון דעם פּאָ־ליטישן ציוניזם, נאָך ביים ערשטן וועלט־קאָנגרעס אין באַזעל.

דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, אין יאָר 1897, האָט איינשטימיק און מיט גרויס באַגייסטערונג אָנגענומען די רעזאָלוציע וועלכע איז אַריינגעבראַכט געוואָרן פון דעם אומ־פאַרגעסלעכן אידישן פּראָפעסאָר אינ׳ם היידעלבורגער אוניווערזי־טעט הערמאַן שאַפּירא, אז: „עס זאָל אין ירושלים אָדער אין יפו געגרינדעט ווערן אַ העברייאישער אוניווערזיטעט״. יאָרן זענען פאַראיבער איידער מען האָט געקאָנט צוטרעטן דורכצופירן אָט דעם דאָזיקן וואונטש. איצט איז עס געוואָרן אַ האַרץ־וואַ־רעמענדע ווירקלעכקייט! און איינינעם מיט דעם שיינעם אויל־בילד פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, וועלכן דער ציוניסטישער אַקציאָנס קאָמיטעט האָט פּרעזענטירט צו דעם אידישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, אין דעם טאָג פון דער אָפיציעלער דערעפענונג, וואָלט אויך באַדאַרפט אויף אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין אוניווערזיטעט אויפגעדעקט ווערן דאָס בילד פון פּראָפעסאָר הערמאַן שאַפּירא ז״ל, וועלכער וועט לעבן אין דער אידישער געשיכטע ווי דער פאָטער פון דעם אידישן נאַציאָנאַל פאָנד.

א אידיש־נאַציאָנאַלע אוניווערזיטעט אין ירושלים! איינינעם מיט דער היימלאַנד פאַר'ן פאָלק ווערט אויך אויפגעבויט דער היכל פאַר'ן אידישן גייסט. דאָס איז אַ הערליך בילד, וואָס פאַר־כאַפּט די הארץ און וואַרעמט די נשמה פון יעדן פּראָגרעסיוון און אינטעליגענטן אידן!

צווישן די פילע טראַגעדיעס פון אונדזער לאַנגן גלות לעבן איז איינע פון די גרעסטע, די טראַגעדיע פון דעם אידישן סטודענט און דעם אידישן וויסנשאַפטס־מענטש. די פּראָצענט נאָרמען קעגן אידישע סטודענטן און די באַגרעניצונגען און שוועריקייטן וועל־כע ווערן ביז היינטיקן טאָג, (אָן אויסזיכט אויף דערלייכטערונג אין דער נאָענטער צוקונפט), אָנגעוואָרפן אויפ'ן וועג אויך פון די אידישע פּראָפעסאָרן, איז אַן איבל, וואָס ווערט מיט דער אַנט־וויקלונג און פאַרגרעסערונג פון דעם אידישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, אין אַ געוויסער מאָס באַזייטיקט ווערן.

במקום דעם באַליידיקנדן שילד „יודן פערבאָטן" אָן וועלכן אַזוי פיל פון דער אידיש שטודירנדער יוגנד שטויסן זיך אָן אין דער איצטיקער צייט, וועט ענדלעך עקזיסטירן אַן אוניווערזיטעט וואָס וועט לויט אויפנאַם־פעאיקייט, זיין אָפן פאַר יעדן אידישן מאַן אָדער פרוי, וועמעס נשמה לעכצט נאָך קענטניש און וויסן, — און מיט אַ שילד פון וועלכער ס'וועט צו די דאָזיקע דאַרשטיקע אַרויסשאַלן אַ שטענדיקע איינלאַדונג: הוי כל צמא לכו למים! — קומט איר אַלע דורשטיקע און שטילט אומבאַגרעניצטערהייט אייער דורשט אין דעם פרישן קוואַל, אין דעם מעין המתגבר פון ריינעם וויסן!

די אוניווערזיטעט וועמעס דערעפענונג עס ווערט איצט אוניווערסאַל געפייערט צווישן אידן, איז בלויז אַ באַשיידענער אָנהויב פון אַן אינסטיטוציע, וואָס וועט אין לויף פון דער צייט אויסגעברייט, פאַרצווייגט און אויפגעבויט ווערן פון דעם נאַציאָ־נאַל־דערוואַכטן אידישן פאָלק אין ארץ ישראל, מיט דער אַקטיווער מיטווירקונג פון די אידן אין אַנדערע לענדער. אָבער דער גייס־

טיקער תוכן פון דער אינסטיטוציע וועט רעפלעקטירן דעם פּראָ־גרעסיוון וועזן פון דער אידישער ארץ־ישראל. און דער ריכטיקער גייסט פון דעם נייעם אידן, דער פאָלקס־גייסט וועלכן די נאציאָ־נאַלע אוניווערזיטעט וועט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן אופן געהעריקן אויסדרוק געבן, איז דער קאָנסטרוקטיווער, בויענדער גייסט פון די חלוצים, פון די קבוצות, פון דער אחדות העבודה, וואָס איז דער המשך פון דעם גייסט פון סאָציאַלן יושר און פון פעלקער פּאַר־ברידערונג וואָס האָט אָנגעפּילט די הערלעכע וויזיע פון אונדזערע אומשטערבלעכע נביאים;

די פייערונג פון דעם גרויסן אוניווערזיטעט יום טוב ווערט איצט אַביסל געשטערט צוליב דעם אַראַבישן פּראָטעסט.

די פינסטערע קליקע פון די רייכע אַראַבישע פעאָדאַלן, די עפענדים מיט זייערע געקויפטע דעמאַגאָגישע פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַנדערע פאַרבינדעטע לאָזט פון זיך הערן. דער דאָזיקער באַנדע עקספּלואַטירער און פאַרשקלאַפער פון די אָרימע אַראַבישע פע־לאַכן געלינגט נאָך אַלץ צו באַאיינפלוסן אַ גרויסן טייל פון דעם אומוויסנדן אַראַבישן המון און זיי אויפהעצן קעגן זייערע אמת'ע פריינד און ראַסן־פאַרוואַנדעטע, די אידן. אַ מאָדנע „דריי־איינ־קייט" נעמט איצט אַנטייל אין דעם דאָזיקן טייפלשן שפּיל, דער אַראַבישער עפענדי, דער וואַטיקאַן און . . . זינאָוויעוו'ס אַגענטן אין ארץ ישראל!

און ס'איז גוט וואָס אונדזער אוניווערזיטעט אין ירושלים וועט זיין אָפן פאַר אַראַבער אַזוי גוט ווי פאַר אידן. „שקר אין לו רגלים". אויפקלערונג און עקאָנאָמישע אינטערעסן וועלן סוף כל סוף דערנענטערן דעם אידן און דעם אַראַבער און וועלן צו־נישט מאַכן די אַלע פינסטערע קאָנספּיראַציעס און פאַרשווערונגען קעגן די באַרעכטיקטע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון דעם אידישן פאָלק.

דער ירושלים'ער אוניווערזיטעט וועט פאַרשפּרייטן ליכט און וויסן. און מיט וויסן וועט קומען פאַרשטענדעניש, און ס'וועלן

פארשווינדן פאראורטייל און מיספארשטענדעניש. און פיליכט וועט נאך קומען צו א רענעסאנס פון יענע היסטארישע גייסטיקע קאארדינאציע פון די צוויי סעמיטישע פעלקער, וואס האט עקזיס־טירט אין מיטלאלטער אין שפאניען, בשעת די אידן און די אראַ־בער האבן הויך געהאלטן דעם פאקל פון וויסן און ליכט אין מיטן פון דער פינסטערניש פון אן אייראפעאישער וועלט קאנטראלירט פון דעם פאפסט און פון די טאמאס טארקוועמאדאס!

צוליב דער היסטארישער פאסירונג פון דער אוניווערזיטעט דערעפענונג, באקומט אונדזער היי־יאריקע פסח־וואך א באזונ־דער פייערלעכן גלאנץ. און סימבאליש איז די באטייליקונג פון פארשטייער פון די גרעסטע פעלקער, פון רעגירונגס פארטרעטער, פון דעם ארבעטער־אינטערנאציאנאל אין אמסטערדאם, פון די דעלעגירטע פון ניט־אידישע אוניווערזיטעטן און די שריפטלעכע באגריסונגען פון פילע אוניווערזיטעטן אין אלע וועלט־טיילן, וועלכע, מחמת ווייטקייט און מאנגל אין צייט האבן ניט געקענט שיקן דירעקטע פארטרעטער קיין ירושלים צו דעם ערשטן אפריל.

עס איז אן אנזאג פון דער קומענדער פארווירקלעכונג פון ישעיה הנביא׳ס ווערטער וועגן דעם אחרית הימים, ווען די פעל־קער פון דער וועלט וועלן זיך ווענדן צו דעם פאלק, וועלכער ראנגעלט זיך איצט פאר זיין עקזיסטענץ אין אן אומפריינדלעכער וועלט, און באמיט טראץ ליידן און פארפאלגונג, צו דערהויבן זיך צו דער מדרגה פון א מוסטער־פאלק, א „נס לגוים״.

„נכון יהיה הר בית ד׳ בראש ההרים, ונשא מגבעות ונהרו אליו עמים רבים ואמרו לכו ונעלה על הר ד׳ אל בית אלהי יעקב ויורנו מדרכיו ונלכא בארחתיו, כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים !״

פון דעם „אוניווערזיטעט-נומער״ פון „אידישער ארבעטער
דעם 3טן אפריל, 1925

אומפאַרגעסלעכע פירער און גרינדער פון דער פועלי ציון באַוועגונג

יחזקאל עדעלשטיין

דוב בער אבערסאָן

לעאָן כאַזאַנאָוויטש („כתריאל")

„און ווען אויך צו שטאַרבן אין מיטן דעם שטרעבן
איז אונדז דאָ באַשערט אים ניט ברייננענדיק דאָרט,
דאַן וועלן מיר אַנדערע דעם גייסט איבערגעבן
זיי זאָלן פאַרטרעטן אין שטרייט אונדזער אָרט".

(פון דער פועלי ציוניסטישער „שבועה")

יחזקאל עדעלשטיין

יחזקאל עדעלשטיין איז געווען איינער פון די ערשטע פּיאָנערן פון דער פועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן.

געבוירן אין שילעל, רוסלאַנד, אין דעם יאָר 1879, איז ער ביז זיין אכצנטן יאָר פאַרבליבן אין זיין געבורט לאַנד. אין רוס־לאַנד האָט נאָך געהערשט יענע בלוטיקע קנוטאָ־רעאַקציע, וועלכע איז איינגעטראָטן מיט'ן טראָן־באַשטייגונג פון אַלעקסאַנדער דעם דריטן נאָך דער דערמאָרדונג פון דעם צווייטן אַלעקסאַנדער אין 1881. צום סוף פון די נײַנציקער יאָרן האָבן זיך ווידער אָנגע־הויבן באַווייזן אייניקע ליכט פאַסן פון פאָלקס דערוואַכונג און פּראָטעסט. אויף דער אידישער גאַס זענען גלייכצייטיק דערשינען די צוויי מאַסן באַוועגונגען, דער בונדיזם און דער ציוניזם. דאָס איז געווען אין דעם יאָר 1897 ווען עדעלשטיין האָט שוין געהאַט פאַר־לאָזן רוסלאַנד און איז געקומען אין דער פרייער אַמעריקע. אין נייעם לאַנד האָט ער געהאָפט צו געפינען אַ ברייטערע פעלד פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט צו וועלכער ער האָט אין זיך גע־פילט אַ ניט־ווידערשטייליכן דראַנג.

ער באַזעצט זיך אין פילאַדעלפיע וואו ער געפינט אַרבעט אין דאָרטיקער ציגאַר פאַבריק. גלייכצייטיק ווערט ער אַקטיוו אין דער טרייד יוניאָן און אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג צווישן די אידישע אַרבעטער. אָבער די דאָזיקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין וועלכע ער נעמט אַ טיכטיקן אנטייל שטעלט אים ניט

אין גאַנצן צופרידן. אים ציט צו טעטיקייט פאַר אַן אידעאַל וואָס צילט ווייטער אין פאָראויס ווי די אינטערעסן פונ׳ם מאָמענט און פון טאָג. פון די צוויי אידעאַליסטישע ריכטונגען אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע אין יענער צייט — די סאָציאַל־דע־מאָקראַטישע און די אַנאַרכיסטישע — אַפּעלירט צו זיין ברויזנדן רעבעלירנדן גייסט דער אַנאַרכיזם מיט זיין באַטאָנונג פון דער חשיבות פון דער פּערזענלעכקייט און פרייע אינדיווידואַליטעט פון דעם מענטשן. ער אידענטיפיצירט זיך מיט דער אַנאַרכיסטי־שער באַוועגונג. עדעלשטיין פאַרמאָגט אין זיך אַ ים מיט ענערגי און זעצט פאַר זיין פאַרצווייגטע טעטיקייט.

אָבער דעם איד אין אים וויל ניט בלייבן פאַרשלעפּערט אונ־טער׳ן שלייער פון דעם זיסן חלום פון צוקונפט־מוזיק. דאָס אי־דישע פאָלק איז פאַר אים ניט קיין אבסטראַקציע נאָר אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם וואָס לעבט און קעמפט און האָט אַ רעכט צו לעבן און צו פרייער אַנטוויקלונג. ער פילט די גרויסע אידישע טראַגעדיע. אים טוט ווי די ליידן פון זיין פאָלק. ער זעט איניינעם מיט׳ן צאַרטן און אַזוי טראַגיש פרי־פאַרשטאָרבענעם אַנאַרכיסטישן אַר־בעטער פּאָעט דוד עדעלשטאַט, אַז זיינע אידישע ברידער טראָגן אַ דרייפאַכן קייט . . . „אַלס אידן, אַלס שקלאַפן, אַלס דענקער״. און דער אידן־פּראָבלעם לאָזט אים ניט רוען. אים ווערט קלאָר, אַז אויב דער איד וויל אין דער היינטיקער וועלט עקזיסטירן ווי אַ גאַנצע פאָלקס גרופּע און דערלעבן די שיינע און מענטשלעכערע וועלט צו וועלכער עס צילט דער אַלגעמיינער אַנאַרכיסטישער און סאָציאַליסטישער אידעאַל, קאָן עס געשען בלויז דורך דערקעמפן פאַר זיך די שוץ־וואַפע פון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער היים און אַ נאָרמאַלן אַרבעטס פּלאַץ.

עדעלשטיין באַווייזט, אַז ער פאַרמאָגט דעם מוט פון זיינע איבערצייגונגען. זייענדיק פאַרבונדן מיט דער אַנאַרכיסטישער באַ־וועגונג שליסט ער זיך אָן ווי אַ מיטגליד אין דער צו יענער צייט (1901) נאָך יונגער אַלגעמיין ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז

אַלזאָ, אַן אַנאַרכיסט־ציוניסט. אַ מאָדנע קאָמבינאַציע וואָס האָט צו יענער צייט אויסגעזען משונה'דיק ווילד סיי צו די ציוניסטן סיי צו די אַנאַרכיסטן. אָבער אין עדעלשטיינ'ס אויפריכטיקייט און ערלעכן אידעאַליזם צווייפלט קיינער ניט. מען ציט בלויז מיט די אַקסלען . . .

אָבער אָט דער דאָזיקער קאָמבינאַציע איז אין גיכן באַשערט געווען צו קריגן אַן עליה וואָס האָט אויף זיך געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון דער גאַנצער אידישער עפנטלעכקייט. דאָס איז געווען דורך דעם מוטיקן ארויסטרעט, קורץ נאָכ'ן קישינעווער פאָגראָם אין יאָר 1903, פון ניט קיין קלענערער פּערזענלעכקייט ווי דער באַליב־טער און אין אַלע קרייזן הויך געאַכטעטער אינטעלעקטועלער לייטנדער גייסט פון דער אידיש־אַנאַרכיסטישער באַוועגונג דאָקטאָר הלל זאָלאָטאַראָוו. דער אַנאַרכיסטישער דענקער און גלענצנדער פּובליציסט, ניט אויפגעבנדיק זיין גלויבן אין דעם גרויסן אידעאַל פון אַ פאַרברידערטער מענטשהייט, טרעט דאַמאָלט אריין אין דעם גרויסן קאַמף פאַר אידיש נאַציאָנאַלער דערהאַלטונג און באַ־פרייאונג.

צו יענער צייט ווערט עדעלשטיינ'ס געזונט אונטערגעגראָבן פון דעם טאַבאַק שטויב אין פאַבריק, און ער ווערט געצוואונגען צו זוכן אַ נייע באַשעפטיקונג. גראָדע מאַכט זיך, אַז די אידישע שוך קאָאָפּעראַטיווע אין פילאַדעלפיע באַשליסט צו עפענען אַ קאָאָפּעראַטיוון שוך־געשעפט, און עדעלשטיין ווערט דערוויילט פאַרוואַלטער. שפעטער מיט אַ פּאָר יאָר גייט ער „אריין אין ביזנעס פאַר זיך" און עפנט אַ קליינעם פּריוואַטן שוך געשעפט אויף סאַוט צווייטע גאַס, וועלכע ווערט די „הויפט קוואַרטיר" פון די יונגע סטודענטן און אידעאַליסטיש־געשטימטע יונגע לייט, וועלכע זענען צוגלייך מיט דער אידייע פאַר סאָציאַלן איבערבוי, אויך פאַרכאַפּט פון דער אידיש נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס באַוועגונג.

אין עדעלשטיינ'ס „סטאָרקע" ווערן געשפּונען די ערשטע פעדע־נער פון שאַפן אַ ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פּי־

לאַדעלפיע. אין יאָר 1904 נעמט ער די איניציאַטיווע אין אָרגאַניזירן דעם „זייאָניסט סאָשעליסט גרופּ", צוערשט אַן ענגליש־שפּרעכנדע גרופּע, פון וועלכע ס'איז אַרויסגעוואַקסן די פּועלי ציון באַוועגונג אין פילאַדעלפיע, און וועלכע האָט מיטגעהאָלפן אין אָרגאַניזירן די באַוועגונג איבערן לאַנד. צווישן די וועלכע האָבן איניינעם מיט עדעלשטיינ'ען צוזאַמענגעשטעלט די ערשטע גרופּע האָבן זיך געפונען חיים פיינמאַן, מאיר בראון, זיין ברודער מייקל בראון, ד"ר סלאָנימסקי, קורנאָס און בריק.

אינגיכן געפינט מען אויס פון אַ צייטונגס נאָטיץ, אַז אויך אין ניו־יאָרק עקזיסטירט שוין זייט דעם פאָריקן יאָר (1903) אַ פּועלי ציון פאַראיין. מען פאַרקניפּט פאַרבינדונגען מיט די ניו־יאָרקער. מען העלפט אַרויס איינע די אַנדערע אין דער עפנטלעכער פּראָפּאַגאַנדע טעטיקייט. די באַוועגונג גייט פאָראויס.

עדעלשטיין פילט, אַז ענדלעך האָט ער געפונען יענע נשמה־גאַנצקייט, וועלכע ער האָט געזוכט. און אין דער פּועלי ציון באַוועגונג טראָגט ער אַריין דעם ענטוזיאַזם און די ענערגיע וואָס האָט כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

אין לויף פון די יאָרן 1904 און 1905 ווערן אָרגאַניזירט נייע פאַראיינען און גרופּן אין פילע שטעט פון דער נאָרד און מיטל־וועסט. באַלד מאַכט דורך די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין לאַנד דעם גרויסן אינערלעכן אידייעשן קריזיס מיט דער נאָכפאָלגנדער שפּאַלטונג (ווי די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג) אַרום דעם אוגאַנדע פּראָיעקט און דעם אויסער־האַלב פּאַלעסטינישן טעריטאָריאַליזם. די קומענדע שפּאַלטונג פילט זיך אין דער לופטן שוין ביים ערשטן צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע, אין זומער פון יאָר 1905—אָבער מען האַלט אָן די אָרגאַניזאַציאָנעלע גאַנצקייט ביז נאָכ'ן ציוניסטישן קאָנגרעס. די גרויסע שפּאַלטונג קומט פאָר נאָכדעם ווי דער זיבעטער ציוניסטישער וועלט קאָנגרעס האָט צוריקגעוויזן דעם אָנבאָט פון דער ענגלישער רעגירונג פאַר אַ אידישע קאָלאָניע אין מזרח אַפריקע.

די שפּאַלטונג איז געווען דער צווייטער גרויסער קלאַפּ וואָס די
אידיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט דורכגעלעבט אין פאַרלויף פון
יענע צוויי טראַגישע יאָרן. דער ערשטער קלאַפּ איז געקומען אין
יולי פון יאָר 1904 מיט דעם אומדערוואַרטעטן טויט, אין זיין פיר־
און־פערציקסטן לעבנס יאָר, פון דעם גלענצנדן פירער פון פּאָליטישן
ציוניזם ד״ר טעאָדאָר הערצל.

אין די פּאַראייניקטע שטאַטן ווערט דער ריס אין דער ציו־
ניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג פולשטענדיק. די צוויי שטרע־
מונגען פאַרנעמען זיך אין באַזונדערע וועגן. און די טעריטאָרי־
אַליסטן אָרגאַניזירן זיך אונטערן נאָמען „סאָציאַליסטן טעריטאָ־
ריאַליסטן" („ס. ט."). צום סוף פון זעלבן יאָר 1905, אין דע־
צעמבער, אין דער וואָך פון חנוכה קומט פאָר אין דער שטאָט
באַלטימאָר די ערשטע לאַנד קאָנווענשאָן פון די „פּאַלעסטינצעס"
אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. דאָרט ווערט גע־
גרינדעט די איצטיקע פּועלי ציון פּאַרטיי. אויב איך מאַך קיין
טעות ניט זענען די פאָלגנדע דעלעגאַטן אָנוועזנד געווען: יחזקאל
עדעלשטיין, חיים פיינמאַן, א. ש. וואַלדשטיין, ד. אבערסאָן, מ.
גודמאַן, הערמאַן זיידעל, בעלאַ פּעווזנער, אסתר מינץ, א. זעלדין,
ה. י. כהן, יואל ראַזאַוועסקי, ד״ר מארקוס, ד״ר לעאָן קאַפּעלאָוויטש,
פינסקי (פון פילאַדעלפיע), בראון, פינק, מייסטעראָף, מאַרלים,
ב. היטלמאַן און י. אַפּעלבוים.

אין דער באַלטימאָרער קאָנווענשאָן נעמט עדעלשטיין אַ לעב־
האַפטן אנטייל. ער ווערט דערוויילט אַ מיטגליד פון ערשטן צענ־
טראַל קאָמיטעט. קורץ נאָכ׳ן צוזאַמענפאָר דערשיינט אין פילאַ־
דעלפיע אונטער עדעלשטיינ׳ס פאַרוואַלטונג, דער ערשטער „אידי־
שער קעמפּער", דער אָפיציעלער וואָכנשריפט פון דער פּאַרטיי.
ניט בלויז דער „קעמפּער" נאָר אין גרויסער מאָס אויך די גאַנצע
יונגע באַוועגונג שטיצט זיך אויף עדעלשטיינ׳ען, וועלכע טראָגט
אויף זיינע פּלייצעס די זאָרגן פון די ערשטע פּיאָנערן יאָרן פון דעם
פּועלי ציוניזם דאָ אין לאַנד.

מיט דעם דאָזיקן ענטוזיאַסט און אידעאַליסט האָב איך זיך פּערזענלעך באַקענט ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן אין באַלטי־מאָר אין יאָר 1905. און פון דאַן אָן כל זמן ער האָט געלעבט (נאָך דעם, ליידער, בלויז קאַרגע צוויי יאָר) בין איך ניט דורכ־געפאָרן פילאַדעלפיע זיך ניט אָפּשטעלנדיק כאָטש אויף אייניקע שעה „זיך זען מיט עדעלשטיינ׳ען".

אין יאָר 1907 ווערט עדעלשטיין אַ חתן און פּלאַנט באַלד נאָך דער חתונה פאָרן זיך באַזעצן אין ארץ ישראל, וואו עס האָבן צו יענער צייט זיך שוין באַוויזן די ערשטע שוואַלבן פון דעם קומענדן סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן פרילינג אין דעם לאַנד פון דער אידישער צוקונפט.

זונטאַג, דעם 22טן יולי, פאָרט ער אַרויס קיין נאָר־מאַ, נו־דזשוירזי, וואו זיין כלה האָט פאַרבראַכט דעם זומער וואַ־קאַציע ביים ים־ברעג. ער האָט געפּלאַנט בלויז פאַרברענגען דעם טאָג און צוריק פאָרן אין אָוונט קיין פילאַדעלפיע. ער שפּרינגט אַריין זיך אָפּבאָדן אין די וואַסערן פון דעם אַטלאַנטיק. אַ שטאַר־קער אונטער שטראָם כאַפּט אים אָן און פירט אים ווייט, ווייט אַרויס . . . און די וואַסערן פון ים לעשן אויס זיין יונגן און ווערטפולן לעבן פון בלויז אַכט־און־צוואַנציק יאָר.

דער אומדערוואַרטעטער און טראַגישער טויט פון יחזקאל עדעלשטיין איז געווען אַ מורא׳דיקער קלאַפּ פאַר דער ערשט זיך פענאַנדערבליענדער פועלי ציון באַוועגונג אין לאַנד.

די לויה, צו וועלכע עס זענען געקומען דעלעגאַציעס פון ניו־יאָרק און נאָך אייניקע פּונקטן, איז געווען איינע פון די איינ־דרוקספולסטע אין דער אידישער פילאַדעלפיע. נאָכ׳ן אָרון, וואָס איז אונטער אָן ערן־וואַך צוגערשט געלעגן אין ציוניסטישן אינ־סטיטוט אויף פיין סטריט, איז דערנאָך נאָכגעגאַנגען, אונטער זייערע פאַרשיידענע באַנערס אידן פון אַלע שיכטן אין דער אָרטי־קער באַפעלקערונג.

אלע, אָרטאָדאָקסן, ראַדיקאַלן, פּועלי־ציוניסטן, סתם ציוניסטן, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און יוניאָן מיטגלידער האָבן דעמאָנסטרירט זייער ליבע און דרך ארץ צום טראַגיש אומגעקומענעם טרייען זון פון פאָלק, וועלכער האָט זיך מיט זיין גאַנצער נשמה געווידמעט דער פרייהייטלעכער באַוועגונג, און וועלכער איז אַזוי פּריצייטיק אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן.

פון זשורנאַל "THE ZIONIST"
סעפּטעמבער־נומער פון יאָר 1907

גאָטיץ פון סוף יאָר 1937
ווי די צייט פליט! איצט, אַליין איבערזעצנדיק מיין אויבן געבראַכטן אַרטיקל פון ענגליש, די שפּראַך אין וועלכער ס׳איז אָריגינעל געשריבן געוואָרן און פאַרעפנטלעכט אין דעם יאָר 1907, זע איך, לויט׳ן לוח, אַז עס זענען שוין פאַראיבער פולע דרייסיק יאָר נאָך עדעלשטיינ׳ס טויט. ער לעבט נאָך שאַרף אין מיין זכרון ווי, איך בין זיכער, אויך אין אָנדענק פון די עלטערע חברים וועלכע האָבן אים ביים לעבן געקאַנט. שרייבנדיק אָט די פּאָר שורות ווערט אויפגעלעבט דער ווייטיק איבער דעם אַזוי יונג פאַרשניטענעם לעבן פון אַ חבר וועלכער, אין נאָרמאַלן גאַנג פון לעבן, וואָלט נאָך געקאָנט פיל לייסטן פאַר׳ן פאָלק און פאַר דער באַוועגונג.
—מ. פרייליכאַוו

דוב בער אַבערסאָן

אונטערוועגנס און גאַנץ צופעליק, האָט מיר דערגרייכט די טרויעריקע בשורה, אַז מיין אַלטער טייערער פריינט, אונדזער הארציקער חבר דוב בער אַבערסאָן איז שוין מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע.

אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל אין נאָרד קאַראָליינע, פאַר־טאָג, וואַרטנדיק אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ פאַרשפּעטיקטן צוג אין אַ חושך׳דיקער ניט־באַהייצטער אומבייט־סטאַנציע, האָב איך אויפ־געהויבן אַ נומער „פאָרווערטס״, וועלכן אַ אידישער דורכפאָרער האָט אויפ׳ן באַנק איבערגעלאָזן — און די טרויעריקע שיקאַגאָ׳ער דעפּעשע האָט אַ שלאָג געטאָן ווי מיט אַ דובינע.

אַבערסאָן ! די קלעפּ פון שיקזאַל האָבן אין לויף פון די לעצטע יאָרן, איינס נאָכ׳ן אַנדערן אַראָפּגעהאָגלט אויף זיין שיינעם קאָפּ, און פּריצייטיק מיט זילבער־שניי באַדעקט. ווייס געמאַכט אָבער ניט געבויגן ! און די פּאַראַליז־אַטאַקע האָט אָפּגעשטעלט זיין עפנטלעכע טעטיקייט און ביסלעכווייז איינגעשטילט דעם ברויזנדן גייסט פון דעם בראַוון אידישן קעמפער.

איך ווייס ניט וויפיל עס זענען איצט ביים לעבן פאַרבליבן פון די חברים, וועלכע האָבן מיט אים צוזאַמענגעאַרבעט פאַר אונדזער אידעאַל, אין דער, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, פּרעהיסטאָרישער עפּאָכע פון דעם פּועלי ציוניזם. פאַר מיר פּער־זענלעך האָט אַבערסאָנ׳ס טויט אויסגעלאָשן אַ טייל פון מיין אייגענעם לעבן. מיינע ערשטע טריט אין דער באַוועגונג זענען אַ

דאַנק אים, דרייסטער געווען. עס האָט זיך מאַרשירט מוטיקער ווען מען איז געגאַנגען זייט ביי זייט מיט דעם יונגן, מיט פייער־דיקן גלויבן אָנגעפילטן אַבערסאָן. זיין אומבויגזאַמער גלויבן און איבערפליסנדער ענטוזיאַזם זענען געווען באמת אָנשטעקנד און דערהויבנד.

שוין באַלד דרייסיק יאָר אַריבער פון אונדזער ערשטער באַ־קאַנטשאַפט אין לאָנדאָן, ענגלאַנד. — דרייסיק יאָר!

אַבערסאָן, האָט זיך דאַמאָלט ערשט געהאַט צוריקגעקערט קיין ענגלאַנד נאָך זיין ערשטן באַזוך אין אַמעריקע. ניט באַשערט אים געווען דאָן זיך צו באַזעצן אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן. די „אַמעריקאַנער גליקן" האָט ער שפּעטער־צו אַריינגעכאַפּט . . . און נאָך ווי!

צו יענער צייט בין איך געווען אַ יונגער בחור'ל פון אַ יאָר פופצן־זעכצן, אָנגעפילט מיט סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע סימפּאַטיען און געדאַנקען, געזופּט פון ערשטן קוואַל, — פון דער מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע אָנגעפירט פון די גייסטיקע טיטאַנען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד. צוערשט פון דעם באַליבטן ענגלישן סאָציאַליסט־פּאָעט וויליאַם מאָריס און עלענאָראַ מאַרקס, די טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, און דאָן פון היינדמאַן, דזשאָן בוירנס, קווינלטש און פון הוירבערט באָרראָוס, וועלכער, זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, איז געווען דער ערשטער צווישן די אָנפירנדע סאָציאַליסטן אין ענגלאַנד אַרויסצוקומען עפנטלעך מיט אַ גוט וואָרט פאַר דעם, אָקאָרשט פון איי־אַרויסגע־פיקטן, יונגינקן פּאָליטישן ציוניזם.

צו די אויבן דערמאָנטע ענגלענדער צווישן וועלכע איך רעכן אויך אַריין עלענאָראַ מאַרקס־עוועלינג, וועלכע האָט דעם גרעסטן טייל פון איר קורצן לעבן, וועלכן זי האָט פאַרענדיקט מיט זעלבסט־מאָרד, פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, פלעגן אין דער ענגלישער מעטראָ־פּאָליע פון צייט צו צייט אויפטרעטן די אַנאַרכיסטישע העלדין פון דער פּאַריזער קאָמונע, די פראַנצויזקע לואיזע מישעל, און

דער פון אַלעמען באַליבטער און הויך געשעצטער פעטער קראַ־פאטקין, וועלכער האָט צו יענער צייט אָפּגעריכט גלות אין ענגלאַנד, און וועמען ס׳איז מיט אַ פערטל יאָרהונדערט שפּעטער, באַשערט געווען צו פאַרענדיקן זיין הערלעך ליכטיקן לעבן אין אַ פיל ערגערן גלות, אין זיין, פון די באָלשעוויקעס „באַפרייטן״, פאָטערלאַנד.

גליכצייטיק בין איך אויך געוואָרן אַ באַגייסטערטער אָנהייג־גער פון דער ציוניסטישער אידייע, און אינגאַנצן פאַר׳כישופ׳ט פון דער מאַגנעטישער פערזענלעכקייט פון ד״ר טעאָדאָר הערצל, וועלכער איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין ענגלאַנד צו יענער צייט.

איך באַטראַכט עס ווי אַ גרויסע זכיה, און אויך ווי די סאַמע ליכטיקסטע צווישן מיינע זכרונות פון יענער „פרילינגס צייט״, דאָס וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען און צו הערן דעם באַ־גרינדער פון דעם פּאָליטישן ציוניזם ביי זיינע אויפטרעטונגען אין לאָנדאָן, אויף די גרויסע פאָלקס פאַרזאַמלונגען אין דעם ריזיקן „גרעיט אסעמבלי האָל״ אויף מיילענד, פון דער געסט גאַלעריי ביי די זיצונגען פון פערטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין „קווינס האָל״, און דערנאָך, פּנים אל פּנים ביי אַ פּאָר ענגערע זיצונגען פון אָרטיקע ציוניסטישע טוער, וואו איך האָב פאַרטראָטן דעם ערשטן ציוניסטישן יוגנט פאַראיין אין לאָנדאָן. צום לעצטן מאָל האָב איך געזען דעם „אידישן אומגעקרוינטן קעניג״, (אַזוי פלעגט מען אָפט אָנרופן הערצל׳ן אין דער ענגלישער פּרעסע) בשעת ער איז געווען אַן עדות ביי דער „ראָיאַל קאָמישאָן איבער אימיגראַ־ציע״ אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען אין יאָר 1902 ערב מיין אָפּ־פאָרן קיין אַמעריקע.

אין יענע טעג איז פאַר מיר געווען אַן אמת׳ער געווינס דאָס באַקענען זיך און אינטים באַפריינדעט ווערן מיט אַבערסאָנ׳ען. מיר פלעגן האָבן אָפטע און לאַנגע געשפּרעכן און שפּאַצירן, און ער האָט מיך גייסטיק שטאַרק באַאיינפלוסט. ווי אַ פרומער חסיד נאָכ׳ן רבי׳ן פלעג איך מיטגיין מיט אים צו אומצייליקע פאַרזאַמ־לונגען.

קיין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע גרופע האָט נאָך ניט עקזיסטירט אין לאָנדאָן צו יענער צייט. די „מערבי” איז געקומען שפעטער. האָבן מיר זיך געפילט היימיש אין דעם פראָגרעסיוו ציוניסטישן „הערצל־נאָרדוי קולטור פאַראיין”. דאָרט, ווי אין אידיש־ראַדיקאַלע קרייזן, האָט אַבערסאָן פרובירט פאַרזייען די קערנער פון דעם ראַדיקאַל־ציוניסטישן גייסט. ס׳איז שווער איבערגעבן אין ווערטער דעם רושם וועלכן ער האָט דאַן געמאַכט מיט זיינע פאָרטראַגן און בעיקר מיט זיינע דיסקוסיעס מיט די קעגנער.

ווען אונדזער אומפאַרגעסלעכער נחמן סירקין האָט אין יאָר 1901 אַרויסגעגעבן דעם ערשטן „חירות” פלוגבלאַט, האָט ער אונדז פון פאַריז צוגעשיקט אייניקע פעקלעך עקזעמפּליאַרן, און אַבערסאָן און איך האָבן שוין געהאַט גענוג אַרבעט פעונאַנדערצוטיילן די דאָזיקע פלוג בלעטער ביי אַלע אידישע עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען — באַזונדערס ביי די וועלכע זענען פאַררופן געוואָרן פון די ציוניסטן אָדער פון די סאָציאַליסטן.

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן מיינע רעגלמעסיקע זונטיק פרימאָרגן באַזוכן ביי אַבערסאָנ׳ען אין דעם אָרימן צימער אין וועלכן ער האָט לאָזשירט אין לאָנדאָן. אויפ׳ן טישל ביי אים, זענען געווען אָנגעוואָרפן ביכער, מאַנוסקריפטן און, צו יעדער צייט, אַ פאַק ציַיטונגען און בראָשורן, מערסטנס רוסיש־רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע אויסגאַבן פון וועלכע ער פלעגט פאַר מיר איבערזעצן אינטערעסאַנטע שטעלן. אָפטמאָל פלעגט ער פאַר מיר פאָרלעזן זיינע אַן אייגענע אידישע סקיצע, אָדער אַן אַרטיקל איבער אַ צייט פראַגע, און אַמאָל אויך זיינע אַן איבערזעצונג פון רוסיש, פון גאָרקין, פון גליעב אוספענסקי׳ן און פון אַנדערע. ווי פריש איז נאָך אין זכרון אַבערסאָנ׳ס פאָרלייענען פאַר מיר זיין אידישע איבערזעצונג פון גאָרקי׳ס וואָרט בילד „פאָגראָם”. ס׳איז געווען דאַן איינע פון די עכט לאָנדאָנער חושך׳דיקע רעגנדיקע טעג, וועלכע פענעטרירן אינ׳ם מענטשן, און גאָרקי׳ס שילדערונג פון מענטשלעכער ברוטאַליטעט האָט נאָך מער פאַרטיפט די אומעטיקע

שטימונג פון אונדזביידן. פון צייט צו צייט פלעג איך זיך אָננע־מען מיט מוט און פאַר אים פאָרלייענען מיינע אייגענע ערשטע פאַרזוכן אויפ׳ן ליטעראַרישן געביט, פאָרלייענען, און שפּעטער אין דער היים פאַרברענען, דערביי פילנדיק, אַז מיט דעם דאָזיקן אַקט פון „קרעמאַציע" פאַרהיט איך די גייסטיקע עופה׳לעך פון מיין יוגנטלעכער פאַנטאַזיע פון דעם „קבורת חמור" אין אַ רע־דאַקציאָנעלן פּאַפּיר קאָרב . . .

מיט זשעדנעקייט פלעגן מיר יעדע וואָך דורכלייענען יעדן וואָרט פון דער ציוניסטישער וואָכנשריפט „די וועלט" וואָס פלעגט דערשיינען אין ווין אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר טעאָדאָר הערצל. „די וועלט" לויט הערצל׳ס פאַראָרדענונג, פלעגט דער־שיינען אין אַ געלער הילע. די קאָליר פון דער געלער לאַטע פון אידישער דעגראַדירונג אין מיטל־אַלטער, האָט הערצל געוואָלט דעמאָנסטראַטיוו פאַרוואַנדלען אין אַ שטאָלץ צייכן פון אַן אויפ־לעבנדן, זעלבסט רעספּעקטירנדן, קעמפנדן און זיך שיצנדיקן אי־דישן פאָלק.

ווען איך בין אין יאָר 1902 אַפּגעפאָרן פון לאָנדאָן, וועלכע איז געווען כמעט מיין געבורט־שטאָט, און בין אַוועק קיין אַמע־ריקע, איז מיר אַם שווערסטן געווען דער שיידן זיך מיט מיין אינ־טימן און האַרציקן פריינד.

מיין ערשטער שריט אויפ׳ן אַמעריקאַנעם באָדן, אין ניו־יאָרק, איז געווען אויסצופירן אַבערסאָנ׳ס שליחות צו באַזוכן די רעדאַק־ציע פון „פאָרווערטס" און דאָרט איבערגעבן אַ בריוו און אַ מינד־לעכן גרוס צו זיין פערזענלעכן פריינד משה קאַטץ, וועלכער איז צו יענער צייט דאָרט געווען אַ מיטאַרבעטער. אַ דאַנק יענעם באַ־זוך איז מיין לעבן גייסטיק באַרייכערט געוואָרן מיט דער פריינד־שאַפט פון דעם ליבן און האַרציקן מענטשן — איינער פון סאַמע ליכטיקסטע און באַדייטנדסטע פערזענלעכקייטן אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער אידיש־ראַדיקאַלער וועלט. אַ דענקער, פּובלי־ציסט, ליטעראַטור קריטיקער, סטיליסט, דראַמאַטורג, רעדאַקטאָר

און איבער אַלץ אַ מוטיקער פאַרקעמפער פאַר אַ בעסערער וועלט. איינער פון די לייטנדע גייסטער צווערשט אין דער אידיש־אַנאַר־כיסטישער באַוועגונג, און דערנאָך, אין דעם גרויסן קאַמף פאַר אידישע פרייהייט און רעכט אין אַלע לענדער און פאַר נאַציאָנאַלן אויפבוי אין ארץ ישראל!

מיט אייניקע יאָר שפּעטער איז אַבערסאָן געקומען קיין אַמעריקע און איז שוין דאָ פאַרבליבן. די עלטערע חברים געדענקען נאָך דעם וואַרימען קבלת פנים וועלכן די יונגע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטי־שע באַוועגונג האָט אים געגעבן. ער איז באמת געווען אַ גרויסע געווינס פאַר דער היגער באַוועגונג אין יענע יאָרן, ווען ס'איז נויטיק געווען גייסטיקע „שווערע אַרטילעריע" אין דעם דיסקו־סיאָנס קאַמף מיט די שונאי ציון.

אַבערסאָן האָט זיך באַלד געלאָזט פילן אין אונדזערע קרייזן. מיט זיין גלענצנדן אָראַטאָרישן טאַלאַנט, ווי אויך מיט זיין שאַרפער פען, האָט ער פיל בייגעטראָגן צו דערהויבן דעם פרעסטיזש פון דער היגער פועלי ציון באַוועגונג, וועלכע האָט זיך צו יענער צייט באַמיט אַרויסצופלאָנטערן פון דעם אוגאַנדיסטיש־טעריטאָריאַליס־טישן קנויל. אין יענעם קאַמף אַרום דעם אוגאַנדע פראָיעקט זענען מיר ביידע, אַבערסאָן און איך געווען „ניין־זאָגער" און געשטאַנען אין שריפטלעכער פאַרבינדונג מיט אוסישקין'ען דעם „גענעראַליס־מאָ" פון די „ציוני ציון".

מיר האָבן זיך פערזענלעך ווידער געטראָפן ביי דער גרינ־דונגס קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר אין דעצעמבער 1905. דער צופאַל פון מיין אַריבערקלייבן זיך אין וואַשינגטאָן פון באַלטימאָר, אַ קורצע צייט פאַר'ן צוזאַמענפאָר, האָט פון מיר גערויבט די זכיה פון זיין אַן אָפיציעלער דעלעגאַט. דער וואַשינגטאָנער פאַראיין איז אָרגאַניזירט געוואָרן באַלד נאָך דער ערשטער קאָנווענשאָן. אָבער אויף דער איינלאַדונג פון מיין ליבן פריינד און חבר ד"ר חיים זיידל, פאַרזיצער פון קאָנווענשאָן קאָמיטעט בין איך אייניקע מאָל צוגעפאָרן קיין באַלטימאָר אַרויסצוהעלפן אין דער טעכנישער צו־

גרייטונג און בעיקר מיט דער ענגלישער „פּובליסיטי”. די יונגע חברים אין באַלטימאָר (מיר זיינען אַלע געווען „יוגנטלעכע” אין יענע יאָרן) זענען נאָך געווען „גרינע” און אַ ביסל שטומפּיק אויף דעם לשון המדינה . . .

פון יענער צייט, דורך אַלע אַנטוויקלונגס פּאזיסן פון אונדזער פּאַרטיי, ביז צו דעם ערשטן ניט אין גאַנצן געלונגענעם, אָבער פּאַראַליזירנדיקן אַנגריף פון דעם מלאך המות אין ניו־יאָרק, בשעת אַבערסאָן איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון אונדזער טעגלעכן אָרגאַן „די צייט”, האָט ער ניט אויפגעהערט צו דינען דער באַוועגונג און האָט הויך געהאַלטן די פאָן פון פּועלי ציוניזם.

און איצט, איז שוין אויך אַבערסאָן אוועק. אויף אייביק אַראָפּ פון לעבנס־בינע. זיין פען וועט פאַרבלייבן שטום און זיין דונערנדיקע שטימע וועלן מיר שוין מער ניט הערן פון דער טרי־בונע.

ער וועט אָבער תמיד לעבן אין דעם זכרון פון אַלע איבער־געבענע דינער פון אונדזער ליכטיקן אידעאַל.

* * *

אינײנעם מיט סירקין, באָראָכאָוו, עדעלשטיין און די אַנדערע פּאַרקעמפער פון אונדזער באַוועגונג האָט אַבערסאָן כשר פאַר־דינט אַ פּלאַץ אין דעם גייסטיקן פּאַנטעאָן פון דער אידיש נאַציאָ־נאַל רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דער פּאַנטעאָן וועלכער געפינט זיך אין אונדזערע הערצער און אין אונדזער נשמה.

פון „אידישער אַרבעטער, 6טן דעצעמבער, 1929

לעאָן כאַזאַנאָוויטש
(כתריאל)

ווען אַ היסטאָריקער וועט אָנשרייבן די געשיכטע פון דער אַלוועלטלעכער פּועלי ציון באַוועגונג, וועט דער נאָמען לעאָן כאַזאַנאָוויטש פאַרנעמען אַ בכבוד'יקן פּלאַץ אין סאַמן מזרח, צווישן די גרעסטע פון די פּיאָנערן און פאַרקעמפער.

אויף קיין אַנדערן פון אונדזער תקופה איז אַזוי אָנגעפּאַסט דער טיטול „וואַנדערענדער איד", ווי אויף אָט דעם דאָזיקן מערק־ווירדיקן מענטשן. ניטאָ אַ וועלט־טייל וואו ער זאָל ניט האָבן געוועזן אין לויף פון זיין קורצן, קאָלירפולן און שטורמישן לעבן. איבעראַל האָט ער גענומען אַ טיכטיקן און אָנפירנדן אנטייל אין דעם קאַמף פאַר סאָציאַלן איבערבוי און פאַר אידיש־נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. און איבעראַל האָט ער אָנגעפירט אַן אומדער־מידלעכן קאַמף קעגן די איבלען פון אונדזער גלות־לעבן, און קעגן די זעלבסט־נעקרווינטע פילאַנטראָפּן־ביוראָקראַטן, וועלכע האָבן געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף די אידישע מאַסן און אויף זייערע קאַמפן, און וועלכע האָבן פּרובירט אָפּווענדן דאָס פאָלק פון דעם וועג וואָס פירט צו זעלבסט עמאַנסיפּאַציע.

געבוירן אין אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון ווילנא, באַקומט לעאָן כאַזאַנאָוויטש (וועמעס פאָטער איז געוועזן אַ שוחט), אַ טראַדיציאָנעלע אידישע דערציאונג. חדר, דערנאָך ישיבה, און ווערט העברייאישער לערער. דעם נאָמען „כתריאל" נעמט ער אָן ווי זיין פּסעוודאָנים.

אין די שטורמישע רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון 1905־1906 ווערט כתריאל אריינגעצויגן אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

דאָס איז געשען נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט פאַרלאָזן די

ישיבה און האָט שוין איינציק יאָר פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד. אין אויסלאַנד האָט ער, האָבנדיק צוערשט דערלערנט די דייטשע שפּראַך, מיטגעאַרבעט אין דער דייטשער ראַדיקאַלער פּרעסע און האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער דייטשער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג. די דאָזיקע דערפאַרונגען, ווי אויך זיין באַהאַוונט־קייט אין דער טעאָריע פון די סאָציאַליסטישע אידייען, טראָגט ער אַריין אין דער רוסלענדישער פּועלי ציון באַוועגונג. אינגיכן ווערט ער איינער פון די אָנגעזעענסטע און פּאָפּולערסטע אַגיטאַטאָרן פאַר׳ן סאָציאַליסטישן ציוניזם.

נאָך דעם ווי דער צאַריזם און די רעאַקציאָנערע כחות אין רוסלאַנד באַקומען אויף דאָס ניי די אויבערהאַנט איבער דער רעוואָלוציע, און עס הויבן זיך אָן די רעפּרעסיעס און פאַרפאָלגונגען פון די אַלע אָנגעזעענע טוער אין די פאַרשידענע שטראָמונגען פון דער פאָלקס באַוועגונג, פאַרלאָזט אויך כאַזאַנאָוויטש זיין געבורט־לאַנד און קומט אָן אין גאַליציען.

צוערשט אין קראָקע, און דערנאָך אין לעמבערג, רעדאַקטירט ער איינציקע יאָר דעם „אידישן אַרבעטער״, פּאַרטיי אָרגאַן פון די אַרבעטער־ציוניסטן אין עסטרייך. זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען, געשריבן אונטער זיין פען-נאָמען „כתריאל״, מאַכן גרויס אויפזען אין דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין אַלע וועלט־טיילן.

כאַזאַנאָוויטש נעמט אַ טיכטיקן און לעבעדיקן אַנטייל אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך קאָנפערענץ אין יאָר 1909. דער קאַמף פאַר דער אידישער פאָלקס־שפּראַך און פאַר דער אידישער קולטור גייט ביי אים האַנט אין האַנט מיט זיין אַקטיוויטעט אויפ׳ן געביט פון פּראָדוקטיוויזירן דעם אידישן עקאָנאָמישן לעבן אי־בעראַל וואו אידן געפינען זיך. אָבער די וואָרצלדיקע לעזונג פון דעם נאַציאָנאַלן אידישן פּראָבלעם זעט ער בלויז אין דעם טערי־טאָריאַליזם, וואָס איז דער יסוד פון דעם ציוניזם. ער אונטער־שטרייכט, אַז די אַלגעמיינע אַנטוויקלונגס-טענדענצן פון דער מענטשהייט זענען ניט סותר דעם ציוניזם, נאָר זיי באַשטעטיקן

אים. צו דער דאָזיקער צייט פאַרעפנטלעכט כתריאל אַ וויכטיק וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועגן אָט די דאָזיקע וועלט־ווירטשאַפט־לעכע גרונטזאַצן פון דעם ציוניזם.

קורץ נאָכ'ן טשערנאָוויצער קאָנפערענץ באַזוכט ער אַמעריקע צום ערשטן מאָל, און באַטייליקט זיך אין דער פּאַרטיי־אַרבעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער פאַרווײַלט דאָ בלויז אַ קורצע צייט און אויף דער אויפפאָדערונג פון דעם פועלי־ציוניסטישן וועלט־פאַרבאַנד פאָרט ער אָפּ קיין אַרגענטינע.

די פועלי ציון גרופּן אין אַרגענטינע האָבן זיך צו יענער צייט געווענדעט צום וועלט־פאַרבאַנד מען זאָל זיי צושיקן אַן אָנ־פירנדן חבר. און כאַזאַנאָוויטש, זעענדיק פאַר זיך אַ נײַ און ברייט פעלד פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, נעמט גערן אָן די איינלאַדונג.

זיין אַרבעט אין אַרגענטינע ציט אויף אים די אויפמערק־זאַמקייט פון דער גאַנצער אידישער עפנטלעכקייט. אַ חוץ רע־דאַקטירן אין בוענאָס איירעס דעם וועכנטלעכן קאַמפּס־אָרגאַן וואָס האָט, כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן רעדאַקטאָר, געטראָגן דעם נאָמען „ברויט און ערע", פאַראינטערעסירט זיך כאַזאַנאָוויטש אין דער טרויעריקער לאַגע פון די אידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך געמוטשעט אונטערן קנאַפּל פון דער ביוראָקראַטישער יק"א אַדמיניסטראַציע. קעגן אָט דער דאָ־זיקער טיראַנישער הערשאַפט פירט ער אָן אַ מוטיקן קאַמף אין וואָרט און אין שריפט. אין יאָר 1910 פאַרעפנטלעכט לעאָן כאַזאַנאָוויטש זיין בוך: „דער קריזיס פון דער אידישער קאָלאָני־זאַציע אין אַרגענטינע און דער מאָראַלישער באַנקראָט פון דער יק"א אַדמיניסטראַציע".

מיט זיין גרויסן קאַמף אין די אינטערעסן פון די אידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע דערהייבט זיך כאַזאַנאָוויטש צו דער מדרגה פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער פיגור אין דער אידישער וועלט. זיין אַנוועזנהייט אין לאַנד ווערט גלייכצייטיק אַ דאָרן אין זייט

פון די ביוראָקראַטישע פאָרשטייער פון דער אידישער קאָלאָניזאַציאָנס געזעלשאַפט אין פּאַריז, וועלכע פאַרוואַלטעט די מיליאָנען וועלכע דער גרויסער פילאַנטראָפּ באַראָן הירש האָט איבערגעלאָזן פאַר אידישער קאָלאָניזאַציע.

די לעצטע פאַר׳מסר׳ן כאַזאַנאָוויטש׳ן צו דער רעגירונג ווי אַ געפערלעכן אַנאַרכיסט און רעוואָלוציאָנער. די דאָזיקע מסירה איז געקומען אין אַ שעת הכושר פאַר די יק״א פּאַרוואַלטער. צו יענער צייט, האָט אין אַרגענטינע געהערשט אַ רעאַקציאָנערע רעגירונג, וועלכע האָט דאַמאָלט דורכגעמאַכט איינע פון די פּעריאָדישע שרעקן פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן און אַנאַרכיסטישן אויפשטאַנד. מען האָט זיך ניט גענומען די מי אויסצופאָרשן צו די באַשולדיקונג קעגן כאַזאַנאָוויטש׳ן האָט אַ באַזיס צו ניט. ער ווערט באַלד אַרעסטירט, און אַ געשמידטער אין קייטן ווי דער ערגסטער קרימינאַל, ווערט ער דעפּאָרטירט קיין פּאָרטוגאַל.

ווען די שיף מיט׳ן „געפערלעכן״ רעוואָלוציאָנער איז אָנגעקומען אין ליסאַבאָן, ווערט כאַזאַנאָוויטש פאַרשפאַרט אין פעסטונג. דאָרט וואָלט ער שוין פאַרבליבן לעבן־לאַנג ווען ניט די אינטערווענציע פון אַ צאָל פון די פּראָמינענטסטע פירער פון דעם אייראָפּעאישן סאָציאַליזם. די לעצטע, וועלכע האָבן געהאַט די העכסטע מיינונג און האָבן זיך באַצויגן מיט דרך־ארץ צו דעם אידישן פרייהייטס קעמפער, האָבן ניט גערוט ביז מען האָט אים באַפרייט. אָבער דעם ביטערן קאַמף קעגן יק״א ביוראָקראַטן האָט כאַזאַנאָוויטש פאָרטגעזעצט און אָנגעפירט זיין גאַנצן לעבן.

אין יאָר 1912 קומט ער קיין קאַנאַדאַ און באַזעצט זיך אין מאָנטרעאַל, וואו ער ווערט, ניט קוקנדיק אויף זיין „פּועלי־ציוניזם״, רעדאַקטאָר פון דער ראַדיקאַלער וואָכנשריפט „די פאָלקס צייטונג״ אַרויסגעגעבן פון סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן. צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן עקזיסטירט די צייטונג קוים אַ יאָר צייט, און כאַזאַנאָוויטש פאָרט צוריק קיין אייראָפּע. ער ווערט דאָן דער סעקרעטאַר פון דעם אַלוועלטלעכן אידיש־סאָציאַליסטישן אַרבעטער

פאַרבאַנד פועלי־ציון. דעם דאָזיקן אַמט האָלט ער אָן פון יאָר 1913 ביז 1919. פון ערב ביז׳ן סוף פון דער וועלט מלחמה פעריאָד.

באַלד נאָכ׳ן אויסברוך פון וועלט קריג ווערט די רעזידענץ פון דער פאַרבאַנד׳ס ביוראָ אריבערגעטראָגן פון ווין אין האַג, אין דער נייטראַלער האָלאַנד.

פאַר כאַזאַנאָוויטש׳ן מיט זיינע חברים פון ביוראָ, שלמה קאַפּלאַנסקי און בערל לאָקער, הויבט זיך אָן אַ צייט פון אינטענסיווער אַרבעט. ער גרינדעט אין זומער פון יאָר 1915 אין האַג, די „אידישע אַרבעטער קאָרעספּאָנדענץ״, וואָס שטעלט זיך צום הויפּט צוועק אינפאָרמירן די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּרעסע און די פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג, וועגן די אידישן צילן און וועגן די ליידן פון די אידישע פאָלקס מאַסן. כאַזאַנאָוויטש העלפט פיל מיט אין דער צוגרייטונג פון דעם וויכטיקן מעמאָראַנדום „די אידן אין וועלט קריג״ וואָס דערשיינט אין איינינקע שפּראַכן, און שפּעטער־צו, אויך דעם שטאָקהאָלמער מעמאָראַנדום צו דעם האָלענדיש־סקאַנדינאַווישן סאָציאַליסטישן קאָמיטעט.

אין יאָר 1916 קומט ער ווידער אין די פאַראייניקטע שטאַטן וואו ער רעדאַקטירט דעם „אידישן קעמפער״.

נאָך דער מערץ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, פאָרט לעאָן כאַזאַנאָוויטש צוריק קיין אייראָפּא וואו ער באַטייליקט זיך, אין די יאָרן 1917 און 1919, אין אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענצן, ווי דער שליח פון דער פועלי ציוניסטישער באַוועגונג. ער געווינט צוערשט די חבר׳שע סימפּאַטי, און דערנאָך אויך די מיטווירקונג פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל אין דעם קאַמף צו דערגרייכן און שיצן די אידישע רעכט אין די גלות לענדער, און אויך פאַר׳ן אויפבוי פון דער אידישער היים אין ארץ ישראל.

ער באַזוכט נאָך איינינקע מאָל די פאַראייניקטע שטאַטן וואו ער העלפט אין דער רעדאַקציאָנעלער און אדמיניסטראַטיווער אַרבעט פון דער טעגלעכער פועלי ציון צייטונג „די צייט״. פאַר זיי־

נע איצטיקע באַזוכן, האָט ער אין בערלין געגרינדעט די ביוראָ דורך וועלכער די וויכטיקע פירער פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער טאָג־צייטונג וועלכע, ווי עס ווערט צוגעגעבן אפילו פון אידייען־קעגנער, איז געווען די שענסטע, און רייכסטע צייטשריפט אין דער געשיכטע פון דער אידישער פרעסע אין אמעריקע. דאָ, און אין אייראָפּא ביים אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר פון די פועלי ציון, באַמיט ער זיך צו פאַרמיידן די לינק־רעכטע שפּאַלטונג אין דער אַלוועלטלעכער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע שפּאַלט זיך דאָך, ווי פילע אַנדערע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין יענער צייט, אונ־טערן צייכן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די לעצטע יאָרן פון זיין שטורמדיקן לעבן ווידמעט באַזאַנאָ־וויטש צו דער אַרבעט פונ׳ם „אָרט". פאַר אים איז די דאָזיקע אַרבעט געווען אין איינקלאַנג מיט זיין ברייטער פועלי־ציוניסטישע וועלט אָנשויאונג אין וועלכע די רעקאָנסטרוקציע פון אידישן לעבן איבעראַל, אויף קאָנסטרוקטיווע יסודות, האָט פאַרנומען אַ וויכ־טיקן און אינטעגראַלן טייל.

זיין לעצטע רייזע, אינ׳ם יאָר 1925, האָט לעאָן כאַזאַנאָוויטש אונטערגענומען פאַר׳ן „אָרט", אין די אינטערעסן פון אידיש־אַגריקולטורעלער אַרבעט אין קאַרפּאַטן רוסלאַנד. און אויף אַט דער דאָזיקער רייזע, ווייט פון חברים, קרובים און פריינד, אין דעם קליין פאַרוואָרפן דערפל וואָלכאָוועצ, אין די קאַר־פּאַטן, איז דעם זיבעצנטן סעפּטעמבער פון יאָר 1925, אַ פּלוצלונגער סוף געקומען צו דעם קורצן, אָבער שטורמישן לעבן, פון דעמדאָזיקן מערקווירדיקן און קאַלירפולן קעמפער פאַר אידי־שער פרייהייט, וועלכער איז אַלט געווען בלויז פיר־און־פערציק יאָר, ווען דער טויט האָט אַ סוף געמאַכט צו זיינע וואַנדערונגען.

•••••

ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו

דענקער און קעמפער

ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו

1865-1921

נאָך דעם אַטענטאַט וועלכן די רעוואָלוציאָנערע „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין רוסלאַנד האָט דורכגעפירט אויפ'ן קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אין פרילינג פון יאָר 1881, ווען עס האָט זיך פענאַנדערגעגאָסן די בלוטיקע כוואַליע פון פּאָגראָמען אויף אידן, איז געקומען אַן ערנסטער מאָמענט פון חשבון הנפש פאַר אַ טייל פון דער רוסיפיצירטער אידישער יוגנט.

מען האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיסן אַסימילאַטאָרישן חלום. דער גלויבן, אַז מען געפינט זיך שוין אויפ'ן שוועל פון אַ פעריאָדע פון גרויס פאָרשריט און ליבעראַליזם, אין וועלכן אידן וועלן באַקומען „ראַוונאָפּראַוויע" און פולשטענדיקע עמאַנסיפּאַציע איז, איבייגעם מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, לפּחות אויף אַ לענגערער צייט צעשמעטערט געוואָרן. און אַ טייל פון דער אינטעליגענטער יוגנט האָט דעמאָנסטראַטיוו זיך אומגעקערט צום אייגענעם ליידנדן פאָלק, פון וועלכן מען איז פריער אַוועק צו שווימען אין דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם.

פאַר אידן איז אין רוסלאַנד געוואָרן אוממעגלעך צו עקזיסטירן. פאַר גרויסע מאַסן איז אויפ'ן טאָגעס אָרדנונג פון לעבן אַוועקגעשטעלט געוואָרן דער פונקט „עמיגראַציע". אָבער עמיגראַציע וואוהין? און אויף וועלכע עקאָנאָמישע יסודות?

עס האָבן זיך דעמאָלט אויסגעבילדעט די צוויי אידעאַליסטישע באַוועגונגען, וועמעס אָנפירער האָבן געזוכט צו פאַרבינדן די אויסוואַנדערונג מיט דעם אידעאַל פון אַ גענצלעך איבערגעבויטן פאָלקס לעבן. אַ קאָנסטרוקטיוון לעבן אויף קאָאָפּעראַטיווער און בעיקר אויף אַגריקולטורעלער אַרבעט אין אַ נייע און אַ פרייערע סביבה, און אין אַ נייעם לאַנד.

אין ריכטונג, די נאַציאָנאַליסטיש-ציוניסטישע, די בילויצעס האָט געשיקט פּיאָנער גרופּן אין דער פון דורות לאַנג פאַרווּסטעטער ארץ ישראל, און זיי האָבן געלייגט דעם ערשטן פונדאַמענט פאַר דעם איצטיקן בליענדן ישוב, וועלכער איז היינט צו טאָג געוואָרן דער הויפּט יסוד פאַר אַ באַנייטן נאַציאָנאַלן פּאָליטישן

לעבן פון גאנצן אידישן פאָלק; און די צווייטע, די עם עולם, מער באאיינפלוסט פון אינטערנאציאָנאלע און סאָציאַליסטישע אידעאַלן, האָבן זיך אוועקגעלאָזן צו די פאראייניקטע שטאַטן פון נאָרד אַמעריקע.

די איינציקע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס וועלכע די אידעאַליסטן פון דער „עם עולם" האָבן געגרינדעט אויף דעם נאָרד אַמעריקאַנישן קאָנטינענט אין די שטאַטן, לואיזיאַנאַ אין דער סאוט, און אין סאוט דאַקאָטאַ אין מיטל-וועסט, האָבן לאַנג ניט עקזיסטירט. די קאָלאָניסטן, אנטוישטע, האָבן זיך צעשפרייט איבערן לאַנד און זיך באַזעצט בעיקר אין די גרעסערע אידישן צענטערן. אָבער צווישן זיי זענען געווען אַ צאָל וועלכע זענען זייער לעבן-לאַנג פאַרבליבן געטריי צו די אידעאַלן וועלכע זיי האָבן פּרובירט פאַרווירקלעכן אין די ניט געלונגענע פאַרזוכן אויפ'ן געביט פון קאָמונאַלע קאָלאָניזאַציע. די לעצטע האָבן זיך באַלד אריינגעוואָרפן אין דער שווערער פּיאָנערן אַרבעט פון אויפבויען אַ אידישע אַרבעטער באַוועגונג, און האָבן אין דער דאָזיקער באוועגונג אריינגעבלאָזן די לעבעדיקע נשמה פון סאָציאַליסטישע אידעאַלן. דורך אָרגאַניזירן אַרבעטער יוניאָנס און דורך אויפקלערנדע לעקציעס און שריפטלעכע אַגיטאַציע האָבן זיי געפרייידיקט דעם איבערבוי פון דער עקזיסטירנדער אָרדנונג אויף סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע יסודות. און איינער פון די סאַמע איידלסטע און ליכטיקסטע צווישן זיי איז געווען הלל זאָלאָטאַראָוו!

* * *

הלל זאָלאָטאַראָוו איז געבאָרן געוואָרן אין יעליסאַוועטגראַד אין אַפּריל פון יאָר 1865. זיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ געלערנטער איד, אַ משכיל פון שענסטן טיפּ, איז געווען אַ שניידער לויט דער פּראָפעסיע. דער עלטערער זאָלאָטאַראָוו, אַן אויפריכטיקער דעמאָקראַט, ראַדיקאַל געשטימט, האָט גענומען אַ לעבהאַפטן אינטערעס אין געזעלשאַפטלעכע ענינים. ער איז

געוועזן פון די ערשטע וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער עם עולם באַוועגונג.

זיין זון הלל, וועלכער האָט פרי אַרויסגעוויזן סימנים פון אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע פעאיקייטן, מאַכט שנעלן פאָרשריט אין זיינע למודים. ער באַזוכט די רעאַל־שולע, אָבער איידער ער באַוויזט פאַרענדיקן דעם קורס, קומען פאַר די אויפטרייסלענדע פאַסירונגען פון די אָנהויב אַכציקער יאָרן אין רוסלאַנד. דער עמפּפינדלעכער פרייהייטס־ליבנדער יונגער סטודענט רופט זיך גלייך אָפּ אויף דעם „געבאָט פון דער צייט". איינייגעם מיט זיין פאָטער אידענטיפיצירט ער זיך מיט די „עם עולם"־ניקעס, באַזעלט מיט דעם אידעאַל פון אויפבויען אַ באַנייטן אידישן פאָלקס לעבן אין מוסטער קאָמונאַלע קאָלאָניעס אין דער פרייער אַמעריקע.

אין דעם יאָר 1882, פאָרט ער אָפּ איינייגעם מיט זיין פאָטער און דער פאַמיליע קיין נאָרד אַמעריקע, מיט איינע פון די ערשטע עם עולם גרופּן. צו יענער צייט איז הלל אַלט געווען אַכצן יאָר.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָכ'ן דורכפאַל פון די פּראָבען אויפ'ן פעלד פון אַגראַר קאָמונאַלער קאָלאָניזאַציע, הויבן זיך אָן פאַר דער פאַמיליע אַ רייע שווערע יאָרן. צוערשט אין סינסינעטי, דערנאָך אין ניו־יאָרק, לעבט דורך די פאַמיליע זאָלאָטאַראָוו אַ לאַנגן פּעריאָד פון מאַטעריעלער נויט. דאָס הינדערט אָבער ניט דעם יונגן אידעאַליסט און אומדערמידלעכן לערנער און סטודענט פון אָפּגעבן זיך מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין דעם נייעם לאַנד, בעיקר צווישן די אידישע איינוואַנדערער, וועלכע זענען אין יענע גרויסע אימיגראַציאָנס יאָרן אַהער געקומען. גלייכצייטיק זעצט ער פאָר זיין שטודיום פון סאָציאָלאָגיע, כעמיע, פילאָזאָפיע, ביאָלאָגיע, ליטעראַטור, געשיכטע, שפּראַכן. מיט זיין קלאָרן מוח און גרויס חריפות מאַכט ער באַדייטנדן פאָרשריט אין אַלזייטיקער קענטנים. זיין וועג אין לעבן ווערט פאַר אים קלאָר. ער אידענטי־פיצירט זיך מיט דער אַרבעטער באַוועגונג אין דעם קאַמף ניט בלויז פאַר די פאַרבעסערונגען אין דער ביטערער עקאָנאָמישער

לאַגע אין יענער צייט פון שווערן גערא‌נגל, אין די סוועט־שעפּער פון באַגינען ביז שפּעט ביי נאַכט פאַר'ן טרוקן שטיקל ברויט, נאָר אויך פאַר'ן גרויסן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט אָן שקלאַפעריי אָדער עקספּלואַטאַציע.

אין מיטן פון די אַכציקער יאָרן ווערט הלל זאָלאָטאַראָוו איינער פון די גרינדער ווי אויך אַ פּאָפּולערער לעקטאָר פון דעם „רוסישן פּראָגרעסיוון פּאַראיין" אין ניו־יאָרק. דערנאָך אויך פון דער אַנאַרכיסטישער סעקציע פון די „פּיאָנערן פון פרייהייט". ער העלפט גרינדן אַרבעטער יוניאָנס און ווערט אַנערקענט און געשעצט ווי איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַליבטעסטע גייס־טיקע לערער און פירער אין דער אַמעריקאַנער אידיש־ראַדיקאַלער וועלט.

צו יענער צייט באַטייליקט זיך זאָלאָטאַראָוו אין דער באַוועגונג פאַר אַן אַכט שטונדיקן אַרבעטס טאָג וואָס פאַרשפּרייט זיך איבערן לאַנד. די מעטאָדן פון קאַמף צו דערגרייכן דעם ציל זענען פאַרשטייט זיך, געווען פאַרשידן ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און ביי די אַנאַרכיסטן. און אין אַן עפנטלעכער דעבאַטע איבער דער דאָזיקער שטרייט־פראַגע באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים, זאַמעטקין פאַר די מעסיקערע און זאָלאָטאַראָוו פאַר דער מער רעוואָלוציאָנערער ריכטונג. אין דעם דאָזיקן גרויסן ויכוח וואָס איז געפירט געוואָרן אויף אַ גייסטיקער הויך צווישן די צוויי אידעאָלאָגיעס פון געזעלשאַפטלעכן איבערבוי, האָט הלל זאָלאָטאַראָוו מיט זיינע גלענצנדע אַרגומענטן און זעלטענעם לאָגיק „גענומען" דעם עולם מיט שטורעם. זיין פּאָפּולאַריטעט ביי די אידישע אַרבעטער האָט זיך שטאַרק אַ הויב געטאָן.

דער קלימאַקס פון דער „אַכט שטונדן" באַוועגונג איז געקומען אין יאָר 1886, מיט דער באַרימטער „היימאַרקעט" פּאַסירונג אין שיקאַגאָ. ביי אַ גרויסן „אָפן עיר" אַרבעטער פאַרזאַמלונג איינגערופן פון די אַנאַרכיסטן, צו פּראָטעסטירן קעגן פּאָליציי ברוטאַליטעט צו די סטרייקנדע אַרבעטער פון דעם מאַקאָרמיק פאַבריק

אין שיקאַגאָ, איז פון אַ פּראָוואָקאַטאָר געוואָרפן געוואָרן די באָמבע וועלכע האָט געטויטעט אַ צאָל פּאָליציי־לייט ווי אויך איניקע צו־שויער.

פאַר די רעאַקציאָנערע כחות אין לאַנד איז דורך דעם געקומען די געזוכטע געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון די ראַדיקאַלע אָנפירער פון דער אַכט־שטונדיקער אַרבעטס־טאָג באַוועגונג. מען אַרעס־טירט די פירער פון די אַנאַרכיסטן אין שיקאַגאָ וועמען מען באַשול־דיקט אין דעם „געפּלאַנטן" מאָרד פון די פּאָליציסטן. יעדער איינער פון די אַכט אָנגעקלאָגטע איז געווען אַן אָנגעזעענער אַרבעטער פירער און אידעאַליסט. צוויי פון זיי, אַלבערט פּאַרסאָנס און אויגוסט שפּיעז זענען געווען רעדאַקטאָרן פון אַרבעטער צייטונגען. אַלבערט פּאַרסאָנס אַן אַמעריקאַנער פון אַמעריקאַנער, אַ ברודער פון דעם קאָנפעדערייט גענעראַל פּאַרסאָנס אינ׳ם בירגער קריג, איז געווען אַ גלענצנדער רעדנער און רעדאַקטאָר פון דער ענגלישער אַנאַרכיסטישער צייטונג „די אַלאַרם", און אויגוסט שפּיעז האָט געהאַט רעדאַקטירט די „אַרבעטער צייטונג", אָרגאַן פון דער דייטשער אַרבעטערשאַפט אין שיקאַגאָ און אין דער מיטל־וועסט.

דער בלוט בלבול אויף די אַרבעטער פירער, „דער לינטש" פּראָצעס, און די שפּעטערדיקע היגריכטונג פון דער אומשולדיקער גרופּע ליכטיקע אידעאַליסטן באַקענט ווי די „שיקאַגאָ׳ער מאַר־טירער", האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע לאַנד. די „לעגאַלע" דער־מאָרדונג פון די שיקאַגאָ׳ער אַנאַרכיסטן פירער האָט באַצייכנט אַ גרויסן נצחון פאַר דער רעאַקציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און די אַכט־שטונדיקע אַרבעטס־טאָג באַוועגונג האָט באַקומען אַ גרויסן צוריקשטויס.

אויף זאָלאָטאַראָוו׳ן, ווי אויף אַלע פרייהייט און יושר ליבנדע מענטשן, האָט דער שוואַרצער פרייטאָג, דער עלפטער נאָוועמבער פון יאָר 1887, ווען מען האָט די אַנאַרכיסטן אויפגעהאַנגען, גע־מאַכט אַ דערשיטערנדן איינדרוק. עס האָט אין אים נאָך מער

פאַרשטאַרקט דעם אַנטשלוס צו ווידמען אַלע זיינע כחות צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און דורך אויפקלערונג און אָרגאַניזירונג, העלפן צוציען וואָס מער מענטשן צום קאַמף פאַר אַ נייער און בעסערער סאָציאַלער אָרדנונג פאַר וועלכער די הייליקע מאַרטירער אין שיקאַגאָ, האָבן אומדערשראָקן און פריידיק באַטראַכט דעם עשאַפאָט.

צו יענער צייט באַשליסט זאָלאָטאַראָוו צו שטודירן מעדיצין. אין יאָר 1892 פאַרענדיקט ער דעם קורס אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון ניו־יאָרקער אוניווערזיטעט. אין זיין מעדיצינישע פראַקטיק טראָגט דאָקטאָר זאָלאָטאַראָוו אַריין דעם זעלבן מאָס אויפריכטיקן אידעאַליזם פון זיין נוצלעך דעם פאָלק, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט זיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ד״ר מיכאל קאהן איינער פון די וועטעראַנען פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע, זאָלאָטאַראָוו׳ס לעבענס לאַנגלעבער פריינד, גיט אין די פאָלגנדע פאָר שורות אַ זעלטן קלאָרן אַריינבליק אין דער מענטשלעכער נשמה פון דעם זעלטענעם פרייהייטס קעמפער: . . . „זאָלאָטאַראָוו האָט קיין מאָל ניט געשטרעבט צו רייכטום. ווען זיינע קאָלעגן דאָקטוירים זיינען געפאָרן פריער אין קאַרעטעס, דערנאָך אין אויטאָמאָבילן, האָט ער דאָס גאַנצע לעבן זיינס געשלעפט זיינע קראַנקע פיס אויף די טרעפּן פון די ניו־יאָרקער טענעמענט הייזער. אָבער ער איז תמיד געווען זעלבסטשטענדיק, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש אומאָפּהענגיק, קיין מאָל קיין נצרך אל הבריות ניט געווען. מיט וועלכער טיפער באַליידיקונג פלעגט ער צוריקווייזן יעטוועדע פערזענלעכע טובה אפילו פון די אינטימסטע פריינד זיינע! קיין גמילת חסד, קיין הלואה, גאָרניט. אַ שטערבלעך קראַנקער באַהאַנדלט ער פּאַציענטן אין אָפּיס און שרייבט איבער מעדיצין, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און פובליציסטיק״.

זאָלאָטאַראָוו באַטייליקט זיך ווי רעדאַקטאָר אָדער ווי אַ וויכטיקער מיטאַרבעטער אין אַלע אידיש־אַנאַרכיסטישע צייטשריפטן. מיט ערנסטע פובליציסטישע אָפּהאַנדלונגען באַטייליקט

ער זיך אויך אין דער אַלגעמיין פּראָגרעסיווער פּרעסע, אין מאָ־נאַטלעכע, וועכנטלעכע און שפּעטער, אויך אין די ליבעראַלע אי־דישע טאָג־צייטונגען. אין אַלע זיינע שריפטן אַנטפּלעקט זיך זיין גרויסע ערודיציע.

יואל ענטין, דער חשוב'ער פּובליציסט און אומדערמידלעכער אידישער קולטור טרעגער, וועלכער האָט אין דעם יאָר 1924 רע־דאַקטירט די דריי בענד זאָלאָטאַראָוו'ס שריפטן, ווייזט אָן אויף דער שריפט וועגן דער טעאָריע פון פּראָגרעס, געשריבן אין די ניינצי־קער יאָרן ווען זאלאָטאַראָוו איז נאָך געווען אַ יונגער מענטש, ווי אויף אַ גוטן ביישפּיל פון דער טיפער ערודיציע און זעלבסט־שטענדיקן דענקען וואָס האָט שוין צו יענער צייט כאַראַקטעריזירט דעם דאָזיקן מערקווירדיקן מענטשן.

ווי ווייט מען האָט זיך גערעכנט מיט זאָלאָטאַראָוו'ן אין אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלעכע קרייזן, דינט דער פאַקט וואָס ער האָט, אויף דער איינלאַדונג פון דער „אַמעריקען סאָסייעטי פאָר דהי עדוואַנסמענט אָוו סייענס", אויף זייער נאַציאָנאַלע קאָנווענ־שאָן פון יאָר 1898 אין באָסטאָן, געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער אַנטראָפּאָלאָגיע.

זאָלאָטאַראָוו בלייבט ניט שטיין אויף איין אָרט אין זיין דענקען. ער נעמט אַ לעבהאַפטן אינטערעס אין אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער אַלגעמיינער און אידישער וועלט. צו אַלץ נעמט ער אַ מוטיקע און אַ פרייע שטעלונג ווי עס דיקטירט זיין אייגענער פרייער און פאָלקס־ליבנדער גייסט.

און אָט דער דאָזיקער מוט פון זיין קריטיש־וואַגנדן פריי־גייסט ציט אויף אים די אויפמערקזאַמקייט פון דער אידישער עפנטלעכקייט אין דעם יאָר 1903, ווען ער איז, באַלד נאָכ'ן קישי־נעווער פּאָגראָם, אַרויס מיט זיין באַרימטן וועק־רוף, און האָט מו־טיק זיך פאַרקירעוועט אין דער ריכטונג פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלן קאַמף פאַר פרייהייט און רעכט.

דעם 23טן מאַי, 1903, איז אין דער „פרייער אַרבעטער שטי־מע" דערשינען זיין שריפט „ערנסטע פּראָגעס", וואָס האָט אויפ־געררודערט די אידישע ראַדיקאַלע וועלט אין אַמעריקע און אי־בעראַל. אין די קרייזן פון די אַסימילאַטאָרישע אידישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע האָבן זאָלאָטאַראָוו'ס „אַפּיקורסי־שע" געדאַנקען אַרויסגערופן ביטערע אָפּאָזיציע, אָבער אויף דער אידישער אינטעליגענץ האָט עס איבערגעלאָזן אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק. פאַר די פּיאָנערן פון די ערשטע פועלי ציון גרופּקעס, וועלכע האָבן זיך טאַקע אין'ם זעלבן יאָר גענומען אָרגאַניזירן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז עס געקומען ווי אַן אומדער־וואַרטעטער גייסטיקער סטימול!

זאָלאָטאַראָוו'ס „ערנסטע פּראָגעס" איז געווען אַ דרייסטער רוף צו חשבון הנפש, צו אַ נייער אָפּשאַצונג פון ווערטן. אַ קול שופר צו די אידישע ראַדיקאַלן זיך אָנצושליסן און נעמען אַן אַקטיוון אנטייל אין דעם נאַציאָנאַלן עקזיסטענץ קאַמף פון דעם אידישן פאָלק. דער טיפער אינערלעכער נאַציאָנאַלער געפיל, וועלכער האָט, אין דער אַלטער היים, געבראַכט דעם זיבצן־יאָריקן יונגן זאָלאָטאַראָוו אין דער עם עולם באַוועגונג, האָט איצט, נאָך לאַנג יאָריקער פאַרבלייבן אין הינטערגרונד פון זיין גייסטיקן וועזן, זיך אַרויסגעריסן צום סאַמן פאָדערגרונד.

אין זאָלאָטאַראָוו'ן, וועלכער האָט מיט צוויי און צוואַנציק יאָר פריער, אין יעליסאַוועטגראַד, אליין געהאַט איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם, האָבן די גרויליקע פּאַסירונגען אין קישינעוו אויפגעוועקט די זכרונות פון דער שיכור'ער מאַסע צעיושעטע פּאָגראָמשטשיקעס, מיט זייער גהינם־געלעכטער און מאָרד לוסט . . . און דער גרויסער אידעאַליסט און לערער פון'ם אַנאַרכיסטישן פרייהייטס אידעאַל פון מענטשן פאַרברידערונג און גלייכהייט, וועלכער האָט געווידמעט זיין גאַנצן לעבן צום גרויסן און שווערן קאַמף פאַר פּאָר־שריט און אויפקלערונג, און וועלכער האָט געפּרעדיקט די הויכע אידעאַלן פון אַלמענטשלעכער פרייהייט און פרייוויליקן פרידלעכן

צוזאַמענלעבן און שאַפן, האָט איצט קלאָר דערזען, אַז די פאָרשריט וועלכע די ציוויליזירטע וועלט האָט געמאַכט אין לויף פון דעם פאַרגאַנגענעם האַלבן יאָרהונדערט, אינײנעם מיט דער פאַרשטאַר־קונג פון דעם גלויבן אין אַ פאַרבריידערטער און אידעאַלער וועלט, וואָס איז געקומען אַ דאַנק דער אַגיטאַציע פון די אוניווערסאַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, האָבן ניט פאַרהינדערט די שרעק־לעכע פאַרפאָלגונגען און די גרויסע ליידן פון דעם אידישן פאָלק. און זאָלאָטאַראָוו רופט צו אידיש־נאַציאָנאַלע אײנהייט און זעלבסט־שוץ אין קאַמף פאַר דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ. זאָל שוין זיין אַ סוף צו דערשטיקן אין זיך דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן „איך".

„. . . באַהאַלט עס ווי איר ווילט, דערשטיקט עס ווי איר קענט, לייקנט עס הונדערט טויזנד מאָל אָפּ, מיר זענען אַליין אידן. און ווען מען שלאָגט און מער פאַרפאָלגט, ווען מען פייניקט און מען מערדערט דאָס אידישע פאָלק אַלס אידן, רופט זיך עס אָפּ אין אונזער נשמה מיט אַזאַ שטאַרקן ווייטיק, אַז מיר וואָלטן, דאַכט זיך, גיכער געשטאָרבן אַלס אידן, איידער קויפן זיך דאָס לעבן דורך געצוואונגענער אויס־אידישקייט! . . ."

מיט מערקווירדיקער קלאָרקייט און מיט ווערטער אין וועלכע עס פילט זיך דער לעבעדיקער וואַרימער אָטעם פון אַ גרויסער מענטשלעכער נשמה, אַנאַליזירט זאָלאָטאַראָוו דעם קאַמף פאַר מענטשלעכן פּראָגרעס, דעם אידישן אנטייל דערין, די אָפּגעגאַרטע האָפענונג פון אַסימילאַציע, און ווייזט אָן אויף דער בלינדקייט פון פּרובירן איגנאָרירן דעם גרויסן שטראָם פון נאַציאָנאַליזם.

„. . . בלינד דאַרף מען זיין, מען זאָל דאָס ניט זען. בלינד דאַרף מען זיין דאָס ניט צו זען, אַז דער מעכטיקער שטראָם פון נאַציאָנאַליזם, ניט פון רעליגיעזן נאַציאָנאַליזם, נאָר פון דעם קולטורנעם פּאָליטישן נאַציאָנאַליזם, צעגיסט זיך איבער אַלע לענ־דער . . . די אומשטענדן, וועלכע רופן אַרויס דאָס נאַציאָנאַל געפיל ביי יעדן אידן זענען צו מעכטיק,—דאָס זענען די נאַטירלעכע אומשטענדן פון זעלבסט־דערהאַלטונג, און פון דער דערהאַלטונג

פון יענער געזעלשאַפטלעכער גרופּע מענטשן צו וועלכער דער איד געהערט, דאָס אידישע פאָלק, אין דער צייט פון אומענדלעכער פאַרפאָלגונג — אַז מען זאָל קענען האָפן אַז זיי וועלן אינגאַנצן אויפהערן צו ווירקן, אָדער אַז זיי וועלן ניט ווירקן אויף אונז אַליין יעדן מאָמענט פון אונזער טעטיקן לעבן".

זאָלאָטאַראָוו, דער טרעגער פון דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל, דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַליסט וועלכער האָט אַזוי טיף גע־גלויבט אַז דער פינסטערער ראַסן־האַס וועט פאַרשוואונדן ווערן אין דעם ליכט פון די הומאַניטערע אידייען און אינטערנאַציאָנאַלע פרייהייטס שטרעבונגען, דערזעט אין דעם פאָלקס שטרעבן צום נאַציאָנאַליזם אַ טרויעריקע דערשיינונג אין דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אָבער וואָס קאָן מען טאָן, זאָגט ער, ווען דאָס זענען די טאַט־זאַכן פון אונזער לעבן, דער שטרעבן פון אונזער פאָלק, און דער טרויעריקער אורטייל פון אונזער בלוטיקער געשיכטע?

אין דעם אויפשטייגן פון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג זעט ער ניט בלויז דעם אומבאַוואוסטן גייסט פון די מאַסן זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן, נאָר אויך דעם אויסדרוק פון דעם באַוואוסטן ווידער־קול פון די טיפעניש פון דער אייגענער נשמה . . . „פון יענעם ווי געשריי פון די אידישע מאַרטירער, וואָס כאַפּט אונדז אַרום ווי אַ פלאַם פייער און פאָדערט אונדזער זעלע אין דעם ברענענדן באַגער צו טאָן עפּעס פאַר אונדזער פאָלק, צו ראַטעווען עס פון די הענט פון זיינע פייניקער".

און ווי ליכטיק עס שיינט אַרויס די גרויסע מענטשלעכע נשמה זיינע אין די פאָלגנדע ווערטער מיט וועלכע ער כאַראַקטע־ריזירט די גלייכגילטיקייט פון געוויסע אידישע „רעוואָלוציאָנערן" צו די ליידן פון דעם אידישן פאָלק:

„יאָ, — מעגן מיר זיין, ווער מיר ווילן, אויב מיר זענען נאָר טריי צו זיך אַליין, און מיר געהערן נאָך ניט צו יענע מלאָכים מיט דעם וויסנשאַפטלעך־פילאָזאָפישן געשמאַק און די קליינע זעלעלעך, וואָס זענען צופרידן מיט דאָס ביסל מינץ וואָס זיי מאַכן אין דעם

געבענטשטן לאַנד אַמעריקע, און מיר געהערן שוין אויך ניט צו יענע וואָרימע און ענטוזיאַסטישע זעלן, וועלכע האָבן פאַר אַלע מכות איין רפואה — די צוקונפט — און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט איין משיח — די צוקונפטיקע געזעלשאַפט — דאַן, זאָג איך, זענען מיר ווילנדיק־ניט־ווילנדיק נאַציאָנאַליסטן".

און דערפאַר, זאָגט ער, שטעלט זיך אומפאַרמיידלעך פאַר יעדן ערנסט דיינקענדן מענטשן די פראַגע ווי אַזוי שטימען די גרויסע אוניווערסאַלע אידעאַלן פאַר אַ גליקלעך געמיינשאַפטלעכן לעבן אין אַ נייער געזעלשאַפט, מיט דעם אינערלעכן געפיל וואָס פאָדערט זיך צו אידענטיפיצירן מיט דעם אייגענעם פאָלק אינ'ם גרויסן קאַמף פאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום און ראַטעווען מיליאָנען מענטשן פון אונטערגאַנג?

און אין דער איצטיקער צייט, זעט ניט זאָלאָטאַראָוו קיין אַנדער רעטונג פאַר דעם אידישן פאָלק, ווי בלויז אין נאַציאָנאַלע גאַנצקייט און אייניקייט אין דעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס קאַמף.

„. . . לאָמיר זיך ניט נאַרן! ווי שטאַרק מיר זאָלן ניט גלויבן אין אונדזערע אידעאַלן, ווי אומפאַרמיידלעך מיר זאָלן ניט באַטראַכטן זייער פאַרווירקלעכונג אין דער קומענדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט מוזן מיר אָבער צוגעבן, אַז איצט, אין דעם איצטיקן מאָמענט זיינען זיי פשוט אוממעגלעך צו פאַרהינדערן אי דאָס אויסערלעכע שטערבונג פון דער מאַסע, אי דאָס אינערלעכע שטערבן פון אונדזער זעלע; וואָרום, וואָס טויגן קונצן? מען שלאָגט אונדז, מען מערדערט אונדז, מען טוט אונדז אָן געבערענטע און געבראָטענע לייד, מען וויל אונדז אינגאַנצן אומברייינגען! זוכן מיר אינסטינקטיוו אַלע מיטלען צו ווידערשטיין די קראַפט וואָס וויל אונדז פאַרצערן, און צווישן אַנדערע דערשיינונגען דריקט זיך אויך אוים די מעכטיקע פאַראייניקונג פון אַלע די געשלאָגענע, געבערענטע און געבראָטענע — די נאַציאָנאַליזירונג פון אונדזער פאָלק, אַלס די מעכטיקסטע דערשיינונג".

און זאָלאָטאַראָוו שטעלט זיך די פראַגע: צי מוז מען דען אריינטרעטנדיק אין דער אידיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג פאַרוואַרפן

די אוניווערסאַלע אידעאַלן? אָדער צי וועט דורכ'ן קאַמף פאַר אַ באַפרייטן אידיש פאָלק אין אַן אייגענעם נאַציאָנאַלן צענטער זיך דען בייטן די אַלע אומשטענדן פון היינטיקן לעבן, וועלכע מאַכן אומפאַרמיידלעך אַ פריי און געמיינשאַפטלעכן לעבן אין דער צוקונפט? און ער ענטפערט:

„געוויס ניט! אונדזערע אידעאַלן פאַרבלייבן אימער און אייביק די וואָרע אידעאַלן צו וועלכע די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט פירט. נאָכמער, זיי אַליין פאַרלירן אפילו ניט יענעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וועלכער מאַכט זיי פאַר אַלמענטש־לעכע אידעאַלן; פשוט דערפאַר, ווייל די אומשטענדן וועלכע פירן צו זייער פאַרווירקלעכונג, זענען אינטערנאַציאָנאַלע אומשטענדן. אָבער מען קען ניט געפינען, אפילו נאָך דער טיפסטער און ערנסטער איבערלעגונג, סיי אין דער אידעאַלער פאַרשטעלונג פון פולשטענ־דיקער פרייהייט, סיי אין דער אידעאַלער שטרעבונג צו געזעלשאַפט־לעכער סאָלידאַריטעט, קיין איין איינציקן שטריכעלע וואָס זאָל קענען אויסמעקן דאָס רעאַלע געפיל פון זיין,—פון עקזיסטענץ... די מעכטיקע דערשיינונג פון דעם אידישן נאַציאָנאַליזם איז דער אויסדרוק פון דאָס רעאַלע געפיל פון אונדזער עקזיסטענץ".

אָבער זאָלאָטאַראָוו דער פריי־גייסט, דער האַסער פון יעדן פאָרם פון אונטערדריקונג, פון ראַסן־האַס, פון מלחמה און פון אַבערגלויבן, וויים גאַנץ גוט צו וועלכע טיפע אונטערשיידן און קעגנזייטיקן האָט דער בליגדער שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם האָט געפירט אין דער וועלט־געשיכטע. און, ווי פיל פרייהייטס ליבנדע מענטשן און באַזונדערס די אידן, האָבן זיך פון דעם אָנגעליטן מצד די אויפגעהעצטע מאַסן פון די אומות העולם. און דאָך איז ער מיט דעם פאָלקס גייסט פון די אידישע מאַסן וואָס שטרעבט צו נאַציאָנאַלע איינהייט, ווייל ער זעט אין דעם גרויסע מענלעכ־קייטן פאַר דערפילן די גרעסטע און די שטאַרקסטע מענטשן פליכטן. און ער שליסט זיינע באַטראַכטונגען פון די דאָזיקע ערנסטע פראַ־געם מיט די פאָלגנדע באַדייטונגספולע און טיף־דורכגעפילטע ווערטער:

„מיר זענען מיט דעם פאָלקס גייסט, ווייל מיר לײַדן און פילן מיט דעם פאָלק אין זיין אומענדלעכן מאַרטירערטום, ווייל מיר זוכן צו באַשיצן זיך און דאָס פאָלק פון זיינע אויסערלעכע פיינד און פייניקער וואָס ווילן אים פאַרניכטן; מיר זענען אָבער אויך מיט דעם פאָלקס־גייסט און לײַדן און פילן מיט אים אין זיין אומענדלעכן מאַרטירערטום, ווייל מיר זוכן צו באַשיצן דאָס פאָלק און זיך פון זיינע אינערלעכע פיינד און פייניקער, וועלכע ווילן אים פאַרשקלאַפן און באַהערשן. מיר שליסן זיך אָן אין די לײַדנדע פאָלקס רייען צו דערציען אין אים דעם גרויסן גייסט פון ווידערשטאַנד קעגן זיינע אויסערלעכע שונאים און רוצחים, און מיר מוזן טראָגן צו אים אין זיין אייגענעם גייסט דאָס ליכט פון וויסן און פרייהייט און לערנען אים ניט צו לאָזן זיך פאַרפינסטערן און פאַרשקלאַפן פון זיינע אינערלעכע פאַרפירער און הערשער. איך זאָג „צו אים״ צום אידישן פאָלק „אין זיין אייגענעם גייסט״, ווייל יענעם גרויסן אינטערנאַציאָנאַלן גייסט פון אַלמענטשלעכער ברודערשאַפט וואָלט כדאי געווען, אַז מיר זאָלן פרעדיקן און לערנען, ווען מיר וואָלטן קענען, יענע פעלקער פון דער וועלט, וועלכע שלאָגן אים און האַסן אים; וועלכע פאַרפאָלגן אים און מאַטערן אים; וועלכע באָדן זיך טאָג־טעגלעך אין זיין בלוט. צו אים, צום אידישן פאָלק פרעדיקן דעם אינטערנאַציאָנאַלן גייסט הייסט פרעדיקן זיין אייגענע פאַרניכטונג . . . אונדזער פאַרהעלטניס צום גרויסן שטראָם פון נאַציאָנאַליזם זענען דאַרום קלאָר. מיר מוזן ניט נאָר העלפן צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק פון דער אויסערלעכער קראַפט פון פאַרפאָלגונג און פאַרניכטונג נאָר אויך זוכן העלפן גרופירן די מאַסן אין צענטערן, וואו אַ נאַציאָנאַלע גאַנצקייט זאָל פאַרהינדערן אַן אינערלעכע פאַרניכטונג פון דעם פאָלק... מיר מוזן ווערן די אוואַנגאַרדן פון פרייהייט און ליכט און העלפן די אַנטוויקלונג פון אַ קולטור וועלכע זאָל פירן צו אַ פרייער און בעסער געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער פאָלק״.

ניט בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט זאָלאָטאַראָוו׳ס אַרויסטריט געמאַכט גרויס אויפזען, ווי ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

ווייזט אָן, האָט עס אויך אין די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע קרייזן אין אייראָפּע געמאַכט אַ טיפן רושם. און אין לאָנדאָן זענען די „ערנסטע פּראָגעס" דערשינען אין אַ באַזונדערע בראָשורע.

זאָלאָטאַראָוו האָט זיך ניט באַגנוגנט בלויז מיט זיין ליטעראַרישע דערנענטערונג צום אידיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם. ער איז געווען דער ערשטער, און צו אים איז אינגיכן צוגעשטאַנען זיין חבר דער אַנאַרכיסטישער דענקער און פּובליציסט משה קאַץ. ביידע האָבן זיך באַלד אָנגעבונדן אָן דער אידישער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך דאַן ערשט אָנגעהויבן „באַוועגן" דאָ אין לאַנד.

און הלל זאָלאָטאַראָוו, וועלכער האָט זיין ערשטע רעוואָלוציאָנערע אינספּיראַציע באַקומען אין רוסלאַנד פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט איצט איניציאירט די גייסטע אידישע „נאַראָדאָווטשעסטווע" פון אַ באַדייטנדן צאָל אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע טוער. אַ „צוריק־גיין צום אייגענעם פאָלק" וואָס האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1905, באַקומען אַ מעכטיקן אימפּעט מיט דעם אָנקומען קיין אַמעריקע פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי וועלכער, מיט זיין אומפאַרגלייכבאַרער אויפקלערנדער טעטיקייט, האָט פיל בייגעטראָגען אין אומבייטן דעם גאַנצן קורס אין דער אידיש־ראַדיקאַלער וועלט אין אַמעריקע, פון אַן אַסימילאַטאָריש־גלייכגילטיקן, צו אַן אַקטיוו פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלן צוגאַנג צו אידישע פּראָבלעמען.

דער ווידער אויפגעוואַכטער „עם עולם" גייסט אין זאָלאָטאַראָוו'ן געפינט אויסדרוק און טעטיקייט צוערשט אין די רייען פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, (די „ס. ט."), וועלכע זענען אינ'ם יאָר 1905 אַרויסגעטראָטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צוליב דעם אָפּוואַרפן פון דעם „אוגאַנדע" פּראָיעקט מצד דעם זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל. ניט בלויז נחמן סירקין מיט זיין גרופּע אין אייראָפּע, נאָר אויך ברוך צוקערמאַן און אַב. גאָלדבערג, דער אידישער און העברייאישער פּובליציסט, שפּעטער

איינער פון די אָנפירנדע פּערזענלעכקייטן ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן, זענען דאָ אין די פּאַראייניקטע שטאַאַטן אַרויסגעטראָטן פון די פּועלי ציון ריי‫ען און זענען געוואָרן אַקטיווע טעריטאָריאַליסטן.

די ס. ט. פּאַרטיי אין אַמעריקע גיבן דאַן אַרויס זייער וואָכנשריפט: „דאָס פּאָלק", וועלכע דערשיינט אין פילאַדעלפיע. די נייע צייטשריפט ווערט רעדאַקטירט פון גאַר אַ געהויבענעם קאָלעגיום: ד"ר הלל זאָלאָטאַראָוו, משה קאַטץ און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. אין אָט דער דאָזיקער וואָכנשריפט פאַרעפנטלעכט זאָלאָטאַראָוו צווישן אַנדערעס, אַן אָפּהאַנדלונג וועגן נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלן פריי‫הייטס־קאַמף. ער זוכט צו באַווייזן ווי גרונטלאָז ס'איז די מיינונג פון די ראַדיקאַלע אַסימילאַטאָרן־קאָסמאָפּאָליטן, אַז אַ אידישער סאָציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט וועלכער ווערט אַ ציוניסט אָדער אַ טעריטאָריאַליסט, ווערט אַ משומד . . . ער זוכט אויפצוקלערן דעם מיש־מאַש פון דעם געדאַנקען־פּלאָנטער, און אויך וואָס עס באַדייטן באמת די באַגריפן קאָסמאָפּאָליטיזם און אינטערנאַציאָנאַליזם. אַז אינטערנאַציאָנאַליזם מיינט די פאַרברידערונג פון נאַציאָנען און ניט די פאַרניכטונג פון אַלע גייסטיקע נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אייגנשאַפטן פון די באַזונדערע פעלקער.

אינאיינעם מיט זיינע צוויי קאָלעגן העלפט ער רעדאַקטירן די צייטשריפט ביז דעם יאָר 1907, ווען ד"ר נחמן סירקין קומט אָן פון איראָפּע אויף דער איינלאַדונג פון דער ס. ט. פּאַרטיי, און נעמט איבער די רעדאַקציע.

אינגיכן דערנענטערט זיך זאָלאָטאַראָוו צום פּאַלעסטיניזם. ער אַנערקענט די וויכטיקייט פון דער ארץ ישראל אַרבעט. מיט זיין וויי‫טן בליק זעט ער פאָראויס גרויסע פּראַקטישע מעגלעכקייטן אין דער, צו יענער צייט, נאָך יונגע אידישע אַרבעטער באַוועגונג אין ארץ ישראל, וועלכע קאָן, מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער אידישער איינוואַנדערונג, אויסוואַקסן אין אַ גרויסן קאָנסטרוקטיוון פאַקטאָר אין דער פאַרווירקלעכונג פון דעם טעריטאָריאַליסטישן אידעאַל פון אַ גרויסן אידיש־נאַציאָנאַלן צענטער.

דער עסטעט אין אים ווערט באַגייסטערט פון דער אידייע וועלכע דער אידישער קינסטלער באָריס שאַץ האָט געזוכט צו פאַרקערפּערן אין דער „בצלאל" קונסט־שולע אין ירושלים. זאַלאַ־טאַראָוו שרייבט דאַן אָן און פאַרעפנטלעכט אַ באַגייסטערטע בראָשורע וועגן דעם „בצלאל", צו דערוועקן אינטערעס און צו שאַפן מאַטעריעלע שטיצע פאַר דער אינסטיטוציע. פון דאַן אָן, ביז צום לעצטן מאָמענט פון זיין פאַרב־רייכן לעבן, ווידמעט ער זיך מיט ענטוזיאַזם צו דער אידיש־נאַציאָנאַלער פרייהייטס באַוועגונג, און דינט דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם מיט וואָרט און שריפט.

זאַלאַטאַראָוו באַטייליקט זיך אין דער קאָנגרעס באַוועגונג וועלכע שטורעמט אויף די אידישע באַפעלקערונג אין אַמעריקע. ער איז אַ דעלעגאַט צום ערשטן אידישן אַרבעטער קאָנפערענץ פאַר ארץ ישראל וואָס פאַרזאַמלט זיך אין ניו־יאָרק. און ניט קוקנ־דיק אויף זיין אָפּגעשוואַכטן געזונט, (ער ליידט פון אַ שווערער האַרץ־קראַנקהייט) שאָנעוועט ער זיך ניט, און גיסט אַריין אַלע זיינע וואונדערלעכע פעאיקייטן אין דעם שטראָם פון דער אידישער פרייהייטס באַוועגונג.

דורך דער וועלט מלחמה פעריאָד, און דורך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען פילע רעוואָלוציאָנערע דענקער און טוער זענען היגנעריסן געוואָרן סיי פונ'ם פּאַטריאָטישן פיבער, סיי פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, איז הלל זאַלאַטאַראָוו פאַרבליבן טריי צום גרויסן אַנאַרכיסטישן אידעאַל, און אומבויגזאַם אין זיין גלויבן אין דער חשיבות פון דעם פרייען מענטשלעכן אינדיווידואום. אַ גלויבן וועלכער האָט ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט וועלכן ניט איז צוואַנג און אונטערדריקונג פון מענטשן, אונטער וואָס פאַר אַן אויסרייד עס זאָל ניט זיין, און צוליב וואָס פאַר אַ צוועק די אוממענטשלעכע מיטלען ווערן באַנוצט. שוין דאַן, אין די ערשטע טעג פון דעם „טשעקאַ" טעראָר אין רוסלאַנד, האָט זאַלאַ־טאַראָוו פּאַראַויסגעזען דעם קומענדן רעזשים פון דיקטאַטור מיט

די קאָנזעקווענטע פאַרפאָלגונגען און פיזישער אויסראָטונג פון יעדן אַנדערש־דיינקענדן אידעאַליסט.

. . . „דאָס איז קאַזאַרמע, דעספּאָטיזם" האָט ער מיט פאַר־ביטערונג אויסגערופן, „זאָל מען שאַפן פרייהייט אויף אַזאַ'ן אופן, אַז דער מענטש זאָל קאָנען לעבן גליקלעך אויף זיין אייגענעם שטייגער, ניט אויף דעם שטייגער פון די באַפרייער פון אויבן. זאָל מען שאַפן אַזעלכע אומשטענדן, וואָס זאָלן אויסברייטן דעם האָריזאָנט פונ'ם מענטשן און אים געבן אייגענע כחות צו געניסן, צו לעבן, צו שאַפן".

אַט דער דאָזיקער געדאַנק זאָלאָטאַראָוו'ס איז אין דער גלאָר־רייכער טראַדיציע פון אַלע גרויסע און פרייע גייסטער, פון אַלעק־סאַנדער הערצען און נ. ק. מיכאַילאָווסקי ביז קראָפּאָטקינ׳ען אין רוסלאַנד, ווי בכלל פון יעדן קעמפער פאַר אַ בעסערער און אַ מענטשלעכער וועלט!

און אַזוי, מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין גרויסער נשמה, און פּאַקטיש ביז'ן אויסגיין פון זיינע לעצטע פיזישע כחות, האָט זאָלאָ־טאַראָוו גלייכצייטיק געאַרבעט פאַר די צוויי גרויסע אידעאַלן: דעם אַנאַרכיזם און דעם ציוניזם, וועלכע האָבן אָנגעפילט זיין גאַנצן וועזן. אין די לעצטע חדשים ווען ער האָט זיך שוין ניט געקאָנט אויפזעצן, האָט ער נאָך דיקטירט אַרטיקלען פאַר'ן „טאָג", פאַר דער „פרייער אַרבעטער שטימע", און פאַר דער טעגלעכער צייטונג פון די פועלי ציון „די צייט".

דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן האָט זאָלאָטאַראָוו אַ סך געליטן פון די האַרץ ווייטאָקן. ער האָט שוין אַ לענגערע צייט זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט זיין מעדיצינישער פּראַקטיק, און די פאַר־דינסטן פון זיין ליטעראַרישער און פּובליציסטישער אַרבעט האָבן ניט געקלעקט אויף דער חיונה. זיין ליבע און איבערגעבענע לעבנס־באַגלייטערין וויערא זאָלאָטאַראָוו וועלכע האָט געטיילט איר מאַנ'ס גלויבן און אים מיטגעהאָלפן אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט,

איז איצט געווען געצוואונגען ארויסגיין ארבעטן צו פאַרדינען אויפ׳ן לעבנס מיטל.

אפילו ליגנדיק, א חולה מסוכן, רוט ניט הלל זאָלאָטאַראָוו. ער דיקטירט דעם גרויסן געצייג קאמפיין פאר ארץ ישראל. ער איז געווען פאַרזיצער פון דעם קאמפיין קאָמיטעט. דאָרט וואו ער וואָלט פערזענלעך געקאָנט שאַפן גרויסע סומען, אין אינטים נאָענטע קרייזן, שיקט ער זיין פרוי וויערא ווי זיין פארטרעטערין. און ווען זי זאַמלט אויף א געבורטס־טאָג שמחה פון אַן אַלטן נאָענטן פריינד די סומע פון העכער עלף הונדערט דאָלער פאר׳ן געצייג־קאמפיין, איז זאָלאָטאַראָוו אויסער זיך פאר גרויס פרייד!

זונטיק, דעם ערשטן מאַי, 1921, ווען די אידישע ארבעטער אין די גרעסערע באַפעלקערונג צענטערן, האָבן זיך געגרייט ארויס־צוגיין אויף די ערשטע־מאַי גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, האָבן די אי־דישע צייטונגען געבראַכט די טרויעריקע בשורה פון דעם טויט דורך א הארץ־אַטאַקע, פון ד״ר הלל זאָלאָטאַראָוו, אין זיין זעקס־און־פופציקסטן לעבנס־יאָר.

פון דער וועלט, און בעיקר פון דעם לעבן פונ׳ם אידישן פאָלק, איז אין דער אייביקייט אוועק א גרויסע און א ליכטיקע פערזענלעכקייט. די פערזענלעכקייט אין וועלכער עס האָבן זיך פאַראייניקט אין איין הארמאָנישער גאַנצקייט די צוויי אידישע שטרעבונגען פון די אכציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט — די אידעאַלן פון דעם עם עולם און פון די בילו׳צעס. פאַרקער־פערנדיק אין זיך די שענסטע אידעאַלן פון מזרח און פון מערב, האָט די ליכטיקע דערשיינונג הלל זאָלטאַראָוו צוגעגעבן א באַזונדער הערלעכן גלאַנץ צו דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער באַוועגונג.

אַ פערטל יאָרהונדערט פועלי-ציוניזם

אַ פערטל יאָרהונדערט עקזיסטענץ פון אַ פּאַרטיי וועלכע שפּילט אַן אַקטיווע און באַדייטנדע ראָלע אין אידיש-געזעלשאַפט־לעכן לעבן, איז אַ פּאַסנדער ווענד־פּונקט אויף אונטערציען אַ סך הכל פון איר ביז איצטיקער קאַריערע. ס'איז בכלל אַ דאַטע וואָס פאַרדינט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער אידישער עפנטלעכקייט. פאַר די יעניקע וועלכע זענען אידייאיש אַסאָציאירט מיט דער דאָזיקער פּאַרטיי, איז עס אויך אַ צייט פון מאַכן אַ שטיקל חשבון הנפש.

אונדזער אַמעריקאַנער פּועלי ציון פּאַרטיי האָט איצט דער־גרייכט דעם פינף און צוואַנציק יאָריקן מייל־שטיין פון איר עק־זיסטענץ. און פּונקט ווי אין דעם מענטשלעכן פּריוואַטן לעבן איז ניט אַלץ דורכאויס זונשיין, אַזוי האָט אויך אַ קאָלעקטיוו, אַ פּאַרטיי דורכצומאַכן ליידן אַזוי גוט ווי פריידן, און ריקשטויסן אַזוי גוט ווי פאָרשריט. מענטשן, און פּאַרטייען וועלכע באַשטייען פון מענטשן, זענען ניט אונפעלבאַר, און אומשטענדן זענען ניט אַלע מאָל גינסטיקע.

פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער שטאָט באַלטימאָר, אַ גרופּע אידעאַליסטישע אידישע יונגע מענער און פרויען אין וועמעס נשמות דער הויכער אידעאַל פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם האָט געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג. דאָרט, אין באַלטימאָר, איז אין דעצעמבער פון יאָר 1905 געגריינדעט גע־וואָרן די איצטיקע פּועלי ציון פּאַרטיי.

די פּועלי ציון פאַראיינען וועלכע האָבן שוין צו יענער צייט עקזיסטירט אין לאַנד, און וועלכע האָבן די דאָזיקע שלוחים דעלע־גירט צום באַלטימאָרער צוזאַמענפאָר, זענען ערשט דורכגעגאַנגען

דעם לייטערנדן פייער פון אינערלעכע אידייאישע ראַנגלענישן און זענען ניט היננעריסן געוואָרן, ווי מאַנכע פון זייערע חברים, פון דער מיראַזש פון „אוגאַנדיזם" און פון סתם טעריטאָריאַליסטישער לאַנד־זוכעניש. שטייענדיק אויף דעם באָדן פון באַלדיקער אידישע אַרבעטער פענעטראַציע און קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, אפילו ווען אין אָנהויב קליין אין פאַרנעם, ווי אַן ערשטן קאָנקרעטן שריט אין דער ריכטונג פון דער פאַרווירקלעכונג פון דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן באַפרייאונגס אידעאַל, — אַ פאַרווירקלעכונג וועלכע קאָן צושטאַנד קומען בלויז דורך אידישער אַרבעט און אידעאַליזם; האָבן זיי אין די רייען פון די אידישע מאַסן אין די פּראָוויניציעלע שטעטלעך, אָנגעפאַנגען דעם שווערן קאַמף דורכצוברעכן אַ וועג פאַר דעם פועלי ציוניסטישן געדאַנק.

קליין אין צאָל זענען געווען אונדזערע ערשטע אידייען פיאָ־נערן דאָ אין לאַנד, קליין אין צאָל אָבער גרויס אין אידעאַליזם און רייך אין גלויבן און אין ענטוזיאַזם. מיט אַט די דאָזיקע וואַרימע גייסטיקע שטראָמען האָבן זיי ביסלעכווייז אונטערגעגראָבן, און סוף כל סוף געבראַכט צו דער פענאַנדערברעקלען פון דעם אייז־פאַרפרוירענעם אויבערפלאַך פון גלייכגילטיקייט אין דעם היגן אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

קעגן זיי זענען געשטאַנען צוויי פיינטלעך געשטימטע לאַגערן — די אַלגעמיין ציוניסטישע און די געגנאַסיש סאָציאַליסטישע. און אַרום זיי, די קאַלטע אינדיפערענץ און די גלייכגילטיקע באַ־ציאונג פון די מאַסן פון פאָלק. און מערקווירדיק ווי מוטיק, ווי אומדערשראָקן פון אַט דער דאָזיקער אַנטמוטיקנדער אומגעבונג, זענען געווען די ערשטע היגע פּיאָנערן אין דער אידישער נאַציאָ־נאַל סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די קעגנער האָבן געהאַט אין זייער באַזיץ די אַרבעטער פרעסע, די אָרגאַניזירטע כחות, די יוניאָנס, — און מיר, בלויז דעם כח פון דעם גאַנצן אין הארצן, די כלי זין פון דעם גלויבן אין דער גערעכ־טיקייט פון אונדזער אידעאַל, און די טיפע איבערצייגונג אז פריער

אָדער שפּעטער, וועט זיכער קומען דער טאָג ווען די ממשלת זדון וועט אָפּגעשאַפט ווערן פון דער ערד, ווען נאַציאָנאַלע אַזוי גוט ווי סאָציאַלע אומגלייכהייט וועט פאַרשווינדן פון דער וועלט. און אַז נאָך איידער די פרי־מאָרגן רויט פון דער דאָזיקער צייט וועט זיך באַווייזן אויפ'ן מזרח האָריזאָנט, וועט יעדער פאָרגעשריטענער מענטש אָנערקענען די רעכט פון דעם אַזוי לאַנג רעכטלאָזן אידישן פאָלק, אויף אַ פרייע זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

האָט דען ניט דער ליכטיקער אידעאַל פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון פאָלק, אָנגעפילט אונזערע הערצער מיט וואַרימקייט און געלייטערט אונזערע נשמות פון די אַלטעגלעכע פסולת פון דעם היינט־צו־טאָגיקן לעבן, אין אונדז דערוועקט און גענערט די נאָבלסטע געפילן ? און אויב מיר האָבן אַ דאַנק דעם געקאָנט פילן די עקזאַלטירנדע פרייד וועלכע עס שפּירן די אַלע „דינער פון ליכט", טאָ פאַרוואָס זאָלן עס אויך אַנדערע ניט דערפילן און דורכלעבן ?

אין לויף פון די פאַרגאַנגענע פינף־און־צוואַנציק יאָר האָט די אידייע טריאומפירט. די אידישע מאַסן דאָ אין לאַנד זענען שוין מער אָדער ווייניקער נאַציאָנאַל דערוואַכט און באַוואוסטזיניק. קולטורעלע אינסטיטוציעס זענען געשאַפן געוואָרן, און אין אַלע באַמיאונגען וועלכע האָבן דערצילט די גייסטיקע דערהויבונג און די עקאָנאָמישע פאַרבעסערונג פון דעם היגן געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט אונדזער פאַרטיי פּועלי ציון בייגעטראָגן איר חלק.

ווען פריער האָט די אידישע אַמעריקע געזען אַזאַ גייסטיקן אויפברויז ווי אין די טעג פון דער גרויסער קאָנגרעס־באַוועגונג ? אָט די דאָזיקע באַדייטנדע מאַסן־באַוועגונג איז אין גרויסער מאָס אָנגעפירט געוואָרן פון אונדזער פאַרטיי וועלכע האָט איר געגעבן איר נשמה און איר מאָראַלישן כח.

און די גרויסע אָפּאָזיציע פון פינף און צוואַנציק יאָר צוריק ? היינט־צו־טאָג, מיט דער אויסנאַם פון אייניקע יחידים, גייסטיקע

„ריפּ־וואַן־ווינקלס" און אינוואַלידן, איז די אָפּאָזיציע צו אונדז געבראָכן אין די קרייזן וואו זי איז געווען אַם שטאַרקסטן. די כינעזישע וואַנט וועלכע די אַלטע אַסימילאַטאָרישע „אידיש־שפּרעכנדע" גענאָסן האָבן דאָ אין לאַנד, מיט דער הילף פון אימ־פּאָרטירטן בונדיסטישן צעמענט, אויפגעבויט אַרום דער היגער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, כדי ניט צוצולאָזן די „אַפּיקורסישע" אידייען פון סאָציאַליסטישן־ציוניזם, אָט די וואַנט איז שוין לאַנג דורכגעבראָכן און ווערט וואָס ווייטער מער און מער צעבראָקלט. דער אַלטער „גענאָסישער" חרם אויף ארץ ישראל און אויפן ציוניזם איז, ווי דער ניט פאַרגעסלעכער אַרבעטער פירער מאַקס פּיין האָט זיך אויסגעדריקט, שוין אָראָפּגענומען געוואָרן. דער לעבן און די צייט האָבן אים אַראָפּגענומען! דאָ און דאָרט שיסט נאָך אַ זעלבסט־צופרידענער ציניִשער קעגנער פאַפּירענע פיילן, נאָך שיקט מען בריוולעך צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל מיט פּראָיבל־טענער אויף די וואַנדערוועלדעס און אויף די טוראַטים פאַר זייערע ציוניסטישע סימפּאַטיען; דאָ און דאָרט נוצט נאָך אויס אַ שאַר־לאַטאַנסקער פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָג און ווייסטער דעמאַגאָג די נאַאיוויטעט פון פאַרבלענדעטע אַרבעטער, וועלכע יאָגן זיך נאָך נייע מיראַזשן, און פאַרגיפטעט מוחות מיט אַנטי־ציוניסטישן סם; אָבער אויף דעם מעכטיקן פעלז פון דער „הסתדרות העובדים" אין ארץ ישראל ווערן צושמעטערט און נישטיק אַלע קעגנערישע באַמיאונגען!

מיט אירע וואונדערבאַרע אויפטואונגען און אירע מוסטער־האַפטע אַרבעטער קאָאָפּעראַטיווע אינסטיטוציעס, שטעלט מיט זיך פאַר אונדזער הסתדרות, דאָס איינציקע אמת קאָנסטרוקטיווע סאָ־ציאַליסטישע אויפבוי ווערק אין דער וועלט היינט צו טאָג. ניט רעכענענדיק דעם אויף טעראָר און שווערדן שפּיצן זיך שטיצנ־דיקן סטאַליניסטישן רעזשים אין רוסלאַנד.

ניט גרינג איז געווען דער ביז איצטיקער וועג. ניט גרינג איז אונדזער קאַמף היינט־צו־טאָג. און אויך אונדזער וועג אין

פּאַראויס וועט אין דער גאָענטער צוקונפט ניט באַצירט זיין מיט רויזן, — ס'איז אָבער דער איינציק ווירדיקער וועג. אין אָנגעזיכט און אויך צום טראָץ די אַלערליי אָפּאָזיציעס, טיפלשע און בלוטיקע אָנפאַלן אויף אונדזערע פּאָזיציעס אין ארץ־ישראל, גאַראַנטירן די שוין דערגרייכטע דערפאָלגן, דעם ענדגילטיגן טריאומף פון אמת און גערעכטיקייט.

פאַרגלייכנדיק די לאַגע פון פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק מיט דער פון היינט, ווען עס פאַרזאַמלט זיך אַן אַלוועלטלעכער אי־דישער אַרבעטער קאָנגרעס פאַר ארץ ישראל, אַ קאָנגרעס אין וועלכן אָן אָנגעזעענע און איינפלוסרייכע דעלעגאַציע פון אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, און אויך אַזעלכע פירער פון אינטערנאַ־ציאָנאַלן סאָציאַליזם ווי עדוואַרד בערנשטיין, זשאַן לאָנגע, (דער אייניקל פון קאַרל מאַרקס), קאַמיל הויזמאַנס, זשאַן גודאַל, און אַנדערע האָבן זיך באַטייליקט, — האָבן מיר גענוג גרונד און באַרעכטיקונג אויף יובעלירן!

די הסתדרות, דער אַלוועלטלעכער פאַרבאַנד פּועלי ציון, דער פּראָ־פּאַלעסטינאַ קאָמיטעט פון די אָנפירנדע פערזענלעכקייטן אין דעם סאָציאַליסטישן און אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל, דער חלוציזם, די געווערקשאַפטן קאַמפּיינס, דער נאַציאָנאַלער אַרבע־טער פאַרבאַנד, אונדזער שול־וועזן מיט'ן לערער סעמינאַר, די פּיאָנערן פרויען אָרגאַניזאַציע, אונדזער יוגנטלעכע באַוועגונג אין אַלע לענדער און באַזונדערס דער „הנוער העובד" אין ארץ ישראל, דאָס זענען אומצווייפלהאַפטע, וואָגיקע און לעבעדיקע עדות וועלכע באַשטעטיקן דעם גרויסן פאָרשריט און דעם מאָראַלישן טריאומף פון דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער אידייע.

בשעת מיר פייערן אונדזער פּאַרטיי יובילייִ, וואָס איז גלייכ־צייטיק אַ יום טוב פאַר אונדזער גאַנצער איבער דער וועלט צע־שפּרייטער חברים־משפחה, קאָן מען ניט פאַרבייגיין ניט דערמאָ־נענדיק אונדזערע בראַווע חברות און חברים מאַרטירער, וועלכע

לײדן און שטײען אױס אוממענטשלעכע פאַרפאָלגונגען פאַר און צוליב דער באַװעגונג.

פאַראַפראַזירנדיק לעאָפּאָלד צונזין, קאָנען מיר מיט רעכט באַהױפּטן, אַז: „אױב לײדן פאַר אַן אידײע, אױב מאַרטירערטום פון די טרעגער פון אַ באַפרײאונגס אידעאַל, איז אַ לײטער מיט װעלכן צו מעסטן דעם אַלטרואיזם פון מענטשלעכן אידעאַליזם און אָפּפערװיליקײט, דאַן האָט אונדזער באַװעגונג דערגרײכט דעם העכסטן שטאַפּל”.

װאו געפינט איר אַן אידעאַליזם און אַ מאַרטירערטום צו פאַרגלײכן מיט דעם פון אונדזערע העלדישע שװעסטער און ברי־דער, אונדזערע אידײען חברים אין סאָװעטן־פאַרבאַנד, די אומשולדיקע קרבנות פון דעם עלילת־דם בלבול פון „קאָנטר־רעװאָ־לוציע”, װעלכע, אײנײנעם מיט אַנדערע „אַנדערש דײנקנדע רעװאָ־לוציאָנערן” שמאַכטן אין די טורמעס און איזאָלאַטאָרן פון בור־טירסקי, פון די סאָלאָװעצקי אינזלען, אָרנבורג, פערם, און אין די אַנדערע פאַרשיקונגס גהינום׳ס פון דעם באָלשעװיסטישן רעזשים, און װעלכע זענען מקבל באהבה די שרעקלעכסטע לײדן און דעם טױט צוליב זײער אומבױגזאַמער געטרײקײט צו דעם ליכטיקן אידעאַל פון סאָציאַליסטישן ציוניזם?

אין די איצטיקע טעג פון אונדזער יובילײ יום־טוב, װי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, שיקן מיר צו זײ, איבערן ברײטן אוקינוס, אונדזער ברכה און דעם האַרציקן אױסדרוק פון חבר׳שע סאָלי־דאַריטעט, און מיר זאָגן צו זײ: בלײבט מוטיק חברות און חברים! די איצטיקע הערשאַפט פון טעראָר און האַס, װעלכע האָט באַ־פלעקט און פאַרראַטן די טיף מענטשלעכע נשמה פון דער רוסישער רעװאָלוציע, װעט ניט אײביק דױערן. „נאַסטאַניעט פּאָראַ—אי פּאָגיבניעט װאָאַל, אי װיערניאָטסיאַ נאַ זעמלין ליובאָװ!” . . . טעראָר און דיקטאַטור זענען װילד־פלאַנצן און דערנער אין דעם גאָרטן פון׳ם מענטשלעכן לעבן. די באַפרײאונג פון׳ם מענטשן װעט ניט קומען דורך דעקרעטן פון העכערער נאַטשאַלסטװאָ! בלױז דורך מענטשן־ליבע, מענטשלעכקײט, דורך זעלבסטשטענדיקן

און פרייען מענטשלעכן געדאנק, און בעיקר דורך דער אוניווער־סאַלער אנערקענונג פון דער הייליקייט און די חשיבות פון דעם מענטשלעכן לעבן, דורך פאַרגונפט און דורך וויסן וואָס איז מאַכט, וועט די מענטשהייט זיך קאָנען דערהויבן צו אמת'ע פרייהייט און צו א שענערן לעבן!

און וואו געפינט איר אזא הערּאָאישן קאַמף, אזא וואונדער־לעכן ווידערשטאַנד קעגן די אָנגרייפנדע באנדעס פון פינסטערניש און פון באַרבאַריזם, ווי עס האָבן אין די אויגוסט טעג פון יאָר 1929, ארויסגעוויזן אונדזערע חלוצים פיאָנערן אין ארץ ישראל? אונדזערע אוואַנגאַרדיסטן פון פרייהייט און פון מענטשלעכן פאָר־שריט וועלכע גיבן אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן אזא גלאַררייכן ביישפיל פון אינספּירירנדן אַלטרואיזם?

ווי מאָראַליש געזונטען מוז מען שוין זיין, צוליב פּאָליטישע מאָטיוון פעלשן פאַקטן און פאַרשטעלן אָט די דאָזיקע ליכטיקע פיאָנערן פון אן אידעאַלערן מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, ווי „אָנ־גרייפער, רויבער און אונטערדריקער!"

שטייענדיק מיט אונדזער אַמעריקאַנער פועלי ציון פּאַרטיי פון דעם ערשטן טאָג אָן, וועט מיר, „אן אַלטן חבר", דערלויבט זיין, גלויב איך, אייניקע ווערטער פון קריטיק. דער פּונקט „קרי־טיק" האָט זיך גלייך פון אָנהויב דערוואָרבן א חשוב'ן אָרט אויף אונדזערע פּאַרטיי צוזאַמענפאָרן. א ביסעלע זעלבסט־קריטיק שאַט ניט אפילו אין יום טוב'דיקע טעג.

אומצווייפלהאַפט גרויס ווי עס זענען אונדזערע היגע דער־גרייכונגען, וויכטיק ווי עס איז אונדזער בייטראָג צו דער ארץ־ישראל ארבעט, שיינט מיר, אז אין לויף פון די יאָרן פון קאַמף און פון אנטוויקלונג האָבן מיר עפּעס אָנגעוואָרן אין אונדזערע רייען דאָ אין אַמעריקע. עפּעס אזוינס וואָס פלעגט ארויסשיינען ווי א הערלעכער דימענט אין אונדזער אינערלעכן פּאַרטיי לעבן אין די ערשטע יאָרן, און וואָס האָט געמאַכט אזא גינסטיקן איינ־

דרוק אויף אַ סך נאָענט־שטייענדע סימפּאַטיקער. דאָס איז געווען דער קאָנגזיסטיזער טעכנישער בעפיל פון אויפריכטיקער חברשאַפט און עכטע פריינדשאַפט צווישן די חברים. מעגלעך, אַז מחמת דעם וואָס מיר זענען דעמאָלט געווען קלענער אין צאָל, און מיר האָבן זיך דאָ געפילט ווי מיטגלידער פון איין גרויסער משפּחה, האָט זיך ביי אונדז נאַטירלעכערווייז, איינגעבירגערט אַזאַ וואונדערלעכער געפיל פון ברודערשאַפט. נאָך אָט דער דאָזיקער ברודערשאַפט בייַנקט זיך!

מעגלעך, אַז די אידייע אַן און פאַר זיך, איז געווען אַנציענדער צוליב דעם וואָס דער אידעאַל פון סאָציאַליסטישן ציוניזם איז צו יענער צייט נאָך געווען מער חלום ווי ווירקלעכקייט, און ווי יעדע אבסטראַקטע אידייע האָט עס געגלאַנצט הערלעכער פון דערווייטנס. און איצט, אריינטרעטנדיק אין דעם פּעריאָד פון פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג, און האָבנדיק אַזוי פיל צו טאָן מיט דער אַזוי געווענער גרויער און אַלטעגלעכער „פּראַקטישער אַרבעט", איז אַ ביסל אַרונטער פון דעם אַמאָליקן גלאַנץ . . . וואָס די אורזאַך זאָל ניט זיין, פעלט אַ טייל פון די אַמאָליקע טיף פריינטלעכע באַציאונגען צווישן חבר און חבר אין דער פּאַרטיי אַרבעט. אמת, דאָס איז ניט בדרך כלל, אָבער די אויסנאַמען וואַרפן זיך דאָ און דאָרט אין די אויגן . . . באַזונדערס באַמערקט עס אַ חבר וועמען עס קומט אויס אַרומצופאָרן איבערן לאַנד. מיר שיינט, אַז דאָס נעמט זיך פון דעם וואָס מיר, אַזוי ווי די חברים און טוער אין די מערסטע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען דאָ אין לאַנד, זענען געוואָרן, אויב איך מאָג זיך אַזוי אויסדריקן, שוין צו פאַרדאַמט פּראַקטיש. צופיל פאַרטאָן אין די פאַרשיידענע פינאַנציעלע „קאַמפּיינס" . . . די געלט קאַמפּאַניעס פאַר פונדאַמענטאַלע אינסטיטוציעס און פאַר די צוועקן פון נייע אַנטוויקלונגס מעגלעכקייטן אין אונדזער נאַציאָנאַלע קאָלאָניזאַציאָנס אַרבעט, זענען אָן ספק פון גרויס וויכטיקייט, אָבער זיי זענען נאָך אַלעמען ניט מער ווי מיטלען צום צוועק. מיר טאָרן ניט ווערן ווי עס איז צו דער איצטיקער צייט אין גרויסער מאָס געוואָרן די אַלגעמיין ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע דאָ אין לאַנד, — כמעט עקסקלוזיוו אַ

געלט־זאַמלונג אַגענטור . . . וועמעס גאַנצע אויפקלערנדע און קול־טורעלע טעטיקייט געפינט זיך אין דער רעקלאַמירנדער „קאַמפּיין״־ליטעראַטור! אויך אין ברען פון אונדזערע געלט קאַמפּאַניעס זענען געוויסע אַקטיווע חברים איבערן לאַנד גרייט אַ סך צו פאַרבייגן אַבי וואָס מער געלט צו זאַמלען פאַר די פאָנדן. אויב מיר ווילן אָנהויבן מאַכן קאָמפּראָמיסן און דערלאָזן אָראָפּדינגען אפילו אַ קוצו של יוד פון דעם סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט פון אונדזער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישן גלויבן, אויב מיר ווילן זיך אָפּווענדן פון דעם וועג וואָס פירט צום מקור פון ריינעם אידעאַליזם, — וועט זיך אויך ביי אונז אַנטוויקלען די נייגונג צו מעסטן די חשיבות פון חברים און חברות מיט דער בורזשואַזנער מאָס וואָס וויל ניט וויסן „וואָס פאַר אַן אמת דו זאָגסט״ נאָר, „וויפיל געלט צו בייַ־שטייערן דו פאַרמאָגסט״ . . . אין אונדזערע רייען, און אין אונדזער באַוועגונג בכלל, טאָרן אַזעלכע באַגריפן און נייגונגען ניט טאָ־לערירט זיין. זאָל ניט אויסגעביטן ווערן דאָס גאָלד אויף קליינ־געלט . . .

לאָמיר זשע אין דער ערשטער ליניע, ווי ביז איצט, אויך אויף ווייטער מיט אַנטשלאָסנקייט הויך האַלטן דעם אומבאַפלעקטן באַנער פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם! לאָמיר פאַרזעצן אונדזער ווייטערדיקן וועג אין פאַראויס אָן קאָמפּראָמיס מיט וועלכן ניט איז פון אונדזערע פונדאַמענטאַלע פּרינציפּן, ווען אונדז קומט אוים זיך צו באַטייליקן אין צייטווייליקע פאַראייניקטע אַקציעס מיט רעכטס אָדער מיט לינקס.

ביי דער איצטיקער פייערלעכער געלעגנהייט פון דעם פינף־און־צוואַנציק יאָריקן יובילײ פון אונדזער פּאַרטיי, נאָכ׳ן פאַר־ענדיקן אַ פערטל יאָרהונדערט קאַמף און אויפטו אין דער ריכטונג פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג פון אונדזער פאָלק, לאָמיר ווידער־אַ־מאָל איינטונקען אונדזערע נשמות אין דעם אייביק שפּרודלדיקן קוואַל פון אונדזער אידעאַל. מיר ווילן אויף דאָס ניי געפינען דעם גאָלד פון אייביקן אמת אין אונדזער

נשמה, און אונדזער באַוועגונג וועט צוריק באַקומען, ווי אונדזער אומפאַרגעסלעכער סירקין וואָלט זיך אויסגעדריקט, — „דעם אָדלער בליק און דעם אָדלער פלי" — ווי אין די ערשטע יאָרן.

דער געבאָט פון דער צייט פאָדערט פון אונדז פעסטער און גרעסער מאַכן די רייען פון דער באַוועגונג, דורך אריינברייננגען די פילע סימפּאַטיקער און נאָענט שטייענדע פריינט אין אונדזער מחנה.

דערמוטיקט פון אונדזערע ביז איצטיקע וויכטיקע און באַדייטנדע דערגרייכונגען אויפ'ן געביט פון דער קולטורעלער דערהויבונג פון פאָלק, ווי אויך פון די פּראַקטישע מעשים אויפ'ן וועג צו דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזערע אידעאַלן אין ארץ ישראל, אין דעם לאַנד פון דער היינטיקער חלוצישער אויפבוי אַרבעט און פרייִדיקער סאָציאַלער און קאָאָפּעראַטיווער שאַפונג, לאָמיר מיט געזאַנג און מיט יובל אין דער נשמה, און מיט אַנטשלאָסנקייט און מיט קאַמפס־לוסט אין הארצן, אריינטרעטן אין דעם צווייטן פערטל יאָרהונדערט פון אונדזער פּאַרטיי עקזיסטענץ. און אריין מיט דעם פעסטן גלויבן, אַז צו דער פייערונג פון דעם פופציק יאָריקן עקזיסטענץ ווי אַן אָרגאַניזירטע מחנה, וועט אונדזער פּאַרטיי און באַוועגונג בייוואוינען די פּראָקלאַמירונג פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער רעפּובליק אין ארץ ישראל!

ווי האָט געזאָגט טעאָדאָר הערצל:

„אויב איר ווילט איז עס קיין חלום!"

צו שמידן אין די הערצער פון די אידישע פאָלקס מאַסן אָט דעם דאָזיקן שטאַרקן ווילן צו נאַציאָנאַלער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט, אינטעגראַל פאַראייניקט מיט דעם הומאַנעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, — איז אונדזער איצטיקע גרויסע אויפגאַבע.

פון דעם ספּעציעלן „25 יאָריקן יובילוי־נומער"
דער „אידישער אַרבעטער" 10טן אָקטאָבער, 1930.

צווייטע אפטיילונג

צווישן רעאַקציע און אַמנעסטי

די פֿאָלגנדע קאַפּיטלען זענען דערשינען ווי אַרטיקלען צווישן די יאָרן 1920־1926. די ענינים וועלכע זיי באַהאַנדלען זענען פֿון ברייטערן שטאַנדפּונקט נאָך אַקטועלע. בלויז דער פֿאָרם פֿון קאַמף האָט זיך, אייניגעם מיט דער צייט, געענדערט. דער גרויסער געראַנגל צווישן די פּראָגרעסיווע און רעאַקציאָנערע כחות אין אַמעריקאַנעם לעבן גייט נאָך אָן היינט צו טאָג, און וועט קאָנטיק פֿאָרגעזעצט ווערן אויך אין דער נאָענטער צוקונפֿט. אונטער דער איצטיקער רעגירונגס אַדמיניסטראַציע פֿון דעם פּראָגרעסיוון און הומאַניטאַרן פּרעזידענט פֿרענקלין ד. רוזוועלט, האָט זיך נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט אָט דער דאָזיקער געזעלשאַפֿטלעכער צוזאַמענשטויס צווישן דער רעאַקציע און די עקספּלואַטירטע פֿאָלקס מאַסן, וועלכע שטייגן אויף צו אינדוסטריעלן און פּאָליטישן איינפֿלוס. דעריבער גלויב איך, וועלן די פֿאָלגנדע קאַפּיטלען וועלכע גיבן אַן אַריינבליק אין די שטרייטן פֿון יענע טעג און וואַרפֿן ליכט אויף אייניקע פֿאָראויסשטייענדע פּערזאָנען פֿון יענער צייט, אינטערעסאַנט זיין אויך היינט צו טאָג.

מ. פּ.

(1938)

וואודראָ ווילסאָן

מיט דעם פּאַטעטישן סוף פון דעם געוועזענעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואודראָ ווילסאָן, איז פאַרשוואונדן פון דער לעבנס־בינע איינער פון די מערקווירדיקסטע פיגורן פון דער עפּאָכע פון דער גרויסער וועלט־מלחמה. ווילסאָן איז אָן ספק, ביז צו דער איצטיקער צייט, דער באַדייטנדסטער אַמעריקאַנער פּרעזידענט נאָך אייבראַהאַם לינקאָלן און דעם בירגער־קריג פּעריאָד.

ווי אומבאַהאָלפן איז דער מענטש אין זיין געראַנגל מיט די בלינדע כחות פון דער נאַטור! ערשט מיט זעקס־זיבן יאָר צוריק איז וואודראָ ווילסאָן געווען דער ענערגישער, מיט לעבנס־לוסט שפּרודלדיקער פירער פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק; אַ ליכטיקע פּערזענלעכקייט צו וועלכן די צעדריקטע, פון מלחמה־לאַסט באַלאָדענע פעלקער פון אייראָפּע, און די האַרעפּאַשנע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט, האָבן אַרויפגעקוקט מיט דערוואַרטונג און מיט האָפענונג.

אין לויף פון די לעצטע פּאָר יאָר, איז דערזעלבער ווילסאָן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צעבראָכענעם שאַרבן . . . אַ לעבעדיקן מת, וועלכער איז, אַ האַלב פּאַראַליזירטער, געלעגן אין די נעגל פון דעם מלאך המות. „אַ צעבראָכן און אָפּגענוצטער שטיקל מעכאַניזם" האָט ער זיך אַליין, אין זיינע לעצטע מינוטן, אָנגערופן צו זיינע דאָקטוירים. אַ צעבראָכענער, אָפּגעשוואַכטער קערפּער אין וועלכן ס'איז אָבער ביז'ן סאַמן סוף, מיט אַ פּאָר קורצע אינטערוואַלן, וואָך און וויניק באַשעדיקט, געבליבן אַ גרויסער אינטעלעקט און אַ שטאָלצער גייסט וואָס האָט, ווי די אַמאָליקע סטאָאיקער, אַקצעפּטירט דעם אומפאַרמיידלעכן סוף.

די גרעסטע קעגנער פון פּרעזידענט ווילסאָן וועלן צוגעבן, אַז זיינע מאָטיוון זענען געווען ריינע, און זיינע אַבזיכטן די בעסטע.

אין זכרון פון דער מענטשהייט וועט פאַרבלייבן דער ווילסאָן פון די באַרימטע „פערצן פונקטן“; דער ווילסאָן פון די בריליאַנטע־נע מלחמה־צייט רעדעס, רעדעס וועלכע האָבן באַגייסטערט מאַסן מענטשן מיט זייער תוכן, מיט זייער נייעם און הומאַנעם טאָן, און מיט זייער אָנזאָג פון בעסערע, מער אידעאַלע וועלט צושטאַנדן, און וועלכע האָבן אָנגעפילט מיט ניי האָפענונג אַ ליידנדע און אין בלוט אַפּגייענדע מענטשהייט.

דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן, וועלכער, ברע־כנדיק פּאָליטישע פּרעצעדענטן, איז פּערזענלעך געפאָרן קיין אייראָ־פּע אַנטייל צו נעמען אין די ווערסיילער פאַרהאַנדלונגען צו פאָר־מולירן דעם פרידנס־טראַקטאַט, און העלפן איינפירן אַ וועלט שלום וואָס זאָל מאַכן אַ סוף גלייכצייטיק צו מלחמות און צו אימפּע־ריאַליסטישע אַוואַנטיורעס, איז געווען גאָר אַן אַנדער וואודראָ ווילסאָן לגבי דעם וועלכער האָט זיך שפּעטער אומגעקערט אַהיים מיט ליידיקע הענט, נאָכדעם ווי די כיטרע דיפּלאָמאַטן — דלילה׳ס פון דער אַלטער ציניִשער וועלט, האָבן אַרומגעשוירן זיינע שמשון־לאָקן, און אַרונטערגעהאַקט די פליגלען פון זיין הומאַניטאַרן גייסט! דער פראַנצויזישער דורשט נאָך „רעוואַנזש“ האָט איבער־וועלטיקט און דערשטיקט די טויב פון שלום וועלכע ווילסאָן האָט אַריינגעבראַכט אין דער פאַרפעסטעטער לופט פון ווערסייל. אָנ־שטאָט דעם ווילסאָנ׳שן שלום פון „אָן זיגער און אָן באַזיגטע“ האָט מען אין דעם ווערסיילער פרידנס אָפּמאַך פאַרזייט די קערנער פון האַס און דרוק, פון וועלכע עס וועלן אומפאַרמיידלעך אַרויסשפּראָצן נייע סכנות פון צווישן־פעלקערלעכע שטרייטן און נייע מלחמות.

ווער קאָן דען פאַרגעסן יענע גלאָררייכע טעג, יענע גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציעס מיט וועלכע די אייראָפּייאישע פעלקס מאַסן האָבן באַגעגנט ווילסאָנ׳ען אויף די גאַסן פון לאָנדאָן, פּאַריז, רוים און גענואַ! די געפילן און די דערוואַרטונגען פון די מאַסן, פון דעם ליידנדן וועלט פּראָלעטאַריאַט, פאַרמאַטערט פון מלחמה און עקאָ־נאָמישער עקספּלואַטאַציע, האָבן געפונען קלאָרן אויסדרוק אין די ווערטער פון די סאָציאַליסטישע דעפּוטאַציעס וועלכע וואודראָ

ווילסאָן האָט אויפגענומען, אויסדריקנדיק זייער צוטרוי צו אים און די האָפענונג, אַז ער וועט פּאַרבלייבן אויסגעהאַלטן ביז׳ן סוף, און וועט אין ווערסייל ניט אָפּטרעטן פון זיין פרידנס פּראָגראַם.

אין איטאַליען, באַזונדערס אין גענוע, האָבן די פּייערלעכקייטן אָנגענומען אַ הערלעכן און אַ באַדייטונגספולן כאַראַקטער. דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט איז ספּעציעל צוגעפאָרן קיין גענוע אַוועקצולייגן אַ בלומען קראַנץ אויפ׳ן קבר פון דזשוזעפּע מאַציני, דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט איז ספּעציעל צוגעפאָרן קיין גענוע, דער גרויסער אַפּאָסטאָל און פּאַרקעמפער פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט און אוניווערסאַלער פעלקער פאַרברידערונג. עס האָט אין יענע טעג ווירקלעך אויסגעזען ווי וואודראָ ווילסאָן וועט ענערגיש פאָרזעצן און צו אַ גליקלעכן אָפּשלוס דערפירן, די גרויסע מיסיע פון אַלוועלטלעכן שלום און פרייהייט, וועלכע דער גרויסער איטאַליענישער פרייהייטס קעמפער האָט אונטערגענומען.

פון די שווערע טעג אין ווערסייל פּינקעלט אַרויס ווי אַ דימענט, איין באַדייטונג-אָנגעפילטער און הערלעכער מאָמענט. אַ וואונדערלעכער מאָמענט אָבער ניט מער ווי אַ מאָמענט, אין וועלכן דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט האָט זיך דערהויבן צו ווירקלעכער גרויסקייט און מוט. דאָס איז געווען בשעת ער האָט אין געזיכט פון די פאַרזאַמלטע דיפּלאָמאַטן און שטאַטסלייט, געוואָרפן זיין דראָאונג, אַז ער וועט זיך צוריקציען פון פרידנס קאָנפערענץ און וועט (דעמאָנסטראַטיוו) צוריקפאָרן אַהיים קיין אַמעריקע. ס׳איז געווען אַ דייטלעכע אָנצוהערעניש, אַז ער האָט בדעה, איבער די קעפּ פון די הערשער, אַפּעלירן צו די פעלקער מאַסן פון אייראָפּע, קעגן די בולט׳ע אימפּעריאַליסטישע אַפּעטיטן פון די זיגרייכע פרידנס-מאַכער, וועלכע האָבן שפּעטער זיך אַרויסגעצייגט ווי אויסגעצייכנטע מלחמה-שאַפער. ביטרע מאַקיאַוועליס, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די הינטער-קוליסן אינטריגן, און געהאָלפן צוגרייטן די „אַטמאָספערע" פאַר דעם שרעקלעכן קאַטאַקליזם פון בלוט און פון טרערן.

אָבער ווילסאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען וואַקלען . . . ער האָט אָנ־

געהויבן מאַכן קאָמפּראָמיסן. און אַזוי שנעל ווי מעפּיסטאָפל האָט ביי אים אויסגענאַרט דעם ערשטן פּונקט פון די באַרימטע פערצן, דעם פּונקט וועגן אָפענע דיפּלאָמאַטיע, האָט זיך אומפאַרמיידלעך אַנגעהויבן דער שנעלער באַרג־אַראָפּ. אָן דעם דאָזיקן ראש פינה איז שנעל צונויפגעפאַלן די גאַנצע סטרוקטור. דערמיט האָט זיך מיט טראַגישער שנעלקייט פאַרענדיקט וואודראָ ווילסאָנ׳ס גלאַנץ פעריאָד!

נאָך דעם פּרעזידענט׳ס צוריקקומען קיין אַמעריקע, פאַנגט זיך אָן זיין ראַשיקע פּאָליטישע ירידה. עס נעמט ניט לאַנג און ער ווערט אַ פּאַראַליטיקער, אַ צעבראָכענער שאַרבן. אין „ווייסן הויז״ ווערט איצט ווילסאָן אַרומגערינגלט פון אַ קאָפּטע ביטערע „פּאָליטישנס״. זעלבסט־זיכטיקע אַדיוטאַנטן וועלכע פירן דורך דעם רצון פון וואָל־סטריט. צווייפלהאַפטע פאַרשווינגען, אין וועמען ס׳איז ניט געווען קיין ניצוץ פונ׳ם ווילסאָניזם. דער פּרעזידענט ווערט אַ בלינדער ווערקצייג אין די הענט פון אָט די דאָזיקע דונקעלע פּערזאָנען, און ווערט פון זיי געפירט.

עס בליט זיך דאַן פענאַנדער די טרויעריקע פּעריאָדע פון דעם פּאַלמעריזם. עס הויבט זיך אָן דער בלוט־הונט געיעג אויף די פּראָגרעסיווע און פרייהייטלעכע עלעמענטן אין לאַנד. מען פּרובירט אונטערדריקן דעם פרייען וואָרט, און די ראַדיקאַלע פּרעסע ראַנגלט זיך מיט׳ן „פּאָסט אָפיס דעפּאַרטמענט״ . . . אידעאַליסטן און פרייהייטס קעמפער מיט דעם באַליבטן אַלטן אַמעריקאַנעם אַרבעטער־פירער און סאָציאַליסט יודזשין וו. דעבס בראש, ווערן געהאַלטן אין די תפיסות. עס קומען פאָר די טרויעריקע דעפּאָרטאַציעס . . . דאָס ליכט אינ׳ם פאַקל פון דער אַמעריקאַנער פרייהייטס־סטאַטוע ווערט אויסגעלאָשן, און דער גייסט פון אַמע־ריקאַנער פרייהייט לאָזט אַרונטער דעם פנים פאַר בושה. אַ פּעריאָ־דע אין וועלכער בלוט־דאַרשטיקע רעאַקציע הערשט חוצפה׳דיק איבער דער לענג און ברייט פון די פאַראייניקטע שטאַאטן. אַ פּעריאָדע, אין וועלכער עס האָט געשמעקט מיט טורמע פאַר צי־

טירן פון דער „דעקלערײשאָן אָוו אינדיפּענדענס”, און מיט אַרעסט פּאַר צירקולירן ראַדיקאַלע ציטאַטן פון פּרעזידענט ווילסאָנ׳ס בוך „דהי ניו פרידאָם”. (די נייע פרייהייט). פאַר דער וועלט ווערט אַנטפּלעקט אַ קליינלעכער וואודראָ ווילסאָן, וועלכער וויזט צוריק צאָלרייכע פּעטיציעס פאַר אַמנעסטי צו די פּאָליטישע געפאַנגענע וועלכע ווערן דאָ געהאַלטן אונטער שלאָס און ריגל, לאַנג נאָך דעם ווי די אַנדערע לענדער חוץ סאָוועט רוסלאַנד, האָבן פריי געלאָזן די אַרעסטירטע מלחמה קעגנער אין איין פאַל, און בכלל פּאָליטישע אַרעסטירטע אינ׳ם אַנדערן. אַ ווילסאָן וועמעס לעצטער אַקט אין פּרעזידענט־אַמט, איז געווען אָנצושרייבן מיט אַ טרייסלענדער האַנט, דעם וואָרט „דינאַיד" (צוריקגעוויזן) אויף דער פּעטיציע פון גרויסע צאָלן בירגער, צו באַפרייען, פון דער פעדעראַלער טור־מע אין אַטלאַנטאַ, דעם אומבויגזאַמן, זיבעציק יאָריקן סאָציאַליס־טישן פירער יודזשין דעבס.

און דאָך קענען די פעלערן פון זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן אינ־גאַנצן ניט פאַרשטעלן דעם בעסערן און גרעסערן ווילסאָן, דער פאָטער פון דער פעלקער־ליגע, דער מענטש וועלכער האָט זיך געקאָנט דערהויבן צו דער הויכקייט פון מאָראַלישער נבואה, און וועלכער איז געווען דער אָנזאָגער פון אַ בעסערער וועלט און פון דעם קומענדן סוף פון מלחמות.

די פעלקער־ליגע און דער וועלט־געריכט, אויף וועלכע ער האָט אַזוי פיל האָפנונג געלייגט, און מיט וועלכע זיין נאָמען וועט תמיד בלייבן אַסאָציאירט, זענען אים פאַרבליבן נאָענט צום האַרצן ביז צו דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן. ערשט מיט איניקע חדשים צוריק, צו דער געלעגנהייט פון „אַרמיסטיס”־טאָג, דעם עלפטן נאָ־וועמבער (1923), אַרויסקומענדיק פון זיין צוריקגעצויגנקייט צו באַגריסן אַ מאַסע פאַרערער, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט ביי זיין וואוינונג אין וואַשינגטאָן, האָט דער געוועזענער פּרעזידענט אויף

דאָ ניי אויסגעדריקט זיין גלויבן אין זיינע אידעאַלן, און זיין צאָרן אויף די רשעים וועלכע האָבן צו־נישט געמאַכט זיינע גרויסע פּלע־נער פאַר דעם וואוילזיין פון דער מענטשהייט.

מיט דעם טויט פון וואודראָ ווילסאָן איז אַ טראַגישע פיגור פאַרשוואונדן פון דער וועלט־בינע.

פון „דער אידישער אַרבעטער" 8טן פעברואַר, 1924

דער גלגול פון פּאַלמעריזם

דער אומבייט פון וואודראָ ווילסאָן'ס דעמאָקראַטישע אַד־מיניסטראַציע אויף וואָרן האַרדינגס רעפּובליקאַנישע רעגירונג'ס פאַרוואַלטונג, האָט אויף אַ האָר ניט געריינעקט די פּאָליטישע לופט אין אַמעריקע. קיין איינציק וואָלקנדל איז ניט פאַרטריבן געוואָרן פון דער געדיכטער כמארע פון רעאַקציע, וועלכער הײנגט שוין שיינע עטלעכע יאָר איבער'ן הימל פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן. אין קעגנטייל! פון דעם אומבייט אין דער רעגירונג'ס אַדמי־ניסטראַציע, איז דאָ אין לאַנד געוואָרן נאָך פינסטערער און די לופט מער שטיקנד.

בולט'ער און בולט'ער ווערט דער פאַקט, אַז די ברייטע מאַסן פון פאָלק זענען נאָך געצוויגט צו גיין בלינדערהייט אויף די אַלטע אויסגעטראָטענע וועגן. אַלטע וועגן, וועלכע האָבן שוין אַזוי פיל מאָל דערפירט צו דעם טעמפן ווינקל פון ביטערער אַנטוישונג און טרויעריקע איבערלעבונגען. קענטיק, אַז דער גלויבן אין קאָנסער־וואַטיזם און די שרעק פאַר נייע וועגן, איז נאָך טיף איינגעוואָרצלט אין דער נשמה פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט.

און אויב די סדום־בעטל איז אומבאַקוועם, אויב היינט צו טאָג פליסט אַרבעטער בלוט אין שיקאַגאָ, האָט אין דעם דער אַר־בעטער קלאַס זעלבסט אַן אומדירעקטן חלק. אַזוי האָט ער זיך אויסגעבעט, און ווי מען בעט זיך אוים אַזוי שלאָפט מען . . .

די אַדמיניסטראַציע פון פּרעזידענט וואודראָ ווילסאָן האָט אין איין און די זעלבע צייט פאַרמאָגט דעם קול יעקב און די ידי עשו.

דער קול יעקב האָט גע'דרשנ'ט וועגן הומאַניזם, וועגן די שיינע און נאָבעלע אידעאַלן פון אַלוועלטלעכן שלום, גערעכטיקייט און פּראָגרעס; און די ידי עשו פון דער זעלבער אַדמיניסטראַציע, געלייטעט פון ווילסאָנ'ס יוסטיץ מיניסטער, דעם „אַטאָרני דזשענע־

ראַל" מיטשל פּאַלמער, האָבן אין די טורמעס פאַרשפּאַרט די אמת'ע טרעגער פון די דאָזיקע הויכע אידעאַלן . . . !

אין דער איצטיקער האַרדינג אַדמיניסטראַציע, שוין אַריינגערעכנט דעם „אַנטוואָפּנונגס" טעאַטער שפּיל, איז אפילו דער קול יעקב אויך ניטאָ. ס'איז כולו שוואַרץ. גאָר און גאַנץ רעאַקציאָנער. די רעגירונג שטייט אָפן און אומפאַרשעמט אין דינסט פון דעם גרויס קאַפּיטאַל.

מער ווי איין טרויעריק בלעטל וועט פאַרבלייבן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, ווי אַן אָנדענק פון דעם פּיל-פאַרשפּרעכנדן ווילסאָנישן רעזשים. די סאַמע מיאוס'טע, וועט אָן ספק זיין די געשיכטע פון די באַרימטע פּאַלמערשע „רעידס", . . . די אויבערפאַלן אויף די „רויטע", דעם געיעג אויף אַלץ וואָס איז שיין, איידל און פאָרגעשריטן, דער שפּיאָנאַזש און די פאַרפאָלגונג פון די בירגער און ניט-בירגער וועלכע זענען ניט פאַר'שיכור'ט געוואָרן פון דעם „פּאַטריאָטישן" טשאַד, און וועלכע האָבן ניט געוואָלט בלינדערהייט בויגן די קני און דעם קאָפּ פאַרן מזבח פון מאַרס, און פאַרטעפּן דעם אייגענעם געוויסן.

אין געוויסע קרייזן האָט מען געהאָפט און געגלויבט, אַז איינציגעם מיט דעם סוף פון דער ווילסאָן אַדמיניסטראַציע, וועט אויך קומען אַן ענדע צו דעם קאַפּיטל „פּאַלמער". מען איז געווען אונטער'ן איינדרוק, אַז די נייע אַדמיניסטראַציע אין דעם „דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס" וועט זיך איצט פאַרנעמען מיט דער אַרבעט פון דורכפירן די געזעצן, אויף אַן אָנשטענדיקן, בכבוד'יקן און קאָנסערוואַטיוון אופן. אָן די „ראַדיקאַלע" ספּעקטאַקל-ערישע מעטאָדן פון מיטשל פּאַלמער מיט זיינע געטרייע אַדיוטאַנטן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן ווי אַן אָפּגענאַרטע האָפענונג.

און, ווי ס'איז געווען דער פאַל מיט דעם גלגול פון דער ווילסאָן פּאָליטיק בנוגע דער „ליג אָוו ניישאָנס" און די אויסערלעכע באַציאונגען בכלל, וועלכע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים אין

האַרדינג'ס פּראָיעקטירטער „פּעלקער אַסאָסיאַציע" (די זעלבע יענטע אונטער אַ נייעם שלייער) אַזוי, ווייל אויך ניט פאַרבלייבן טויט די גיפטיקע שלאַנג פון פּאַלמעריזם ! די דאָזיקע גיפטיקע שלאַנג האָט איצט ווידער אויפגעהויבן איר מיאוס'ן קאָפּ, און איז געוואָרן דער אינספּירירנדער גייסט וועלכער באַהערשט אונדזער נייעם יוסטיץ מיניסטער הענרי דאָהערטי, דעם צוויט־קלאַסיקן „פּאָליטישן" פון דעם פּרעזידענט'ס אייגענעם סטייט אָהייאָ.

שוין אין זיין ערשטן אָפיציעלן באַריכט צום אַמעריקאַנעם קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן, אַנטפּלעקט מיסטער דאָהערטי אַן עכט פּאַלמערישע אימה פאַר אַ באַלדיקער „רעוואָלוציע" וואָס ווערט שוין איצט צוגעגרייט דאָ אין לאַנד פון „די אַגענטן פון דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל". אָט די דאָזיקע שפּיאָנען, וואָרנט דאָהערטי, פאַרשפּרייטן „פאַררעטערישע אידייען", וועלכע דרינגען איצט דורך דאָס לאַנד . . . דער נייער אַטאָרני דזשענעראַל וועלכער זעט „רויט" דורך די פּאַלמער ברילן, וועלכע ער האָט, אינאיינעם מיט זיין אַמט, גע'ירשנ'ט פון דער פאָריקער אַדמיניסטראַציע אין דעם „דעפּאַרט־מענט אָוו דזשאַסטיס", האָט די טעג, אין אַ רעדע אויף דער קאָנ־ווענשאָן פון דער „אַמעריקען באַר אַסאָסיאיישאָן", דעם אַדוואָ־קאַטן פאַרבאַנד, אַרויסגעבראַכט אַ מערקווירדיקן געדאַנק.

אין זיין רעדע דערקלערט דער יוסטיץ מיניסטער פון די פאַר־אייניקטע שטאַאטן אַז : „די פּערזענלעכע פרייהייטן זענען ניט קיין ענין פון געזעץ, נאָר אַן אָנשויאונג פון פּאָליטישער פילאָ־זאָפיע".

דאָס איז אַ נייע וואָרט, און עס קלינגט זייער מאָדנע ווען עס קומט פונ'ם מויל פון דעם העכסטן געזעץ־דורכפירנדן באַאמטן פון לאַנד. פון דעם הויפּט פון יענער אָפּטיילונג אין דער רעגירונג'ס מאַשין, וואָס האָט די אויפגאַבע צו זען, אַז די קאָנסטיטוציאָנעלע פּערזענלעכע רעכט פון דעם בירגער זאָלן אָפּגעהיט און באַשיצט ווערן.

מיר זענען געווען אונטער דעם איינדרוק, אַז די „נשמה פון די געזעצן" ווי מאָנטעסקיע וואָלט זיך אויסגעדריקט, איז די באַשיצונג פון מענטשלעכע רעכט. אַז די פערזענלעכע רעכט פון יעדן אַמעריקאַנעם בירגער האָבן זייער היסטאָרישן מקור אין דער באַרימטער „מאַגנאַ קאַרטאַ" פון ענגלאַנד, און זענען גאַראַנטירט ניט בלויז דורך דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן, נאָר אויך באַזונדערס אין דעם „ביל אָוו ראַיטס" און אין די אַרטיקעל קאָנסטיטוציעס פון די באַזונדערע שטאַאַטן אין לאַנד.

און דאָהערטי האַנדלט ווי ער רעדט. ער איז גאַנץ קאָנסעקווענט. דורך די מיטלען וועלכע ער ווענדעט איצט אָן אין דורכפירן דעם „פּראָהיבישאָן" געזעץ, ווערט געמאַכט אַ תל פון איינע פון די „עיקרים" פון דעם אַנגלאָ־זאַקסישן לעבנס־שטייגער. דאָס איז, דעם איינצעלנעם בירגער'ס רעכט צו זיין באַשיצט אין דעם אומגעשטערטן באַזיץ פון זיין וואוינונג. דעם בירגער'ס הויז איז צו אַלע צייטן באַטראַכט געוואָרן ווי זיין *Castle*, זיין שלאָס, זיין שוץ־אָרט, און רעגירונגען זענען מאַכטלאָז געווען אַריבערצוטרעטן דעם שוועל אָן אַ „וואַראַנט" פון דעם געזעץ.

אָפּגעזען פון אונזער אינדיווידועלער מיינונג און שטעלונג צו דעם איצטיקן פּראָהיבישאָן־געזעץ אַם און פאַר זיך, מוז אָבער פאַר יעדן קלאָר זיין, אַז אין די אומגעזעצלעכע מעטאָדן פון די מאַכט באַזיצער און דעה־זאָגער אין דער איצטיקער קאַמפּאַניע דורכצופירן דעם דאָזיקן געזעץ, לויערט אַ גרויס סכנה פאַר דער צוקונפט.

דורך אַטאָרני־דזשענעראַל דאָהערטי'ס פּאַלמער־מעטאָדן ווערט געשאַפן אַ געפערלעכער פּרעצעדענט. עס ווערט ברייט אויפגעעפנט אַ טיר פאַר כל־ערליי הויז זוכונגען!

היינט איז עס נאָכצוזוכן פאַרבאָרגענעם שנאַפּס, און מאָרגן קאָן עס ווערן צו זוכן און צו אַנטדעקן „אומלעגאַלע און רעוואָלוציאָנערע" ליטעראַטור.

און אפשר וועט זיך אינ'ם ניפּט בעבער געפינען אַ טראָפּן האָניק.

עס קען גריילעך זיין, אַז אַט די דאָזיקע גוואַלטזאַמע פּאַרלע־צונגען פון דעם בירגער'ס פּערזענלעכע רעכט, וועלן געטריבן ווערן ביז אַריבער'ן גרעניץ פון דעם וואונדערלעכן געדולד פון דעם אַמע־ריקאַנעם פּאָלק. דאָס פּאָלק וועט זיך אויפכאַפּן פון דרימל, און וועט דערזען אַז ביידע אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען, די דעמאָקראַ־טישע און די רעפּובליקאַנישע, זענען ניט מער ווי באַזונדערע אָגענ־טורן פון איין און דיזעלבע פירמע . . .

דורך הוילער נויט וועלן די מאַסן געטריבן ווערן צו זוכן נייע וועגן, און צום אָנשלום אָן די, וועלכע באַטראַכטן די פריי־הייטן און דאָס פּערזענלעכע רעכט פון דעם בירגער, ניט ווי אָב־סטראַקטע אָנשויאונגען, נאָר ווי קאַרדינאַלע פונדאַמענטן פון דעם געזעץ פון לעבן!

ווען יענער טאָג וועט קומען, וועט דער פּאָלמעריזם אויף איי־ביק פאַרשווינדן פון דער אַרענאַ פון אַמעריקאַנעם עפנטלעכן לעבן!

פון „די צייט", דעצעמבער 23טן, 1921

דעבס׳ לעצטע טעג אין טורמע

דריי וויכטיקע טעג. אָנגעפילט מיט פאַרשידנאַרטיקע שטי־מונגען און נערוון אָנגעשטריינגטע. פרייטיק, שבת און זונטיק, דעם 23טן, 24טן און 25טן דעצעמבער, 1921. היסטאָרישע טעג.

נאָך אַ ריי אַנטוישונגען האָט ענדלעך געטאָגט די צייט ווען יודזשין וויקטאָר דעבס איז אַרויסגעקומען פון דעם לעבעדיקן קבר, אין וועלכן די רעאַקציע האָט אים דריי לאַנגע יאָר געהאַלטן פאַר־שפּאַרט. דער מוטיקער באַנער־טרעגער פון אַמעריקאַנעם סאָציאַליזם איז ענדלעך צוריקגעקומען אין דער דרויסנדיקער לעבעדי־קער וועלט.

* * *

פרייטיק, דעם 23טן, אין דערפרי האָב איך זיך געטראָפן מיט טעאָדאָר דעבס׳ן, „דזשינס" איינציקער ברודער, וועלכער איז אויך געווען זיין לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר און אינטימסטער חבר. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל וואָס טעאָדאָר דעבס איז געקומען קיין אַטלאַנטאַ. מן הסתם האָט די פאַמיליע געקראָגן אַן אָפיציעלן וואונק פון די הויכע פענסטער . . . עס וואַקסט דער גלויבן און די איבער־צייגונג, אַז אונדזער דעבס וועט נאָך דעם זעלבן טאָג באַפרייט ווערן.

איינס אַזייגער נאָכמיטאָג קום איך אָן אין דער טורמע. אינווייניק, אין דעם מאַרמאָרנעם „פעדער־זאַל" פון דעם גרויסן אימפּאָזאַנטן „פעדעראַל פּריזאָן", זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַ גרופּע צייטונגס פאַרטרעטער, צווישן זיי אייניקע פון די סאַמע פּראָמינענטע צייטונגען אין לאַנד. זיי זענען ספּעציעל גע־שיקט געוואָרן קיין אַטלאַנטאַ, צו באַריכטן וועגן אַ פּאַסירונג אין וועלכע דאָס גאַנצע לאַנד איז געווען פאַראינטערעסירט. אייניקע פון זיי וואַרטן שוין פון באַגינען. די גענויע צייט פון דער באַ־

פרייאונג איז נאָך אומבאַשטימט. מען וויל אָבער ניט דורכלאָזן דעם מאָמענט ווען ער וועט קומען. מען „דערוויסט זיך", אַז „מען האָט" באַשטימט די צייט אויף אַ זייגער דריי ביימאָג. פון וואַשינגטאָן איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז צו יענער צייט וועט פרעזידענט האַרדינג אין וואַשינגטאָן אַרויסגעבן זיין אָפיציעלע אַנטשיידונג. פרייהייט אָדער ווייטער זיצן? די צוויי שטונדן האָבן זיך אָבער אויסגעצויגן אויף צוויי טעג, וועלכע האָבן פאַר אונדז אויסגעוויזן ווי צוויי לאַנגע יאָר . . .

* * *

ס'איז אָנגעקומען דעבס' ברודער. ער האָט פאַרבראַכט אַ צען מינוט צייט אין וואָרדנ'ס אָפיס און איז אַוועק. ס'איז נאָך ניטאָ קיין אָפיציעלע ידיעה פון וואַשינגטאָן, זאָגט ער אונדז. אַלעס איז נאָך אומבאַשטימט.

אַ פאָר מינוטן נאָך דריי דעם זייגער קומט אַריין אַ קאָלעגע „פון דרויסן" מיט די נייס, אַז פרעזידענט האַרדינג אין וואַשינגטאָן האָט „קאָמיוטירט" (פאַרקירצט) יודזשין דעבס טורמע טערמין.

אַ געפיל פון גרויס אַנטריסטונג נעמט אַרום פאַקטיש אַלע פאַרזאַמלטע צייטונג-לייט. מען קריטיקירט אָפן און שאַרף דעם פרעזידענט . . . ס'איז קליינלעך . . . ביליק . . . אַנשטאָט אַ פולשטענדיקע באַגנאַדיקונג, וועט זיין אַ פריילאָזן מיט אַ פאַרלוסט פון בירגער רעכט!

צווישן די פאַרזאַמלטע צייטונגס פאַרטרעטער זענען בלויז צוויי געווען אידייען-חברים פון דעבס'ן. מיין פריינד בן-ציון מיימאָן פון „פאָרווערטס", און איך, וועלכער האָב פאַרטראָטן אונדזער „צייט". און דאָך האָט מען געמעגט הערן ווי אידייעןקעגנער האָבן זיך מיט'ן גרעסטן רעספּעקט באַצויגן צו דער ליבטיקער פערזענלעכקייט.

נו, זאָל זיין אָן בירגער רעכט, אַבי מען זאָל אים שוין אַרויסלאָזן!

* * *

דער טאָג איז אַריבער. אין דער נאָרד, אין ניו־יאָרק און אַנ־דערס־וואו האָט מען זיך שוין געפרייט מיט דעבס באַפרייאונג. אָבער דאָ אין אַטלאַנטער פעדעראַלער טורמע איז ער נאָך גע־זעסן, אַ „נומער" צווישן טויזנדע אַנדערע „נומערן", און האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט. מיר, אין פאָדער־זאַל, האָבן געוואַרט און געוואַרט . . . און געוואַרט האָבן מיר ניט בלויז דעם גאַנצן טאָג פרייטיק, נאָר אויך דעם גאַנצן טאָג שבת ביז זונטיק האַלבן טאָג. און ערשט דאַן, האָט געשלאָגן די אמת'ן באַפרייאונגס שעה!

* * *

דער טאָג פרייטיק איז אַוועק. ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, און אונדז, צייטונגס־לייט האָט מען העפלעך „אויסגעשלאָסן" פון דער טורמע. די „מואווי" פאָטאָגראַפיסטן זענען זיך צעפאָרן אַנ־טוישטע.

עס פאַרשפרייט זיך אַ קלאַנג, דאָס אויב דעבס געפינט זיך נאָך אין אַטלאַנטאַ'ר טורמע, וועט מען אים ווארשיינלעך שפּעט אין דער נאַכט אין געהיים אַרויסשמוגלען, און אַרויפזעצן אויף אַ באַן, כדי אויסצומיידן עפנטלעכן אויפזען . . .

קלייבן מיר אויס אַ קאָמיטע צו „פּיקעטן" דעם פּריזאָן די גאַנצע נאַכט.

* * *

שבת אין דערפרי זענען מיר שוין ווידער געווען „אַם פּלאַץ". אָבער אויך דער גאַנצער טאָג שבת איז פאַראיבער אין בלויז אַנ־געשטריינגטע וואַרטעניש. שבת אָוונט איז ענדלעך אָנגעקומען די אָפיציעלע ידיעה, אַז דעבס' טורמע טערמין וועט זיך פאַרענדיקן אין דעם טאָג פון „קריסטמעס", זונטיק.

* * *

ענדלעך איז אָנגעקומען דער גענאַרטער זונטיק. פאַרטאָג זענען מיר שוין געווען ביים דרויסן טויער פון טורמע. ביסלעכוויין האָט זיך אונדזער צאָל פאַרגרעסערט. עס זענען שוין אויך אָנגע־

קומען די צייטונגס און „מואווי„ פאָטאָגראַפיסטן. היינט לאָזט מען שוין ניט אַריין אינווייניק. דער וואָרדן האָט שטרייִנג פאַרבאָטן די צייטונגס לייט אפילו נאָענט צוקומען צום „פריזאָן רעזער־ווישאָן״.

מען איז אַנטריסטעט, פאַרביטערט קעגן דעם וואָרדן. אָבער וואָס קאָן מען זיך העלפן?

וואַרטן מיר פון דערווייטנס. ס׳איז געווען אַ גאַנץ קאַלטער פרימאָרגן. דער באַגריף „זוניקע סאַוט״ איז נעלם געוואָרן . . . מיר שטייען האַלב פאַרפרוירענע, הונגעריקע, ניט דערשלאָפענע. אָבער ווען מען אַרט אַזעלכע קליינִיקייטן אין אַזאַ צייט?

ענדלעך עפנט זיך די טורמע־טיר און עס באַווייזט זיך פון דערווייטנס אַ הויכע דאַרע פיגור. עס דערהערן זיך הורא־געשרייען, נאָכגעפאָלגט פון אַ געיעג פון אויטאָמאָבילן.

יאָ, ס׳איז געווען דעבס, אָבער ניט יודזשין. ס׳איז גאָר געווען זיין ברודער טעאָדאָר, וועלכער האָט גרויס ענלעכקייט צו זיין באַרימטן ברודער. אים האָט מען דאָס אָפּגעפירט אין דער ריכטונג פון שטאָט. (דער פעדעראַלער פריזאָן אין אַטלאַנטאַ געפינט זיך אַ ביסל אויסן שטאָט). די מערסטע און פראָמינענטסטע צייטונגס פאַרטרעטער זענען בליץ שנעל נאָכגעפאָרן דעם פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל, צו קענען „כאַפּן״ אַ געשפּרעך מיט דעבס׳ן ביים באַן סטאַנציע . . . ס׳איז ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען, אַז דאָס שמוגלט מען אַרויס יודזשין דעבס׳ן . . .

איך, אונדזער הארציקער און אַקטיווער אַטלאַנטאַ׳ר פאַר־באַנד־טוער, חבר אברהם צענקער, גענאָסע פיינבערג פון׳ם איד. סאָצ. פאַרבאַנד, אייניקע אָרטיקע אַטלאַנטאַ׳ר צייטונגס לייט, און אַ פּאָר מואווי פאָטאָגראַפיסטן זענען פאַרבליבן אין פראָנט פון פריזאָן. אונדז האָט אָבער אַרומגעכאַפּט אַן אומהיימלעכער געפיל דאָס אונדזער וואַרטן איז אַן אומזיסטער . . . אַז מיר וועלן אונדזער באַליבטן יודזשין דעבס׳ן דאָ אין אַטלאַנטאַ מער ניט זען . . .

אָבער מיר האָבן געוואַרט, און מיר זענען געווען מזל'דיק. מיר האָבן זיך פּאַרט דערוואַרט צו דעם שיינעם קלימאַקס, צו זעלטן דערהויבנדע מאָמענטן, און צו אַ דורכלעבונג וועלכע מיר וועלן ניט פאַרגעסן אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבן . . .

* * *

אַרום עלף דעם זייגער פאַר מיטאָג, קומט אַרויס דער גע־הילפס וואַרדן פלעטשער, און זאָגט אונדז, אַז דער וואַרדן וועט דערלויבן אַ גרופּע צייטונגס־לייט אַריינצוקומען אין פּריזאָן זיך זען מיט דעבס'ן, בתנאי, אַז מען זאָל אפילו ניט פּרובירן אים „אינטערוויוען". די רעגירונג האָט עס שטרייננג פאַרבאָטן.

גייען מיר, די גליקלעכע, אַריין אין טורמע, וואו עס באַגעגנט אונדז ביים טיר דער הויפּט וואַרדן מר. דייקס. ער פירט אונדז צוערשט אַריין אין דעם ריזיקן עס־צימער, אָנצוקוקן די שיינע קריסטמעס דעקאָראַציעס, וועלכע די פּריזאָנערס האָבן אַליין גע־מאַכט.

דערנאָך פירט ער אונדז צו, צו זיין פּריוואַטן אָפיס און עפנט די טיר. און ווי אַ שטראָם ליכט האָט יעדן פון אונדז אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. אונדזער טייערער ליבער דעבס אַליין, שוין אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, האָט אונדז באַגעגנט. גע־עלטערט, אַ ביסל מער געבויגן, און מיט גאַנץ בולט'ע סימנים פון דעם לאַנגן טורמע לעבן. אָבער מיט דעם זעלבן וואויל־באַקאַנטן יוגנטלעכן פייערל אין די אויגן, און מיט דעם וואונדערלעכן האַרציק זיסן שמייכל זיינעם, אויסגעגאָסן איבער זיין אָפּגעצערט געזיכט. ער גריסט אונדז האַרציק, דריקט די האַנט יעדן איינעם, האָט אַ וואָרט פאַר יעדן.

אונטער דעם רעזשים פון דעם פריערדיקן ליבעראַלן הויפּט־וואַרדן, מר. זערבסט, איז מיר פערזענלעך (וואוינענדיק צו יענער צייט אַ וויילע אין אַטלאַנטאַ), אויסגעקומען זיך זען אַ פּאָר מאָל מיט דעבס'ן, ווען איך האָב באַזוכט אין טורמע. מיר זענען באַפריינדעט געוואָרן, און אין אַ פּאָר קורצע געשפּרעכן, און דערנאָך

שריפטלעך, האָב איך אים אינפאָרמירט וועגן אונדזער באַוועגונג און וועגן דער סאָציאַליסטישער אויפבוי ווערק אין ארץ ישראל, אין וועלכער דעבס האָט ארויסגעוויזן חבר׳שן אינטערעס. אייניקע מאָל, דורך מיר דירעקט, און שפּעטער, ווען דער טורמע רעזשים איז שטרייגער געוואָרן, אינדירעקט, דורך זיין ברודער טעאָדאָר׳ן, האָט ער צוגעשיקט שריפטלעכע באַגריסונגען צו „די צייט" און צו אונדזער רעדאַקטאָר חבר דוד פּינסקי פּערזענלעך.

גיב איך אים שטילערהייט און געאײַלט אַ פרעג, צי האָט ער ניט אַ וואָרט פאַר אונדז. זאָגט ער, אויך געאײַלטערהייט, און אין אַ שטילן אינטימען טאָן: „גיט איבער מיין האַרצלעכן גרוס צו אַלע חברים" — מער טאָר ער איצט ניט זאָגן. ער איז נאָך געבונדן. זיין מויל איז געשלאָסן. ער געפינט זיך נאָך אונטערן ריגל פון רעגירונגס צוואַנג. און ער האָט געגעבן זיין וואָרט ניט צו מאַכן וועלכן ניט איז פּאָרמעלן „סטייטמענט" אין אַטלאַנטאַ.

* * *

מיר גייען אַרויס. און כמעט ווי אין דערזעלבער רגע עפנט זיך ווידער אויף הינטער אונדז די גרויסע אייזערנע דרויסן-טיר פון טורמע, און יודזשין דעבס, אָנגעטאָן אין אַן אויבער-ראָק, קומט אַרויס באַגלייטעט פון וואַרדן.

לאָזן מיר זיך אַלע איניינעם צום דרויסן טויער. ס׳איז אַ לענגלעכער וועג. און מיט אַמאָל דערהערן מיר הינטער זיך אַ מעכטיקן אויסגעשריי פון פרייד און הורא-אויסרופן.

יודזשין דעבס קערט זיך אום מיט׳ן פּנים צו דער טורמע, פון וואַנען די דאָזיקע אָוואַציעס זענען געקומען. פאַרגעסן און איגנאָרירט זענען געוואָרן טורמע רעגולאַציעס. די נאָענט צו דרייטויזנט אַרעסטאַנטן האָבן, פון הינטער די שטאָלענע גראַטעס, פון אַהינטער די, ווען ס׳איז געלונגען אַרויסצובליקן פון די פענסטער, אַרויסגעשריען צו דעבס׳ן זייער „זיי-געזונט", און האָבן געגעבן אַזאַ שטאַרקן אויסדרוק צו זייערע געפילן פון ליבע און פאַרערונג צו אים . . . זייערע קולות האָבן ווי דורכגעדרונגען די דיקע שטיי-

נערנע וועגט, און האָבן זיך צעטראָגן ווייט, ווייט, איבער די אַרו־מיקע פעלדער.

טרערן האָבן געפינקלט אין דעבס׳ אויגן. די פאַר׳משפּט׳ע אַרעסטאַנטן, ווייסע און שוואַרצע, האָבן אַלע אים ליב באַקומען. זיי זיינען גרייט געווען צו יעדער צייט פאַר אים זיך מקריב זיין, ווייל אין לויף פון די דריי יאָר פון זיין אַנוועזנהייט צווישן זיי האָבן זיי אין אים געפונען אַ געטרייען פאָטער, אַ ליבנדן און מיטפילנדן ברודער, אַ טרייסטער, אַ דערציער און אַ דערמוטיקער.

אין דער ערשטער שעה פון זיין באַפרייאונג, נאָך אינ׳ם וואָרדנ׳ס אָפיס, און דערנאָך ווידערהאָלט אויפ׳ן וואָקזאַל — האָט אונדז דעבס געזאָגט, אַז זיינע פלענער זענען אומבאַשטימטע: „איך ווייס ניט. ס׳קען זיין, אַז די טורמע וועט מיר אײַנגיכן ווידער רופן, וועל איך דאָרט פילן ווי ביי זיך אין דער היים״ . . .

* * *

ביים דרויסן־טויער רינגלען אים אַרום די פאָטאָגראַפיסטן. ער פאָזירט פאַר זיי גוטמוטיק. דער וואָרדן שטייט דערביי הילפ־לאָז. עס לויפן צו אייניקע קינדערלעך צו דעבס׳ן. ער הויבט זיי אויף איינציקווייז, דריקט זיי צו צו זיך, און קושט זיי. ער גריסט און צעקושט זיך מיט אייניקע באַקענטע חברים און פריינד.

דער אויטאָמאָביל אין וועלכן מיר זענען נאָכגעפאָרן דעבס׳ן מיט׳ן וואָרדן, האָט איז דעם דאָזיקן „ראַיד״ זיכער איבערגעטראָטן אַלע „ספּיד לימיטס״. מיר האָבן געמאַכט אַן אומוועג, און זענען אָנגעקומען צום סטיישאָן פאַר דעבס׳ן.

דאָרט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט די מערסטע צייטונגס־לייט, צווישן זיי, דעבס׳ ברודער טעאָדאָר, קאַרסנער פון ניו־יאָרקער „קאָל״ און די געגאַסינע סיליע ראָטטער פון שיקאַגאָ, די אומדער־מידלעכע אַרבעטערין פאַר אַמנעסטי, סעקרעטערין פון דער שיקאַ־גאָ׳ר „דעבס דעפענס קאָמיטע״. געאיילטערהייט דערציילט איך זיי וועגן דעם וואָס ס׳איז פאָרגעקומען ביים טורמע בשעת עס האָבן

זיך פאר דעבס׳ן אויפגעעפנט די תפיסה־טויערן. און דא קומט אן דער אויטאמאביל וואס האט צוגעבראכט דעבס׳ן מיט׳ן װארדן. דעבס שטייגט ארויס דער ערשטער, דערנאך דער װארדן מיסטער דייקס. א גרויסער עולם רינגלט ארום דעבס׳ן. ער געזעגנט זיך און דריקט די הענט װעלכע מען שטרעקט אויס צו אים פון אלע זייטן. די מינוטן פליען. דער באן קיין װאשינגטאן דארף אין גיכן אפפארן. מען דרענגט זיך צו נעענטער, יעדער איינער װיל כאטש אנקוקן דעם פנים פון דעם בראװן אלטן קעמפער. אויך זייטיקע מענטשן פון אלע קלאסן, װעלכע האבן זיך צו יענער צייט געפונען אין אדער ארום דעם „טוירמינעל״ באן־סטאנציע אין אטלאנטא, שטופן זיך װאס נעענטער. יעדער איינער, דער רייך־גע־קליידעטער דזשענטלמאן, װי דער ארבעטער אין אװעראלס, און דער שװארצער פעקל טרעגער, אלע װילן דריקן זיין האנט, און יעדער װיל צו אים אויסדריקן רעספעקט און אנערקענונג.

* * *

די פעדעראלע רעגירונג באזארגט יעדן באפרייטן ארעסטאנט פון א פעדעראלער טורמע, מיט א באן־בילעט, און מיט פינף דאלער מזומן־געלט, אויף אנהויבן פון דאס ניי זייער לעבן װן פרייע מענטשן.

פון מאטעריעלן שטאנדפונקט, איז דעבס בוכשטעבלעך ארים. געלט־לאז אין פשוט׳סטן זין פון װארט. פונדעסטװעגן, אנשטאט דעם „פולמאן״ װאגאן מיט א שלאף־בעטל צו װעלכן ער איז בא־רעכטיקט, קויפט ער א בילעט אין א „דעי קאוטש״, און גיט דאס רעשט פאר׳ן פאנד פון די ליידנדע פון דעם דאמאלטדיקן הונגער אין רוסלאנד. די פינף דאלער גיט ער אװעק צו דעם סאקא און װאנזעטי פארטיידיקונגס פאנד. אליין בלייבט ער װידער מיט ליידיקע קעשענעס. אט דאס איז יודזשין דעבס! צוליב װאס דארף דען דעבס געלט? ער פארמאגט דאך אין פולער מאס, דאס װאס אלע ראקעפעלער׳ס מיליאנען קאנען ניט קויפן, — די אומבאגרע־ניצטע ליבע און רעספעקט פון די ליידנדע פאלקס מאסן, פון די

דערנידעריקטע און די באַליידיקטע, וועמעס אינטערעסן ער דינט שוין העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

יעדער וועלכער קומט נאָר אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דעבס׳ן קאָן ניט אַנדערש ווי אים ליב באַקומען.

נאָענטע פריינט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציאָנערקע און אַנאַרכיסטקע, די העלדין פון דער פּאַריזער קאָמונע פון יאָר 1871, לואיזע מישעל, פלעגן זי, צוליב איר מערקווירדיקער גוטסקייט, אָנגערופן די קריסטין אָן אַ קירכע. ענלעכעס קאָן געזאָגט ווערן וועגן דעבס׳ן. פון זיין ליכטיק פנים האָט צו יעדער צייט אַרויסגעשיינט די אינערלעכע, איינגעבוירענע מענטשנליבע און גוטסקייט. אויב עמיצער האָט אין פולער מאָס מקיים געווען די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך" — איז עס געווען יודזשין דעבס. אויב אויף עמיצן האָט זיך אָנגעפּאַסט דער טיטול „אַלטרואיסט", אויב אַ מענטש איז געווען אינגאַנצן פריי פון זעלבסטגייציקייט, איז עס געווען אָט דער דאָזיקער גרויסער עניו — דער אַמעריקאַנער אַפּאָסטאָל פון פרידן און פרייהייט!

און דער אַטאָרני־דזשענעראַל, דער איצטיקער יוסטיץ מיניס־טער פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן, הערי דאָהערטי, אַן אָנ־געזעענער מיטגליד פון דער טרויעריק באַרימטער „אָהייאָ גענג", אַ פּאַרשוין וועלכער איז אומווירדיק צו פאַרבינדן דעבס׳ שיך־בענדלעך, גיט אַרויס אַן אָפיציעלע דערקלערונג, אין וועלכע ער וואָרנט יודזשין וו. דעבס׳ן, אַז ער זאָל ניט אויסנוצן לטובת זיינע אייגענע „קעשענע אינטערעסן", די „באַרימטקייט" וועלכע ער האָט זיך לעצטנס דערוואָרבן, מיט דעם פאַרשפּאַרט זיין אין דער אַטלאַנטאַ׳ר טורמע . . .

ווי קליינלעך מוז דאָס זיין אָט דער דאָזיקער הויכער רעגי־רונגס באַאַמטער, אַזוי צו רעדן וועגן דער ליכטיקסטער פּערזענ־לעכקייט אין אַמעריקע!

ווען דעבס מיט זיינע גלענצנדע אָראַטאָרישע און זשורנאַליס־טישע פעאיקייטן, און מיט זיין אומפּארגלייכבארן פערזענלעכן מאגנעטיזם, וואָלט געדינט „וואָל־סטריט" און דעם קאפּיטאַליסטישן קלאַס אין לאַנד, וואָלט ער שוין לאַנג דערגרייכט דעם פּרעזידענט אַמט, און מעגלעך אַן גרויס שווערקייט . . .

* * *

האַלב נאָך צוועלף איז אָפּגעפאָרן דער באַן מיט דעבס׳ן. מיר זענען אַ ווייל נאָך געשטאַנען ווי בארוישטע, ווי פאַר׳שכור׳ט פון גרויס נשמה פרייד, און דאַן — צום טעלעגראַף, איבערצוגעבן, וואָס אַ שנעלסטן, צו די לייענער פון די „צייט", די איינצלהייטן פון דעבס׳ באפרייאונג.

די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן פון אַטלאַנטאַ. זי וועט איצט זיך פארשפרייטן איבער׳ן גאַנצן לאַנד; ווייל די שטימע פון דעם אַלטן פרייהייטס קעמפער וועט זיך באַלד ווידער דערהערן איבער דער לייגג און ברייט פון די פאראייניקטע שטאַטן, אויף דאָס ניי רופנדיק צום קאַמף פאַר אַ נייער וועלט.

פון „די צייט", 30טן דעצעמבער, 1921

דריטע אָפּטיילונג

ליכטיקע אַמעריקאַנער פיגורן

פיר פרייהייטס-פּיאָנערן



דזשאָן בראַון

1800-1859

דזשאָן בראַון

1

די פּאָר צענדליק יאָר פאַר דעם אויסברוך פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער בירגער־קריג אין יאָר 1861, זענען געווען די סאַמע שטורמדיקסטע אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון נאָרד אַמעריקע.

דאָס זענען געווען יאָרן אָנגעפּילט מיט ביטערע קאַמפן אין דער פּאָליטישער אַרענאַ פון דער רעפּובליק, מיט בלוטיקע פיזישע צוזאַמענשטויסן צווישן די שקלאַפנהאַלטער מיט זייערע סימפּאַטיקער פון איין זייט, און די „אַבאָליציאָניסטן" די פאַנאַ־טישע שונאים פון נעגער שקלאַפעריי פון דער צווייטער. די לעצטע זענען באַזונדערס געווען איינפלוסרייך אין דער „נאָרד" און אין די נייסטע קאָלאָניזאַציאָנס פונקטן אין דער מיטל־וועסט. זיי זענען אָרגאַניזירט געווען אין פאַראיינען וועלכע האָבן זיך אונטערגענו־מען צו קעמפן ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט, אויב ס'וועט נויטיק זיין, און אונטער קיינע אומשטענדן ניט אויפגעבן דעם קאַמף ביז וואַנען דער פלעק פון נעגער שקלאַפעריי וועט אינגאַנצן אָפּגע־ווישט ווערן פון דעם אַמעריקאַנעם באָדן.

יענע יאָרן שטעלן מיט זיך פאָר די „שטורעם און דראַנג" פעריאָדע אין דער ביז איצטיקער געשיכטע פון דעם אַמעריקאַנעם פאָלק.

די באַוועגונג אָפּצושאַפן נעגער שקלאַפעריי אין אַמעריקע, די „אבאליציאָנס" באַוועגונג, (דער נאָמען קומט פון דעם ענגלישן וואָרט „אבאָליש", אָפּשאַפן) האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ צאָל מוטיקע פרייהייטס קעמפער. מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום שוועריקייט אָדער פערזענלעכן אָפּפער, אבי צו דערגרייכן זייער ציל. די באַוועגונג האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען און האָט זיך פענאַנדערגעוואַקסן אין די יאָרן איידער דער גרויסער באַפרייער־פרעזידענט אייבראַהאַם לינקאָלן האָט באַוויזן צו דערגרייכן דעם פאָדערגרונד פון עפנטלעכן לעבן

אין די פּאַראייניקטע שטאַאַטן. און אין סאַמן צענטער פון דעם אוואַנגאַרד פון די אַבאָליציאָניסטן־קעמפּער, שטייט די ליכטיקע געשטאַלט פון דעם מערקווירדיקן אידעאַליסט און אַלטרואיסט, דער וואונדערלעכער העלד דזשאָן בראַון, דער אַלטער, גרייז־גרויער שונא פון שקלאַפערײ—„אָלד דזשאָן בראַון פון קענזעס״—וועלכער האָט מיט זיין וואַגנדן אַקט אין הערבסט פון יאָר 1859, עלעקטריזירט דאָס גאַנצע לאַנד, און אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער ציוויליזירטער וועלט.

דאָס איז געווען זיין באַרימטע וואַגנדע אַטאַקע אויף דעם רעגירונג׳ס אַרסענאַל ביי האַרפּערס פערי אין ווירדזשיניע. (איצט וועסט־ווירדזשיניע). דער דאָזיקער אַקט האָט אינטענסיווער געמאַכט דעם גרויסן און ביטערן קאָנפליקט צווישן די שטאַאַטן פון דער נאָרד און פון דער סאַוט, און האָט פאַרשנעלערט דעם אויסברוך פון דעם לאַנגן און בלוטיקן ברודער קריג. דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג פון די זעכציקער יאָרן האָט אָנגעהאַלטן פיר יאָר צייט, האָט אָפּגעקאָסט העכער אַ האַלבן מיליאָן מענטשן־לעבנס, און האָט שליסלעך געפירט צו דער פולשטענדיקער אָפּשאַפונג פון נעגער שקלאַפערײ אויף׳ן נאָרד אַמעריקאַנעם קאָנטינענט.

ווער און וואָס פאַר אַ מענטש איז געווען דער דאָזיקער דזשאָן בראַון, וועמעס נאָמען איז געוואָרן אַ סימבאָל אין קאַמף פאַר פרייהייט, און וועלכער איז פאַרבליבן איינער פון די ליכטיקסטע גייסטער אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט?

איידער מיר טרעטן־צו צו דזשאָן בראַון און צו זיין צייט איז נויטיק אַ קורצער איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון די שקלאַפן און דעם שקלאַפן סיסטעם, ווי אויך פון די אַנטקעגנגעזעצטע אינטערעסן פון די שקלאַפן שטאַאַטן און די פרייע שטאַאַטן אין לויף פון די עטלעכע־און־זיבעציק יאָר וועלכע זענען פאַרלאָפן פון דער צייט ווען די דרייצן ענגלישע קאָלאָניעס אין נאָרד־אַמעריקע, אונטער דער פירערשאַפט פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, טאָ־

מאַס דזשעפערסאָן, בענדזשאַמין פראַנקלין און זייערע קאָלעגן, האָבן רעוואָלטירט קעגן דער „מוטער״־מדינה ענגלאַנד, און זענען געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מדינה.

די רעוואָלוציאָנערע לאָזונג, אַז אַלע מענטשן זענען פריי און גלייכבאַרעכטיקט, איז פון דער נייער אַמעריקאַנער רעגירונג אָנגע־ווענדעט געוואָרן בלויז אויף די ווייס־הויטיקע. די נעגער שקלאַפן, וועמעס צאָל אין לאַנד האָט געהאַלטן אין איין שטייגן פון יענעם טאָג אין דעם יאָר 1617, ווען אַ האָלענדישע שיף האָט געבראַכט דעם ערשטן טראַנספּאָרט געפאַנגענע שקלאַפן פון אַפריקע, — זענען אויך נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון 1776 פאַרבליבן אויסער׳ן געזעץ. דער געזעץ האָט באַטראַכט דעם נעגער ניט חשוב׳ער ווי וועלכן ניט איז אַנדער שטיקל פּערזענלעכן אייגנטום פון זיין בעל הבית. דער אייגנטימער פון שקלאַף האָט מיט אים געקאָנט טאָן אַלץ וואָס זיין האַרץ האָט געגלוסט.

מיט דער ליכטיקער אויסנאַם פון דעם גרויסן דעמאָקראַט און מענטשן־פריינד טאָמאַס דזשעפערסאָן, דער מחבר פון דער אַמעריקאַנער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט״, וועלכער האָט פרייוויליק באַפרייט זיינע שקלאַפן און האָט געזוכט וועגן און מיטלען ווי אַזוי אויף אַ הומאַניטערן אופן צו לעזן דעם גאַנצן פּראָבלעם פון נעגער שקלאַפעריי, — זענען די וויכטיקסטע פירער פון דער רעוואָלוציע פון 1776 פאַרבליבן שקלאַפן־האַלטער. די רייכע פּלאַנטאַטאָרן און שקלאַפן אייגנטימער פון דער סאַוט האָבן גאַנץ גוט געוואוסט ווי אַזוי צו שיצן זייערע אייגענע עקאָנאָמישע אינ־טערעסן און פּריווילעגירטע פּאָזיציעס. איבער אַ משך פון זיבעציק יאָר האָבן זיי אויסגעאיבט אַ דאָמינירנדן איינפלוס אין דער רע־גירונג אין וואַשינגטאָן, שוין ניט רעדנדיק פון זייער אַבסאָלוטן קאָנטראָל פון די אָרטיקע סטייט רעגירונג אין דער סאַוט. זיי האָבן דערפאָלגרייך אָפּגעוואָרפן יעדן פאַרזוך מצד די ליבעראַלע פאָרשטייער אין קאָנגרעס פון דער אינדוסטריעל זיך אַנטוויקלענ־

דער „נאָרד", צו באַגרעניצן זייער מאַכט און אָפּשטעלן דעם ווייטערדיקן אימפּאָרט פון נייע שקלאַפן.

וואָס מער עס איז געוואַקסן דער אינלאַנדישער געברויך און דער אויסלאַנדישער עקספּאָרט פון אַמעריקאַנעם קאַטאַן, אַלץ מער האָט מען זיך גענויטיקט אין נייע שטרעקעס לאַנד אויף אויסצושפּרייטן די פּלאַנטאַציעס און פאַרגרעסערן די שקלאַפן־טעריטאָריע. פאַר די זידלעכע פּלאַנטאַטאָרן איז די אינסטיטוציע פון מענטשלעכער שקלאַפעריי געוואָרן מער און מער פּראָפיטאַבל. זייערע פאַרדינסטן און פּראָפיטן האָבן געהאַלטן אין איין שטייגן. פון דעם יאָר 1810 ביז'ן יאָר 1825, האָט די יערלעכע פּראָדוקציע פון קאַטאַן אין נאָרד אַמעריקע, זיך אַ הויב געטאָן פון פינף־און־זיבציק מיליאָן פונט ביז דריי הונדערט פינף־און־צוואַנציק מיליאָן פונט. כמעט זיך פאַרפינפאַכט אין פופצן יאָר צייט.

פאַר דער פאַרגרעסערטער קאַטאַן פּראָדוקציע האָבן זיך געעפנט נייע אויסברייטונג מעגלעכקייטן אין דעם יאָר 1803, ווען פּרעזידענט דזשעפערסאָן האָט פון פראַנקרייך אָפּגעקויפט די ריזיקע לואיזיאַנאַ טעריטאָריע. אַזוי גרויס איז געווען דער שטח פון דער נייער טעריטאָריע, אַז פון דעם זענען שפּעטער אויסגעטיילט געוואָרן פערצן נייע סטייטס. מיט זעכצן יאָר שפּעטער, אין 1819, איז די טעריטאָריע פלאָרידע אָפּגעקויפט געוואָרן פון שפּאַניען, און שפּעטער, ווי אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה מיט מעקסיקאָ איז אויך צוגעקומען דער איצטיקער סטייט טעקסאַס. דערמיט האָבן זיך געעפנט נייע ברייטע שטחים פאַר קאָלאָניזאַציע. גלייכצייטיק האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דער ביטערער און פאַרביסענער קאַמף צווישן דער אינדוסטריעלער נאָרד, וואו עס האָט זיך צו דער דאָזיקער צייט גענומען מער און מער פאַרשפּרייטן דער אַבאָליציאָניזם, און דער אַגריקולטורעלער סאַוט, איבער דער פאַרשאַרפנדער שטרייט־פראַגע: זאָלן די נייע שטאַאַטן פון די נייע טעריטאָריעס אַריינקומען אין דער פעדעראַלער פאַראייניקונג ווי פון אַנהויב אָן ווי אַנערקאַנטע „לעגאַלע" שקלאַפן סטייטס אָדער פרייע שטאַאַטן?

די מערסטע צייט ביי די זיצונגען פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן סיי אין רעפּרעזענטאַנטן הויז, סיי אינ'ם יוניטעד סטייטס סענאַט, איז געווידמעט געוואָרן אַט דעם דאָזיקן ביטערן קאַמף צווישן די אָנהענגער פון פרייער אַרבעט און די פּאַרטיידי־קער פון נעגער שקלאַפעריי. קאַמפן, קאָמפּראָמיסן און ווייטערע שטרייטן. די אַפּאָלאָגעטן פון דעם שקלאַפן־סיסטעם וועלכע האָבן באַוויזן דעם קונץ אַפילו פון די הייליקע שריפטן אַרויסטייטשן אַז שקלאַפעריי איז כשר, זענען גאַנץ איינפלוסרייך געווען אין דער פעדעראַלער רעגירונג. קאַבינעט מיניסטאָרן און אויך פּרע־זידענטן האָבן מטהר געווען דעם שרץ צוליב דער הייליקער אומ־באַרירבאַרער רעכט פון פּריוואַט אייגנטום . . .

אין דעם יאָר 1845 איז די גרויסע טעריטאָריע טעקסאַס אַנעקסירט געוואָרן און איז אַריין ווי אַ שקלאַפן־סטייט. דאָס האָט איבערגעוואויגן דעם וואָג־שאָל אויף דער זידלעכער זייט, פון דער אַנדער זייט, האָבן די אַנטי־שקלאַפעריי עלעמענטן אין לאַנד פאַרצייכנט אַ זיג ווען קאַליפאָרניע איז אַריין ווי אַ פרייער סטייט וואו נעגער שקלאַפעריי איז פון אָנהויב אָן פאַרבאָטן געוואָרן.

דער אַריינטריט פון קאַליפאָרניע ווי אַ פרייער סטייט איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם באַרימטן „מיזורי קאָמפּראָמיס" פון דעם יאָר 1850, לויט וועלכן די שקלאַפן אייגנטימער האָבן גע־וואונען דאָס רעכט איינצופונדרעווען דעם שקלאַפן־סיסטעם אין די ניי־צוגעקומענע געגנטן וועלכע זענען געלעגן צו דער מזרח זייט פון קאַליפאָרניע.

די סאָוט האָט צו דער דאָזיקער צייט געוואונען נאָך אַ באַ־דייטנדן נצחון. דאָס איז געווען ווען דער קאָנגרעס אין וואַשינג־טאָן האָט אָנגענומען ווי אַ געזעץ דעם טרויעריק באַרימטן „פיודזשעטיוו סלעיוו עקט". דער נייער געזעץ האָט דעם שקלאַפן־אייגנטימער געגעבן דאָס רעכט צו פעדעראַלער הילף אין זיינע באַמיאונגען צוריקצוקריגן אין זיינע הענט שקלאַפן וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דער סאָוט און אָנצוקומען אין אַ

פרייען סטייט, וואו אַן אַנטלאָפענער שקלאַף איז ביז צו יענער צייט געווען פריי און אומדערגרייכבאַר.

קעגן אָט דעם אוממענטשלעכן געזעץ, וועלכן דער יוניטעד סטייטס סופרים קאורט האָט דערקלערט ווי כשר און קאָנסטיטוציאָנעל אין דעם היסטאָריש־געוואָרענעם אַנטשיידונג אין דער פאַל פון דעם נעגער „דרעד סקאָט", האָבן ביטער פּראָטעסטירט די אַנטי־סלעיווערי עלעמענטן אין דער נאָרד און מיטל־וועסט. די עקסטרעמערע, מער וואַגנדע צווישן זיי, אָנגעפירט פון דזשאָן בראַון, האָבן איינגעפירט די געהיימע אינסטיטוציע וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „די אַנדערגראַונד רעילוויי" (דער געהיימער, אונטערערדישער וועג), וואָס האָט פאַרגרינגערט דעם דורכגאַנג פון יענע שקלאַפן, וועמען ס'איז געלונגען זיך אַרויסרייסן פון זידלעכן גהינם צו פרייער טעריטאָריע. בראַון מיט זיינע חברים האָבן זיי געהאָלפן בעיקר צו דערגרייכן קאַנאַדע, וואו זיי האָבן אונטער דעם פלאַג פון דער בריטישער מאָנאַרכיע געפונען די פרייהייט און מענטשלעכע חשיבות וועלכע מען האָט פון זיי געראַבעוועט אין דער רעפּובליק פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער לאַנגער פאַרביטערטער קאַמף צווישן די פּראָ און אַנטי שקלאַפעריי מחנות האָט דערגרייכט אַ הויך־פּונקט אין די בלוטיקע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן פון דעם בירגער־קריג אין קענזאַס אין די יאָרן 1855, 1856 און 1857. אין יענע יאָרן האָבן די שקלאַפן אייגנטימער פון איין זייט, און די פריי־שטאַט קאָלאָניסטן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דזשאָן בראַון פון דער אַנדער זייט, אָנגעפירט אַ פאַרביטערטן עקסטרעמען לעבן־אָדער־טויט קאַמף פאַר קאָנטראָל איבער דער טעריטאָריע. די בלוטיקע קאַמפן אין קענזאַס זענען געווען דער פאַרשפּיל צו דעם גרויסן אַמעריקאַנעם בירגער־קריג, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די גאַנצע סאַוט און אויך אַ טייל פון דער נאָרד, פון פלאָרידע ביז פענסילווייניע, אין איין ריזיק גרויסן שלאַכט פעלד. און איצט — וועגן דעם מערקווירדיקן העלד דזשאָן בראַון, דער פאַנאַטישער שונא פון מענטשלעכער קנעכט־

שאַפט, און ווענן זיין גרויסן ביישטייער צום קאַמף וואָס האָט גע־פירט צו דער אָפּשאַפונג פון נעגער שקלאַפעריי אין די פאַר־איייניקטע שטאַטן.

2

דזשאָן בראַון, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דעם ניינטן מאַי פון יאָר 1800, אין טאָרינגטאָן, קאָנעקטיקוט, איז געווען אַן עכ־טער „יענקי", אַן אַמעריקאַנער פון דור דורות. זיין עלטער־זיידע, פעטער בראַון, איז געווען איינער פון די בארימטע און באַזונגענע „פּילגרים פאָדערס" די ערשטע ענגלישע פּיאָנערן, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע אין דעם יאָר 1620 אויף דער היסטאָריש־באַרימטער שיף די „מעיפלאַוער".

זיין זיידע, דזשאָן בראַון, נאָך וועמען מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן, האָט זיך באַטייליקט אין קאַמף פאַר אַמעריקאַנער פרייי־הייט, און האָט פאַרלוירן זיין לעבן דינענדיק אין דער אַרמיי פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן. זיין זיידע פון דער מוטער'ס צד, איז אויך געווען אַ סאָלדאַט אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. אַזוי אַרום האָט דער צוקונפטיקער פרייהייטס קעמפער באַקומען בירושה זיין ליבע צו פרייהייט און זיין אומבאַגרעניצטן האַס צו שקלאַפעריי, אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אים אין לויף פון זיין קאַריערע, מערערע מאָל געטריבן צו וואַגנדע אַרויסטרעטונגען קעגן די מחנות פון די אונטערדריקער. זיין ראַדיקאַליזם און ראַ־דיקאַלע מעטאָדן פלעגט אָפטמאָל שאָקירן די מעסיקערע, מער פאַר־זיכטיקערע אַבאָליציאָניסטן. קעגן די לעצטע איז ער פון צייט צו צייט אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפער קריטיק פאַר זייער באַמיען זיך צו האַלטן אין די ראַמען פון די עקזיסטירענדע געזעצן.

אין יאָר 1805 ווען דזשאָן בראַון איז געווען פינף יאָר אַלט, האָט זיין פאָטער אָוען בראַון, מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויסגע־וואַנדערט קיין האַדסאָן, אָהייאָ, צו יענער צייט דער סאַמע וויייט־סטער וויסער קאָלאָניזאַציאָנס פּונקט אין דער וועסט.

איינינעם מיט די אַנדערע בראווע קאָלאָניסטן האָט די בראַון פאַמיליע געהאַט אויסצושטיין אַ סך שוועריקייטן. ביטער שווערע פּראַצע וואָס האָט זיי געבראַכט קוים גענוג עסנוואַרג אויף צו קאָנען דערהאַלטן דעם לעבן אין קערפּער. און דערצו, תמיד אויס־געשטעלט צו אַפּטע אַטאַקעס מצד די אַרומיקע אינדיאַנער.

ביסלעכווייז האָבן די קאָלאָניסטן פון אַרום די טירן פון זייערע פון קלעצער אויפגעבויטע כאַטקעס, פאַרטריבן אויך די פיר־פיסיקע ווילדע חיות, וועלכע פלעגן אין גרויסע צאָלן אַרומ־וואַנדערן אין די אַרומיקע געדיכטע וועלדער, אַזש ביז צום יאָר 1817 פלעגן בערן באַפאַלן די פאַרמס און אויפפרעסן שעפּסן און חזירים.

דער יונגער דזשאָן איז אויפגעוואַקסן אין גרויס דחקות און אין אַן אַטמאָספערע פון ביטערן געראַנגל פאַר'ן טרוקן שטיקל ברויט. צו זיין זעקסטן יאָר האָט ער שוין געהאַט באַהערשט זיין שרעק פאַר די אינדיאַנער, און פלעגט באַרוועסערהייט אַרומ־וואַנדערן אין די אַרומיקע וועלדער. זיין קערפּער, געברוינט פון דער זון איז געוואַקסן פאַרהאַרטעוועט. גלייכצייטיק האָט ער אויך אַרויסגעוויזן גייסטיקע פעאיקייט און וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אויך פאַרנונפט און צוגעפּאַסט אין אַלץ צו וואָס ער האָט זיך גענומען. ער האָט גערן אין זיך איינגעזאַפּט די מאָגערע בילדונג, וואָס מען פלעגט באַקומען אין דער באַגרעניצטער, פּרי־מיטיווער שולע פון יענער צייט. אין זיין אַכטן יאָר האָט שוין דער אינגל דורכגעלעבט זיין ערשטן טרויער, אין דעם טויט פון זיין מוטער.

ווען די צווייטע מלחמה מיט ענגלאַנד האָט אויסגעבראָכן אין דעם יאָר 1812, האָט שוין דער צוועלף יאָריקער בחור'ל איינער אַליין געפירט גרויסע סטאַדעס בהמות איבער אַ מהלך פון הונדערט מייל דורך דער וויסטעניש צו דעם נאָענטסטן מיליטערישן לאַגער.

אין לויף פון איינע פון די דאָזיקע טראַנספּאָרט עקספּעדי־ציעס האָט מען אים זייער פריינטלעך אויפגענומען אין דעם הויז פון אַ רייכן פּאָמיעסטשיק און שקלאַפן איינגנטימער.

פאַר זיינע פאַרזאַמלטע געסט האָט דער פּלאַנטאַטאָר שטאַרק געלויבט דעם מוט און די פעאיקייט פון דעם יונגן דזשאָן בראַון. דער יונגער בחור איז אָבער געבליבן גלייכגילטיק צו די אַלע לויב־געזאַנגען, צוליב זיין געפיל פון אַנטריסטונג קעגן דעם בעל־הבית וועלכער האָט אין זיין אַנוועזנהייט זיך באַצויגן ברוטאַל צו זיין נעגער איינגל. דזשאָן בראַון האָט שפּעטער דערקלערט, אַז אַט דער דאָזיקער אינצידענט האָט אים באַוואויגן צו ווערן אַן אַבאָ־ליציאָניסט. יענעם טאָג האָט ער גענומען אַ נדר אָנצופירן „אַן אייביקן קריג קעגן שקלאַפעריי".

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין זיין שטאַרקן דראַנג נאָך מער בילדונג איז דער יונגער מאַן אַוועקגעפאָרן שטודירן אין ניו־ענגלאַנד. ניט זייענדיק קיין בריליאַנטענער סטודענט, האָט דזשאָן בלויז דורך לאַנגזאַמען, געדולדיקן און אָנגעשטריינגטן לערנען, געקאָנט דערגרייכן זיין ציל. פאַר אַ ווייל האָט ער דאָס פּרובירט טאָן, אָבער אַן אויגן־קראַנקהייט וואָס איז טאַקע געקומען פון זיין אָנגעשטריינגטן שטודירן האָט אים געצוואונגען אויפצוגעבן זיינע פּלענער פאַר העכערער בילדונג. ער איז צוריק געפאָרן אַהיים קיין אָהייאָ. צו דער דאָזיקער צייט האָט זיך זיין פאָטער פאַרנומען מיט גאַרבעריי און דזשאָן איז דאָרט פאַרבליבן אַרבעטן. ער איז געוואָרן אַן אויסגעצייכנטער גאַרבער, אָבער זיין אומגעדולדיקע און אומרואיקע נאַטור האָט אים געטריבן צו זוכן אַ נייע באַשעפ־טיקונג. ער האָט זיך גענומען צום האָדעווען שעפּסן. אין דעם דאָזיקן באַרוף איז ער געווען גאַנץ דערפאָלגרייך. ער פלעגט פירן גרויסע געשעפטן. עס זענען אָבער געקומען קריזיס יאָרן, אין וועלכע ער האָט אָנגעוואוירן זיין גאַנצן פאַרמעגן.

אין זיין צוואַנציקסטן יאָר האָט דזשאָן בראַון חתונה געהאַט מיט דער יונגער דיאַנטע לוסק. דיאַנטע איז געווען די טאָכטער פון אַן אָרימער אַלמנה וועלכע פלעגט מאַכן אַ לעבן פאַר זיך מיט אירע יתומים, דורך באַקן ברויט פאַר אירע שכנים. ווי איר מאַן דזשאָן, איז דיאַנטע בראַון געווען שטאַרק רעליגיעז און פלעגט אים

מיטהעלפֿן אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען. אין לויף פֿון די עלף יאָר פֿון זייער פֿאַרהייראַטן לעבן זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן זיבן קינדער. זעקס זין און איין טאָכטער. די קינדער זענען דער־צויגן געוואָרן אין אַ רעליגיעז פּאַטריאַרכאַלישן גייסט.

דיאַנטע בראַון איז געשטאָרבן יונג, אין דעם יאָר 1832. מיט עלף יאָר שפּעטער, אין יאָר 1843, האָט דזשאָן בראַון געליטן נאָך אַ פֿורכטבאַרן קלאַפּ, דורך דעם טויט אין אַן עפּידעמיע, פֿון פֿיר פֿון זיינע יונגע קינדער, אין די עלטערס פֿון ניין, זעקס, דריי און די אינגסטע (פֿון זיין צווייטער פֿרוי) פֿון איין יאָר אַלט. דריי פֿון זיי האָט מען באַערדיקט אין איין און דעם זעלבן טאָג. ער האָט אין יאָר 1833 געהאַט געהייראַט צום צווייטן מאָל.

זיין צווייטע פֿרוי, מעריען דעי, איז בלויז זיבצן יאָר אַלט געווען צו דער חתונה. אינגאַנצן מיט פֿינף יאָר עלטער פֿון זיין עלטסטע קינד. זי האָט אים געבוירן דרייצן קינדער, פֿון וועלכע זיבן זיינען געשטאָרבן אין קינדהייט. פֿון אַלע קינדער פֿון דזשאָן בראַון זענען זיבן זין און צוויי טעכטער אויפֿגעוואַקסן. די זין האָבן זייט ביי זייט מיט זייער פֿאָטער זיך באַטייליקט אין פֿריי־הייטס קאַמף אין וועלכן אייניקע פֿון זיי האָבן באַצאָלט מיט'ן לעבן. מערי בראַון האָט איבערגעלעבט איר מאַן פֿינף און צוואַנ־ציק יאָר.

נאָך דעם דורכפֿאַל פֿון זיין וואָל־געשעפֿט אין יאָר 1845, האָט זיך דזשאָן בראַון מיט דער פֿאַמיליע איבערגעקליבן קיין נאָרט עלבאַ, אין ניו־יאָרק סטייט, וואו ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרמעריי. דאָרט האָט ער צוגעגרייט זיינע קאַמף פּלענער און פֿאַר זיך אָנגעצייכנט יענע אַקטיוויטעטן, וועלכע האָבן אינגיכן, אין די פֿאָלגנדע פֿיר יאָר, געגעבן אַ נייע ווענדונג צו דעם גאַנג פֿון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. דאָס זענען געווען פֿיר יאָר פֿון ביטערן קאַמף און פֿערזענלעכע ליידן און אָפּפֿער, קאַמפֿן אין פֿאַרשידענע טיילן פֿון לאַנד, יאָרן אין וועלכע דזשאָן בראַון האָט זיך דערוואָרבן מאַרטירערטום און אומשטערבלעכקייט!

נאָרט עלבאַ האָט זיך צו יענער צייט געפונען אין אַ פּאַר־וואָרפּענעם געגנט. דער באָדן, צום גרעסטן טייל אַ פאַרהאַרטעטער און אומפּראָדוקטיווער, איז געווען אַ טייל פון דעם גרויסן שטח לאַנד וואָס האָט באַלאַנגט צו גערעט סמיט, איינער פון די וויכטיקסטע אַבאָליציאָניסטן און פילאַנטראָפּן. גערעט סמיט האָט אַ טייל פון לאַנד אָפּגעגעבן פאַר אַ קאָלאָניע פון פרייע נעגערס, און דזשאָן בראַון האָט זיך פאַרגעשלאָגן צו וואוינען צווישן זיי ווי אַ פּאַטערלעכער פריינט און בעל־יועץ. גערעט סמיט, וועלכער האָט געהאַט גרויס דרך־ארץ און צוטרוי צו זיין פריינד בראַון, האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם אָנבאָט.

צוליב אורזאַכן וועלכע זענען געלעגן אויסער דעם קאָנטראָל פון דזשאָן בראַון איז די נעגער קאָלאָניע אונטערנעמונג געווען אַ דורכפאַל. אָבער אין דער שטילקייט פון די אַדיראָנדאַק בערג פון דעם אומגעגנט, האָט זיך דער גייסט פון דזשאָן בראַון פאַרטיפט, און ער האָט געשפּונען זיינע פּלענער פאַר אַן אָפענעם קאַמף קעגן דער אַלץ וואַקסנדער מאַכט פון די שקלאַפן אייגנטימער. אָט דער דאָזיקער פינסטערער כח האָט זיך שוין גענומען העזה׳דיק פאַר־שפּרייטן אויך אויסערהאַלב די גרעניצן פון די אָריגינעלע זידלעכע שטאַאַטן.

אין דזשאָן בראַונ׳ס באַשיידענער און אָרימער פאַרם הויז פלעגן זיך אָפט פאַרזאַמלען די אַרומיקע פאַרמער און פריינד, ווייסע און שווארצע. פאַר זיי פלעגט ער אַנטפּלעקן זיינע אינער־לעכע געפילן און געדאַנקען. ער האָט איבער זיי אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס.

די וואוינונג פון דער בראַון פאַמיליע איז באַשטאַנען פון פיר אָרים מעבלירטע צימערן. דאָס הויז האָט אויפגעבויט הענרי טאַמסאָן, וועלכער איז געווען פאַרהייראַט צו בראַונ׳ס טאָכטער רוט. טאַמסאָן איז געווען זיין שווער׳ס טרייער לייטענאַנט און מיטקעמפער אין פילע פון די צוזאַמענשטויסן מיט די פּראָ־סלעיווע־רי לייט און האָט זיך העלדיש באַטייליקט אין דער וואַגנדער אַטאַקע

אויפ׳ן אַרסענאַל אין האַרפּער׳ס פּערי — דער קלימאַקס־אַקט פון בראַונ׳ס קאַריערע.

אין יאַנואַר פון יאָר 1851 האָט דער קאָנגרעס אין וואַשינג־טאָן אָנגענומען דעם אויבן שוין דערמאָנטן „פיודזשעטיוו סלעיוו לאָא", — דעם געזעץ וואָס האָט געגעבן לעגאַלע רעכט דעם שקלאַפן־אייגנטימער צו דערגרייכן זיין אַנטלאָפענעם שקלאַף אַזש אין די פרייע שטאַאַטן, און אים צוריקברענגען אין גהינם פון שקלאַפעריי.

דער דאָזיקער אוממענטשלעכער, באַרבאַרישער געזעץ האָט אויפגערודערט די נשמה פון דזשאַן בראַון ביז צו די טיפסטע טיפעניש. ער איז תיכף צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן זיין באַוואוסט־געוואָרענע גרופּע, די „ספּרינגפילד גיליעדייטס", אַ נאָמען נאָך גדעונ׳ס אידישע העלדן פון בארג גלעד אין ארץ ישראל. ער איז אַרומגעפאָרן צווישן זיינע נעגער פריינד און האָט געראָטן די אַנטלאָפענע שקלאַפן, די „פיודזשעטיווס", זיי זאָלן אונטער אַלע אומשטענדן זיך אַנטקעגנשטעלן דעם געזעץ. מענער און פרויען זאָלן זיך באַוואָפענען און זיך ניט לאָזן פאַנגען לעבעדיקערהייט. ער האָט צוזאַמענגערופן זיינע קינדער און האָט צו זיי גערעט וועגן דעם נייסטן אוממענטשלעכן געזעץ. ער האָט זיי באַפוילן אַקטיוו צו העלפן די אַנטלאָפענע שקלאַפן, ווען מען וועט פּרובירן זיי צוריקפירן אין דער סאַוט.

צו יענער צייט האָט זיך אַנטוויקלט דער גרויסער קאַמף פאַר קאָנטראָל איבער דער קענזאַס טעריטאָריע. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די ערשטע קאָלאָניסטן האָבן דורך אַן אָפּשטימונג מיט אַן איבערוויגנדער מאַיאָריטעט באַשלאָסן, אַז קענזאַס זאָל זיין אַ פרייער שטאַאַט, האָבן די פּאָליטישנס אין וואַשינגטאָן, דורך אָנ־נעמען דעם „קענזאַס־נעבראַסקאַ" ביל דעם דרייסיקסטן מאַי, 1854, געעפנט די גאַנצע טעריטאָריע פאַר אַלעמען, ד. ה. אויך פאַר די „פּראָ־סלעיווערי" עלעמענטן פון דער בשכנות׳דיקער מיזורי, און פון דער גאַנצער סאַוט.

אין דעם זעלבן יאָר 1854, האָבן די פיר עלטערע זין פון דזשאָן בראַון, איבערגעגעבענע אַבאָליציאָניסטן ווי זייער פאָטער, באַשלאָסן זיך אַריבערצוקלייבן קיין קענזאַס און זיך דאָרט באַזעצן ווי קאָלאָניסטן, כדי זיך אָנצושליסן אָן דעם קאַמף קעגן די שקלאַפן טרייבער און זייערע געדונגענע פאַרטיידיקער וועלכע זענען אין מערסטע פאַלן געווען די אָנגרייפער. בראַונס זין זענען אַהין אַוועק, די פאַרהייראַטע מיט זייערע פאַמיליעס, און איינענעם מיט די אַנדערע „פריי־סטעיט" קאָלאָניסטן האָבן זיי געהאַט אויסצושטיין געגנוג צרות און ליידן מצד די פּראָ־שקלאַפעריי בויאַנעס, וועלכע פלעגן זיך אָפט אַריבערכאַפן אין אָרגאַניזירטע באַנדעס פון יענער זייט גרעניץ, פון מיזורי.

אין אָנהויב פון יאָר 1855 האָט דזשאָן בראַון באַקומען אַ דרינגנדן הילפס־רוף פון זיינע זין אין קענזאַס, ער זאָל זיי העלפן דורך צושיקן וואָפן פאַר די אַנטי־סלעיווערי קאָלאָניסטן, זיי זאָלן זיך בעסער קאָנען פאַרטיידיקן און צוריקשלאָגן די אַטאַקעס פון שונא. די פּראָ־סלעיווערי לייט האָבן אָפן דערקלערט אַז זייער ציל איז צו פאַרניכטן דעם אייגנטום פון די „פאַרדאַמטע אַבאָליציאָניסטן" און זיי פאַרטרייבן פון דער טעריטאָריע.

דזשאָן בראַון באַזוכט גלייך אַ צאָל שטעט אין ניו־ענגלאַנד און באַראַט זיך מיט אָנגעזעענע פירער פון דער אַבאָליציאָנס־באַוועגונג. ער אַדרעסירט גרויסע פאַרזאַמלונגען און קלייבט געלט צו קויפן וואָפן פאַר די בראַווע פאַרטיידיקער פון מענטשרעכט.

אָנשטאָט צו שיקן די וואָפן מיט אַנדערע, באַשליסט דער פינף־און־פופציק יאָריקער קעמפער צו פאָרן אַליין און פערזענלעך זיך באַטייליקן אין קאַמף. ער נעמט מיט זיך נאָך צוויי פון זיינע זין, און פירט אין אַ „קאָווערד וועגאָן" אַ טראַנספּאָרט וואָפן און אַמוניציע קיין קענזאַס. דורכמאַכנדיק אַלע שוועריקייטן פון וועג, און אויסמיידנדיק די מחנות פון די שונאים וועלכע זענען געווען רירעווודיק און וואַכזאַם, און וועלכע האָבן געשוואָרן ניט צו דער־לאָזן אַריינקומען נייע אַבאָליציאָניסטן אין קענזאַס, זענען דזשאָן

בראון מיט זיינע זין צוזאמען מיט דעם טראַנספּאָרט וואפן, בשלום אָנגעקומען אין דעם שטעטל אָסאָוואַטאָמי איינער פון די צענטערן פון די אַנטי־סלעיווערי קאָלאָניסטן אין דער קענזאס טעריטאָריע.

די קאמפן אין קענזאס האָבן זיין נאָמען אי פארהאסט, אי באליבט געמאכט. פאַר די קעמפער פאַר נעגער פריי־הייט איז ער נאָך אין זיין לעבנס צייט געוואָרן א לעגענדארער העלד, וועלכער איז שטענדיק און איבעראַל געווען דער ערשטער אין פייער. פאַר די שקלאַפן־טרייבער אין קעגנטייל, איז דער נאָ־מען „אָלד דזשאַן בראַון" געוואָרן א שרעק־געשפענסט. בלויז דערמאָנען זיין נאָמען אין די פּראָ־סלעיווערי געגנטן פון קענזאס, האָט אָנגעוואָרפן אן אימה.

קורץ נאָך זיין אָנקומען אין קענזאס, איז דזשאַן בראַון מיט זיינע זין צוגעפאָרן צום שטעטל לאָרענס זיך צו באראטן מיט די פירער פון יענעם „פריי־סטייט" צענטער. דאָ האָט ער דורכ־געלעבט א גרויסע אנטוישונג. די אָרטיקע פירער האָבן זיך אָנט־שידן ארויסגעזאָגט קעגן בראַונ׳ס אַגרעסיווע פּלענער. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן צו זוכן א פארשטענדיקונג מיט׳ן שונא. דזשאַן בראַון, באַקעמפנדיק יעדן קאָמפּראָמיס, האָט דערקלערט, אַז דער איינציק ווירקזאמער וועג צו באזיגן די שקלאַפן־טרייבער, איז דורך אָפענעם קאמף און בלוט־פארגיסונג. „עין תחת עין" — אן אויג פאַר אַן אויג, טראָר קעגן טעראָר. יעדער אָנפאַל פון די פּראָ־סלעיווערי לייט אויף פריי־סטייט קאָלאָניסטן, יעדער מאָרד פון אן אַנטי־שקלאַפעריי אָנהייגער, מוז דורך אַן ענלעכן טאַט אָפּגעווישט ווערן.

צו יענער צייט איז אין קענזאס פאָרגעקומען דער טראַגישער „פּאָטאַוואַטאָמי" פאַל, וואס ביז צום היינטיקן טאָג איז שווער פעסטצושטעלן די גענויע פאקטן פון דזשאַן בראַונ׳ס ראָלע אין דעם. דאס איז געווען דער מאָרד אָנפאַל אויף די פּראָ־סלעיווערי לייט ניט ווייט פון שטעטל פּאָטאָוואָטאָמי. די אָנהייגער פון דזשאַן בראַון האָבן די פּאַסירונג אָנגערופן „די הינריכטונגען"...

דורך דער נאַכט פון פיר־און־צוואַנציקסטן מאַי, 1856, האָט מען געטויט פינף מיטגלידער פון דער פּראָ־סלעיוועריִ פּאַרטיי, וועלכע זענען באַגאַנגען אַ סעריע ברוטאַליטעטן און מאָרדן אויף די אַבאָליציאָניסטן. מען האָט די חברה באַצייטנס געוואָרנט אַז אויב זיי וועלן זיך ביז אַן אָנגעגעבענעם דאַטום ניט אָפּטראָגן פון קענזאַס, וועט מען זיי אויפהייגגען. די דאָזיקע וואָרנונגען זענען איגנאָרירט געוואָרן, און אַ גרופּע מאַסקירטע מענטשן, צווישן זיי צוויי זין פון דזשאָן בראַון, האָבן זיך אַריינגעבראָכן אין די הייזער פון די פינף מענטשן און זיי אומגעבראַכט.

די פּראָ־סלעיוועריִ לייט האָבן תיכּף באַשולדיקט דזשאָן בראַון, אַז ער איז געווען דער אָנפירער פון די מערדער. אָבער דזשאָן בראַון האָט שפּעטער דערקלערט (און דאָס איז פון פילע עדות באַשטעטיקט געוואָרן) אַז אין דער נאַכט פון די מאָרדן האָט ער איינינעם מיט זיינעם אַ זון זיך געפונען גאַנץ ווייט פון פּאָ־טאַוואַטאָמי, און האָט קיין שום אָנונג ניט געהאַט וועגן דעם וואָס דאָרטן קומט פאָר.

אַן אינטערעסאַנטער אינצידענט וואָס וואַרפט ליכט אויף דזשאָן בראַונ׳ס כאַראַקטער איז פאָרגעקומען אין יענער צייט. נאָך אַ צוזאַמענשטויס אין וועלכן בראַונ׳ס חברים האָבן באַזיגט אַ גרעסערע מחנה פון שונא, זענען אַ צאָל „מיזורי לייט" אַריינ־געפאַלן אין דזשאָן בראַונ׳ס הענט. נאָך אַ באַראַטונג מיט זיינע אָפיצערן האָט דער „קעפּטען", ווי זיינע קאַמפס חברים פלעגן אים מיט ליבשאַפט אָנרופן, באַשלאָסן פריי צו לאָזן די געפאַנגענע. דערביי האָט איינער פון זיינע לייטענאַנטן פאָרגעשלאָגן דעם קאָ־מאַנדיר, ער זאָל די געפאַנגענע אַדרעסירן. אין אַ מאָמענט פון צוגרייטונג איז בראַון אַרויס און האָט אין פּשוט׳ע אָבער שאַרפע און עלאָקווענטע ווערטער, אין אַ רעדע וואָס האָט ניט מער גע־דויערט ווי פינף מינוט צייט, פאַר די קריגס־געפאַנגענע געשילדערט די אומגערעכטיקייט פון דעם שקלאַפן־סיסטעם פאַר וועלכן מען האָט זיי פאַרפירט צו קעמפן. דער איינדרוק אויף די וועלכע האָבן

אים דאָן געהערט, פריינד און שונא צוגלייך איז פאַרבליבן אַן אומפאַרגעסלעכער.

שבת, דעם דרייסיקטן אויגוסט, 1856, האָבן אַ באַוואָפנטע מאַסע פון צווישן פיר און פינף הונדערט מיזורי לייט אַטאַקירט דעם דאָרף אָסאָוואַטאָמי, וועלכער איז פאַרטיידיקט געווען פון דזשאָן בראַון מיט זיינע זין און אַ הייפעלע מוטיקע נאָכפאָלגער. בראַונ׳ס „אַרמיי״ איז אין גאַנצן באַשטאַנען פון עטלעכע און דרייסיק מענטשן, שוין אַריינגערעכנט די וועלכע זענען שנעל צונויפגעקומען פון די אַרומיקע פאַרמס, ענטפערנדיק בראַונ׳ס רוף.

אין אָט דעם קאַמף איז געטויטעט געוואָרן בראַונ׳ס זון פרעדעריק און אַ צווייטער זון איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. דער אַלטער „קעפּטן״ האָט אַרויסגעוויזן סטראַטעגישע פעאיקייט און מערקווירדיקן העראָאיזם. אַליין שווער פאַרוואונדעט אין לויף פון דער פאַרצווייפלטער שלאַכט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו דירעקטירן די פאַרטיידיקונג, ביז ס׳איז געלונגען אין גאַנצן צו פאַרטרייבן די אָנגרייפער.

אין די פאָלגנדע צוויי יאָר איז בראַון אַרומגעפאָרן איבער פילע שטעט אין דער נאָרד, באַזונדערס אין מאַסאַטשוזעטס און האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די „קענזאַס קאָמיטעטן״, מיט דעם ציל צו העלפן עמיגראַנטן פון דער נאָרד און איסט פאָרן זיך באַזעצן אין קענזאַס, צו פאַרגרעסערן די צאָל פון די דאָרטיקע פריי־שטאַט קאָלאָניסטן. ביי אַ גרויסער פאַרזאַמלונג אין ניו יאָרק, אין יאַנואַר, 1857, האָט די „נעשאַנאַל קענזעס קאָמיטע״ באַריכטעט, אַז העכער צוויי טויזנט עמיגראַנטן זענען ביז יענער צייט אָפּגעשיקט געוואָרן קיין קענזאַס. די קאָמיטע האָט אויסגעגעבן דרייסיק טויזנט דאָלער אויף קליידער און פּראָוויאַנט פאַר די נויטבאַדערפטיקע קאָלאָניסטן.

צו דער דאָזיקער צייט האָט בראַון מיט אַ קליינער צאָל חברים דורכגעפירט אייניקע וואַגנדע איבערפאַלן אויף גרויסע

שקלאַפֿן־פּלאַנטאַציעס אין מיזורי. אים איז יעדן מאָל, איינגאַנצן אָן בלוט־פֿאַרגיסונג, געלונגען אַרויסצוראַטעווען אַ צאָל נעגער שקלאַפֿן, וועמען ער האָט געבראַכט אין פֿרייע טעריטאָריע.

דזשאָן בראַון האָט זיך איצט גענומען גרייטן דורכצופֿירן זיין גרויסן און געוואַגטן פּלאַן. אײנייִנעם מיט אַ גרופּע באַוואָפֿנטע חברים, צו אַטאַקירן און איבערנעמען באַזיץ פֿון דעם אַמעריקאַ־נער רעגירונגס אַרסענאַל ביי האַרפּערס פֿערי, אין ווירדזשיניע. האַרפּערס פֿערי איז געווען אַ סטראַטעגיש וויכטיקער פּונקט. פֿון דאָרטן איז אַם גרינגסטן געווען דער דורכגאַנג פֿון דער סאַוט צו די פֿרייע סטייטס און צו די בלו־רידזש און אַלעגייני בערג, וואו די אַנטלאָפֿענע שקלאַפֿן וואָלטן זיך געקאָנט באַהאַלטן און אָפּרוען אויף זייער וועג קיין קאַנאַדע. בראַון האָט גערעכנט, אַז ווען די שקלאַפֿן פֿונ׳ם אומגעגנט וועלן זיך דערוויסן פֿון זיין איינגעמען די שטעטל האַרפּערס פֿערי און דעם רעגירונגס אַרסענאַל, וועלן זיי זיך פֿריידיק אַ לאָז טאָן צו אים. ער האָט געפּלאַנט צו געבן זיי וואָפֿן, מיט וועלכע זיך צו פֿאַרטיידיקן קעגן די שקלאַפֿן־טרייבער.

אין מיטן פֿון זיינע פֿאָרבערייטונגען האָבן אים דערגרייכט אַלאַרמירנדע ידיעות פֿון קענזאַס. זיינע זין און אייניקע נאָענטע פֿריינט האָבן אים פֿון דאָרט געלאָזט וויסן, אַז אין לויף פֿון זיין אָפּוועזנהייט פֿון דער טעריטאָריע האָבן זיך די פּראָ־סלעיווערי לייט אָנגענומען מיט מוט און האָבן באַנייט זייער טעראָר. זיי האָבן שוין באַוויזן דורכצופֿירן אייניקע בלוטיקע אַטאַקעס און פּאָגראָמען אויף די פֿריי־סטייט פֿאַרמערס.

מיטנעמענדיק זיין געטרייסטן לייטענאַנט דעם יונגן פֿיר־און־צוואַנציק יאָריקן דזשאָן קאַגי, איז בראַון תיכף אָפּגעפֿאָרן קיין קענזאַס, און האָט אויף אַ ווייל געמוזט אָפּלייגן די דורכפֿירונג פֿון זיין ווירדזשיניער פּלאַן.

דעם פֿינף־און־צוואַנציקסטן יוני, 1858, איז ער אָנגעקומען אין לאָרענס, קענזאַס, וואו ער האָט באַלד נאָך זיין אָנקומען דורכ־

געלעבט אַן ערנסטע קראַנקהייט. דריי חדשים צייט איז ער אָפּ־געלעגן אין הויז פון זיין שוועסטער ניט ווייט פון אָסאָוואַטאָמי. אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך געפילט געזונט דערהוילט צו קאָנען פאָרן ווייטער, איז ער אַוועק ווייטער סאָוט, צום קאַמפּס־פּלאַץ, וואו אים איז געלונגען אָפּצושטויסן די נייסטע אַטאַקעס פון שונא. דערנאָך איז ער מיט איייניקע חברים ווידער אַריינגעדרונגען אין מיזורי, וואו ער האָט באַפרייט אַ גרויסע צאָל שקלאַפן.

דער דאָזיקער אַקט האָט פאַראורזאַכט אַ גרויסע סענסאַציע איבערן לאַנד. דער גאָווערנאָר פון דעם שקלאַפן־סטייט מיזורי האָט אַרויסגעלאָזן אַן אַנטי־דזשאָן בראַון פּראָקלאַמאַציע. אויך דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן, פּרענקלין פּיערס, האָט אַן ענלעכע פּראָקלאַמאַציע אַרויסגעלאָזן אין וואַשינגטאָן, באַשטימענדיק צוזאַמען די סומע פון דריי טויזנט פינף הונדערט דאָלער באַלוינונג פאַר כאַפּן דעם געפערלעכן דזשאָן בראַון „טויט אָדער לעבעדיק".

דער אַלטער העלד האָט זיך אויסגעלאַכט פון די דאָזיקע פּראָקלאַמאַציעס. ווי אין ענטפער צו דעם, האָט ער דורכגעפירט נאָך איייניקע אָנפאַלן אויף שקלאַפן פּלאַנטאַציעס. ווען די באַ־פרייטע שקלאַפן האָבן דערגרייכט אַ גרעסערע צאָל, האָט זיך דזשאָן בראַון מיט זיי אַרויסגעלאָזן פון קענזאַס אויף דער לאַנגער און געפערלעכער רייזע פון העכער צוויי טויזנט פינף הונדערט מייל, איבער ווילדערנישן, קיין קאַנאַדע. דאָרט האָט ער איבער־געלאָזן די באַפרייטע שקלאַפן אין אַ פרייער מדינה, און האָט באַ־זאָרגט אַז די אַבאָליציאָניסטישע גרופּן אין אַמעריקע זאָלן פאַר זיי צושיקן שטיצע, ביז זיי וועלן זיך צו וואָס דערשלאָגן אין קאַנאַדע.

4

האַרפּערס פערי

דאָס שטעטל האַרפּערס פערי, וואו עס קרייצן דורך אייניקע גרויסע טייכן און וועלכע איז אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג, ליגט ביים סאַמן גרעניץ פון די שטאַטן ווירדזשיניע און מערילענד. דאָרט האָט זיך, צום סוף פון חודש יוני פון יאָר 1859, צום ערשטן מאָל באַוויזן אַן אומבאַקענטער הויכער אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגע פּאַטריאַרכאַלישער באָרד. אַ געוויסער „מיסטער סמיט", מיט זיינע צוויי זין. ער איז געקומען פון דער נאָרד, האָט ער געזאָגט, צו קויפן אַ פאַרם אין יענעם געגנט. נאָך אַביסל אַרומקוקן די נאָכבאַרשאַפט האָט ער פון אַ געוויסן דאָקטאָר קענעדי אָפּגעדונגען אַ פאַרם וועלכע האָט זיך געפונען אויף די בערג אין מערילענד, פינף מייל פון האַרפּערס פערי.

דזשאָן בראַון'ס טאָכטער רוט טאַמסאָן איז אַראָפּגעקומען פון נאָרד עלבאַ, ניו־יאָרק, צו „פירן די בעל־הבית'ישקייט", עס זאָל די שכנים ניט ווערן אויפפאַלענד אַז עפּעס איז ניט ווי ס'באַדאַרף צו זיין . . .

די שווערסטע שטיקל אַרבעט איז איצט באַשטאַנען אין טראַנספּאָרטירען די וואָפן פאַר דער אונטערנעמונג פון טשעמבערסבורג, פּענסילווייניע, — אַ מהלך פון פופציק מייל. דאָס האָט דזשאָן בראַון פּערזענלעך דורכגעפירט מיט דער גרעסטער פאָרזיכט. און דורכגעפירט האָט ער עס אויף אַזאַ'ן אופן, אַז דאָס אַריינפירן די גרויסע קאַסטנס מיט געווער אויף'ן פאַרם זאָל זיך צו־פיל ניט וואַרפן אין די אויגן פון די שכנים.

* * *

עס איז געווען קאַלט, און שטאַרק פינסטער אין דרויסן, יענעם היסטאָרישן אָוונט פון שבת, דעם זעכצנטן אָקטאָבער אין דעם יאָר 1859, ווען די קליינע גרופּע פון צוויי־און־צוואַנציק מוטיקע מענער, צווישן זיי פינף שוואַרצע, האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פון דער

„סענעדי״ פאַרם אויף זייער וועג קיין האַרפּערס פערי. דזשאָן בראַונ׳ס זון אָווען, מיט צוויי פון די נייסטע רעקרוטן, זענען פאַר־בליבן אויף דער פאַרם אַכטונג צו געבן אויף דעם זאַפּאַס פון וואָפן און אַמוניציע.

אַ מייל ווייטער, האָט די בראַון גרופּע אָקופּירט אַ קליינע סקול געביידע וועלכע זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ צווייטן וואָפן־צענטער. פון דאָרט האָט מען אין פאָראויס געשיקט צוויי חברים, איבערצושניידן די טעלעגראַף־דראָטן. עלף אַזייגער ביינאַכט איז מען אָנגעקומען אין שטאָט און אויסגעלאָשן אַלע גאַסן־לאַמטערנעס.

צוערשט האָט מען אַרעסטירט דעם נאַכט־וועכטער ביי דעם פּאָטאָמעק ריווער בריק, און דאָרטן אַוועקגעשטעלט אַן אייגענער וואַך. דערנאָך האָט מען אַרעסטירט די דריי אַרסענאַל וועכטער איינציקעם מיט דעם אויפזעער. מען האָט דורכגעבראָכן די טיר און אַריין אין וואָפן־פאַבריק.

דאָ האָט דזשאָן בראַון געמאַכט זיין הויפּט־קוואַרטיר. אָבער דערביי האָט ער געמאַכט אַ פּאָר פאַטאַלע טעות׳ן. ערשטנס האָט ער פאַרפעלט אָנצוגרייטן אַ וועג פאַר אַ מעגלעכן צוריק־טריט אין פאַל די נעגער שקלאַפן וועלן זיך ווי געהעריק ניט אָפּ־רופן אויף זיין רוף. אַ צווייטער, ניט ווייניק פאַטאַלער טעות איז געווען דער פאַל מיט דעם נאַכט עקספּרעס צוג אויף דער באַלטימאָר און אָהייאָ אייזנבאַן ליניע. די טריין האָט באַדאַרפט דורכפאָרן האַרפּערס פערי נאָך האַלבער נאַכט, אויפ׳ן וועג קיין וואַשינגטאָן. בראַון האָט געשיקט פיר מענטשן וועלכע האָבן אָפּגעשטעלט און פאַרהאַלטן דעם באַן, און דערביי איז פאָרגעקומען אַ געשלעג. נאָכדעם ווי מען האָט די טריין געהאַט פאַרהאַלטן מערערע שטונדן, האָט דזשאָן בראַון דערלויבט פאָרן ווייטער. פאַרשטייט זיך, אַז ווען די באַן איז אָנגעקומען קיין וואַשינגטאָן האָט מען גלייך געקלאַפּט טרעוואָגע.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָבן בראַונ׳ס חברים אַרעסטירט יעדן איינוואוינער פון שטעטל וועלכער האָט זיך באַוויזן אויפ׳ן

גאַס. ביסלעכווייז האָט מען צונויפגעזאַמלט אין אַרסענאַל אַ צאָל פון זעכציק געפאַנגענע.

אין לויף פון דעם פרימאָרגן און איידער די רעגירונג'ס מיליץ איז אָנגעקומען, האָט דזשאָן בראַון באַקומען אַ דרינגענדן רוף פון זיין לייטענאַנט קאַגי, מיט אַ צודרינגלעכער ביטע, ער זאָל זיך איניינעם מיט די פאַרבליבענע חברים צוריקציען פון האַרפּערס פערי. ביז צום היינטיקן טאָג איז ניט קלאָר, פאַרוואָס דזשאָן בראַון האָט פאַרבייגעלאָזן יענע גאָלדענע שטונדן ווען ער האָט זיך נאָך געקענט ראַטעווען.

צוועלף אַזייגער בייטאָג זענען איינס נאָכ'ן אַנדערן אָנגעקומען צוויי פּאַרטיעס פון הונדערט ווירדזשיניער סטייט מיליציסטן, און אַלע וועגן זיך צו ראַטעווען זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן.

דערווייל איז אָנגעגאַנגען די שיסעריי אויף די גאַסן פון האַרפּערס פערי. דער קאַמף האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט ביז וואַנען די מערסטע פון בראַון'ס חברים, צווישן זיי זיין אײדים וויליאַם טאַמסאָן, זענען געפאַלן טויט. בראַון מיט די איבערגע־בליבענע האָבן זיך דאַן פאַרבאַריקאַדירט אינ'ם אַרסענאַל וועל־כער איז איצט באַלאַגערט געוואָרן פון די מיליציסטן.

פאַרנאַכט האָט בראַון אַרויסגעשיקט אַן אָנבאָט צו באַפרייען זיינע געפאַנגענע, בתנאי מען זאָל אים מיט זיינע חברים לאָזן זיך צוריקציען איבער'ן בריק אין מערילענד אריין. דער דאָזיקער אָנבאָט איז צוריקגעוויזן געוואָרן. דער קאָמאַנדיר פון דער סטייט־מיליץ האָט זיך געשטעלט אין טעלעגראַפישע פאַרבינדונג מיט דעם גאָווערנאָר פון ווירדזשיניע אין ריטשמאָנד. גאָווערנאָר וויז, אַ פאַנאַטישער פאַרטיידיקער פונ'ם זידלעכן שקלאַפן־סיסטעם, איז באַלד פערזענלעך געקומען. בראַון האָט ווידער פאָרגעשלאָגן זיינע באַדינגונגען אָבער דער פאַרביסענער פאַרשטייער פון די שקלאַפן־טרייבער האָט בשום אופן ניט געוואָלט איינוויליקן אַרויסצולאָזן די פאַרהאַסטע „יענקי אַבאָליציאָניסטן" פון זיינע הענט. און די אַטאַקע איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט מען אויפגעהערט שיסן. עס זענען איצט פאַרבליבן בלויז אייניקע געציילטע שטונדן אין וועלכע די בראַווע אבאָליציאָניסטן האָבן באַדאַרפט אַנטשיידן, זיך אונטערצוגעבן, אָדער פאַלן ביז׳ן לעצטן מאַן אינ׳ם אומגלייכן קאַמף.

דערווייל זענען אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל יונייטעד סטייטס מאַרינס פון וואַשינגטאָן, און זיבן אַזייגער אין דער פרי, דינסטיק, דעם אכצנטן אָקטאָבער, האָבן זיך די רעגירונגס־טרופּן אויסגע שטעלט צו דער גרויסער אַטאַקע. צורעשט האָט מען צום לעצטן מאָל אויפגעפאָדערט דעם רעבעלן־פירער ער זאָל זיך אונטערגעבן. מען האָט אים פאַרשפּראָכן אַ לעגאַלן משפט מיט אַ גאַראַנטי פון פער־זענלעכן שוץ. בראַון איז אָבער באַשטאַנען אויף די פונקטן פון זיין אָנבאָט פון דעם פאַריקן אָוונט. מיט דעם האָבן זיך די לעצטע פאַרהאַנדלונגען געענדיקט און די שטורם־אַטאַקע האָט זיך אָנ־געהויבן.

אין דעם דאָזיקן לעצטן פאַרצווייפלטן פאַרטיידיקונגס־קאַמף זענען אומגעקומען ביידע זין פון דעם אַלטן פרייהייטס־קעמפער. אָליווער, זיין צוואַנציק יאָריקער זון, איז געפאַלן טויט אויפ׳ן אָרט. וואַטסאָן בראַון האָט זיך אין גרויס שמערצן פון זיינע וואונדן, געראַנגלט מיט׳ן טויט אַ גאַנצן מעת־לעת, ביז ער איז אויסגעגאַנגען.

ווען די מאַרינס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אַרסענאַל און האָבן אַרומגערינגלט די זיבן פאַרבליבענע קעמפער, האָבן זיך די לעצטע אונטערגעגעבן און האָבן אַוועקגעלייגט דאָס געווער. אָבער ניט אַכטנדיק אויף דעם פאַקט וואָס דזשאָן בראַון איז שוין געווען אַנטוואָפנט און האָט געבלוטעט פון אייניקע וואונדן, האָט איינער פון די מאַרינס, דער לייטענאַנט גרין, מיט זיין שווערד אַראָפּגע־האַקט קלעפּ אויפ׳ן קאָפּ פון דעם אַלטן העלד און אים שווער פאַרוואונדעט.

אַזוי שנעל ווי מען האָט די געפאַנגענע געקאָנט אַריבערפירן האָט מען זיי מיט׳ן באַן גענומען קיין טשאַרלסטאָן, ווירדזשיניע, די הויפּט שטאָט פון יענער „קאונטי“, און זיי פאַרשפּאַרט אין טורמע אַרום וועלכער מען האָט אַוועקגעשטעלט אַ שטאַרקע און באַוואָפנטע וואַך. דאָרט זענען די געפאַנגענע פאַרבליבן וואַרטן אויף זייער אורטייל און שטראָף פאַר האָבן „רעבעלירט“ קעגן דער הערשנדער שקלאַפן מאַכט פון סטייט. אַ פאַרברעכן פאַר וועלכן עס האָט געקומט טויט־שטראָף לויט דעם דאַמאָלדיקן געזעץ אין ווירדזשיניע.

פון דזשאָן בראַונ׳ס „אַרמיי“, וועלכע איז אינגאַנצן באַשטאַנען פון צוויי־און־צוואַנציק מאַן, זענען צען געפאַלן אין קאַמף, זיבן —צווישן זיי דער אַלטער קאָמאַנדיר, זענען איצט געווען געפאַנגענע אין די הענט פון שונא, און פינף איז געלונגען צו אַנטלויפן.

5

דזשאָן בראַונ׳ס טרייל האָט זיך אָנגעהויבן דעם פינף־און־צוואַנציקסטן אָקטאָבער, אין געריכט׳ס הויז פון טשאַרלסטאָן, נים ווייט פון האַרפּערס פערי.

דעם קרוב צו זעכציק יאָריקן פרייהייטס קעמפער, מיט שווערע קייטן אויף די הענט און אויף די פיס, האָט מען אויף אַ בעטל אַריינגעטראָגן אין געריכטס צימער. בראַון האָט אויסגעזען בלאַס און אָפּגעצערט פון בלוט־פאַרלוסט. ער איז געצוואונגען געווען צו ליגן בשעת עס זענען אָנגעגאַנגען די פאַרהאַנדלונגען ביים פּראָצעס.

ווען דער ריכטער, פּאַרקער, האָט אים געפרעגט צי ער האָט אַ פאַרטיידיקער, האָט זיך דזשאָן בראַון מיט גרויס אָנשטריינגונג אויפגעהויבן אויף זיין בעטל און געזאָגט:

„איך האָב ניט געבעטן קיין גענאַדע ווען מען האָט מיך געפאַנגען, און האָב ניט געבעטן מען זאָל מיר שיינקען מיין לעבן. דער גאָווערנאָר פון ווירדזשיניע האָט מיר פערזענלעך פאַרזי־

כערט אַ יושר׳דיקן פּראָצעס, אָבער ווי עס זעט אויס, וועל איך אַזאַ פּראָצעס דאָ ניט באַקומען. אויב איר זוכט מיין בלוט, קאָנט איר עס האָבן שוין די מינוט, אָן דעם דאָזיקן חוזק־טרייל. איך האָב ניט קיין אַדוואָקאַט, איך האָב ניט געהאַט קיין שום געלעגנהייט צו לאָזן וויסן מיינע פריינט. איך ווייס ניט ווי עס פילן מיינע חברים־אָנגעקלאָגטע, אָבער איך בין ניט אין דער פיזישער לאַגע אָנצוגיין איצט מיט אַ געהעריקער פאַרטיידיקונג. מיין זכרון אַרבעט נאָך ניט גוט, און מיין געזונט צושטאַנד איז ניט געניגנד. פאַראַן אומשטענדן, וואָס וואָלטן געקאָנט באַ־רעכטיקן אַרגומענטן לטובת אונדז, ווען עס וואָלט פאָרגעקומען אַ ריכטיקער לעגאַלער פּראָצעס. אָבער אויב מיר ווערן גע־צוואונגען דורכצוגיין בלויז די אויסערלעכע פאָרם פון אַ טרייל וואָס איז בלויז אַ פאָרשפּיל צו אַ הינריכטונג, קאָנט איר זיך פאַרשפּאָרן די מי. איך בין גרייט פאַר מיין שטראָף. אַלץ וואָס איך וויל פון אייך איז, — נאָר ניט קיין באַליידיקונג, נאָר ניט קיין חוזק פּראָצעס. איך ווייס ניט וואָס דער היינטיקער פאַר־הער באַצוועקט, אָדער וואָס פאַר אַ נוצן דער סטייט דערוואַרט פון דעם. דאָס איז אַלץ וואָס איך וויל זאָגן. איך בעט בלויז, מען זאָל מיך ניט נאַריש באַליידיקן — ווי באַרבאַרן באַליידיקן די וועלכע פאַלן אַריין צו זיי אין די הענט . . .״

נאָך אייניקע מאָל אין לויף פון פּראָצעס האָט זיך בראַון אויפגעהויבן פון זיין בעטל, און האָט פּראָטעסטירט צום ריכטער; אָבער אַלע זיינע פאַרלאַנגען פאַר אַ ביסל מער צייט, פאַר אַן אָפּלייג אויף אַ טאָג אָדער צוויי, האָט דער ריכטער אָפּגעזאָגט.

דער אורטייל, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטן איז געווען „שולדיק״ אין פאַרראַט צום סטייט. דזשאָן בראַון האָט זיך אפילו ניט אַ ריר געטאָן פון זיין אָרט אויפ׳ן בעטל ביים פאָרלייענען דעם „ווערדיקט״.

מען האָט דעם געפאַנגענעם צוריקגעפירט אין זיין צעל. ווען ער איז אַביסל צו זיך געקומען פון די וואונדן און האָט אָנגע־

הויבן פיזיש פילן בעסער, האָט ער פאַרבראַכט זיין צייט אין שרייבן בריוו צו זיין פאַמיליע און צו נאָענטע פריינט און אידייען־חברים אין דער נאָרד. שרייבן און ענטפערן אויף בריוו האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע צייט פון זיין געפאַנגענשאַפט.

באַזוכער פון דער סאַוט, פון זיינע קעגנער, האָט מען גערן צוגעלאָזן, אָבער זיינע פריינט פון דער נאָרד האָבן געהאַט די גרעסטע שוועריקייטן צו קריגן דערלויבעניש צו אים צוקומען.

דעם צווייטן נאָוועמבער האָט מען אים ווידער פאָרגעבראַכט פאַר'ן ריכטער, וועלכער האָט אים פאַראורטיילט צום טויט דורך אויפהיינגען אין דעם טאָג פון צווייטן דעצעמבער, 1859. בלויז איין חודש צייט האָט מען דעם גרייז־גרויען העלד דערלויבט צו לעבן.

פאַר'ן אויסהערן דעם טויט אורטייל, האָט דזשאָן בראַון אַדרעסירט די קאָורט און האָט געהאַלטן זיין לעצטע רעדע, וועלכע איז פאַרבליבן קלאַסיש אין דער אַמעריקאַנער פרייהייטלעבער ליטעראַטור.

פון געריכטס־צימער האָט מען דעם צום־טויט פאַר'משפט'ן אָפּגעפירט צוריק אין זיין צעל, וואו מען האָט אים איצט געשמידט אין דאָפּלטע קייטן. פאַר וואָס און פאַר וועמען האָבן זיי זיך געשראָקן? אַ פאַרזוך צו רעטן דזשאָן בראַונ'ען איז דאַ געווען אויסגעשלאָסן. ניט בלויז די טורמע געביידע, נאָר די גאַנצע שטאָט טשאַרלסטאָן איז געווען באַוואַכט און אָנגעפילט מיט באַוואפנטע מיליטער.

* * *

די זאָרג וועגן זיין פאַמיליע האָט שטאַרק באַאומרואיקט דעם אַלטן קעמפער אין די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן. וועגן זיך האָט ער זיך ניט געקימערט. ער איז געווען גרייט צו באַגעגענען דעם טויט, אפילו פריידיק פאַראויסגעקוקט צו זיין מאַרטירערטום. ער האָט געפילט, — און די פאַסירונגען וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט

האָבן עס באַשטעטיקט, — אַז זיין טויט וועט ברענגען נעענטער דעם אונטערגאַנג פון נעגער שקלאַפעריי.

ווי שוין אויבן דערמאָנט האָט מען צו אים ניט צוגעלאָזן באַזוכער פון דער נאָרד, אויך ניט מיטגלידער פון זיין פאַמיליע. ערשט. אין דעם לעבטן טאָג פון דזשאָן בראַונ׳ס לעבן, דאָנערשטיק, דעם ערשטן דעצעמבער, האָט מען אים דערלויבט אַ באַזוך פון זיין פרוי. דאָס איז געווען גלייכצייטיק דער ערשטער און דער לעצטער באַזוך. ס׳איז געווען אַ רירנדער און אין דערזעלבער צייט אַ סטאָאישער אָבשייד־נעמען איינער פון צווייטן.

מיסעס בראַון איז אָנגעקומען אין טשאַרלסטאַן שפּעט נאָכמיטאָג. זי איז געצוואונגען געווען דורכצוגיין צוויי שורות באַוואפנטע סאָלדאַטן מיט בלאַנקע באַיאָנעטן און פאַרביי אייניקע געלאָדענע קאַנאָנען ביז צום טיר פון דער פּריזאָן געביידע. ביים אריינגאַנג האָט איר די פרוי פון שעריף אונטערזוכט, צו האָט זי ניט פאַרבאָרגן געווער ביי זיך; דערנאָך האָט דער מיליטערישער קאָמאַנדיר, גענעראַל טאַליפער, געמאָלדן דזשאָן בראַונ׳ען אַז זיין פרוי איז דאָ, און האָט אים געפרעגט וויפיל צייט ער וויל פאַר דער אונטערהעדונג.

„ניט פיל“, האָט בראַון געזאָגט: „דריי אָדער פיר שעה. „מיר האָבן אייניקע וויכטיקע ענינים אַרומצורעדן“.

„דאָס איז אויסגעשלאָסן . . . עס קאָן באַוויליקט ווערן בלויז אַ קורצער באַזוך. דערנאָך וועט זי מוזן תיכּף אָפּפאָרן פון טשאַרלסטאָן“, האָט דער גענעראַל געענטפערט.

„נו, גוט!“ האָט בראַון אויסגערופן: „איך בעט מער קיין זאַך ניט פון אייך. איך בין צופרידן!“

דער וואָרדן פון טורמע, קאַפּיטאַן אַוויס, האָט דאַן אַריינגעפירט מיסעס בראַון אין צעל און איז, לויט דעם באַפעל פון גענעראַל טאַליפער, אַליין פאַרבליבן מיט זיי די גאַנצע צייט פון גע־

שפּרעך. מיט יאָרן שפּעטער, אין אַ זשורנאַל־אַרטיקל, האָט אַוויס איבערגעגעבן די פאָלגנדע איינצלהייטן פון דער דאָזיקער באַגע־געניש פון די צוויי בראַוונס מענטשן.

דזשאָן בראַון איז אויפגעשטאַנען ווען זי איז אַריינגעקומען. ביידע זענען אייניקע מינוטן געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע, אי־בערוועלטיקט פון זייערע עמאָציעס . . . דאַן איז זי צו אים צו־געפאַלן און זיי האָבן זיך אַרומגענומען. נאָך דעם האָבן זיי זיך אַנידערגעזעצט און בראַון האָט דער ערשטער גערעדט:

„מיין פרוי, איך בין גליקלעך דיר צו זען!"

„מיין טייערער מאַן, ס'איז אַ האַרטער, פינסטערער און ביי־זער שיקזאַל . . ."

„נו, נו, מיין טייערע, ניט געזאָרגט. זיי מוטיקער מערי. מיר מוזן עס אַלע איבערטראָגן אַזוי גוט ווי מיר קאָנען. איך גלויב, אַז ס'איז אַלעס צום גוטן".

„יאָ, אָבער אונדזערע אָרימע קינדער . . ."

„די וועלכע זענען טויט, זענען אין הימל . . . זאָג מיר, וואָס מאַכן די וועלכע לעבן? . . . זאָג זיי, אַז זייער פאָטער איז גע־שטאָרבן אָן דאָס מינדסטע באַדויערן דעם קורס, וועלכן ער האָט נאָכגעפאָלגט זיין גאַנצן לעבן. זאָג זיי, אַז ער איז צופרידן און איז זיכער, אַז ער איז גערעכט אין די אויגן פון גאָט און פון אַלע יושר'דיקע מענטשן".

מיסעס בראַון האָט דערנאָך גערעדט וועגן זייערע איבער־געבליבענע קינדער, און וועגן זייער היים . . . זי האָט באַמערקט די שווערע אייזערנע קייטן מיט וועלכע זיינע פיס זענען געווען געשמידט. ער האָט געהאַט אָנגעטאָן צוויי פּאָר וואָלענע זאָקן, כדי די קייטן זאָלן ניט אָנרייבן וואונדן אויף די פיס.

די דאָזיקע קייטן האָט מיסעס בראַון געבעטן ביים גאָווערנאָר פון ווירדזשיניע, מען זאָל זיי איר געבן נאָך דער הינריכטונג. זי האָט זיי געוואָלט האַלטן ווי אַן אָנדיינק אין איר פאַמיליע. דעם דאָזיקן פאַרלאַנג אירן אָהט מען אָפּגעזאָגט.

דערנאָך האָבן מאַן און פרוי גערעדט וועגן געשעפטס־אַנגע־לעגנהייטן. בנוגע דער פאַרם און אויך וועגן די פּרטים פון זיין צוואה, וועלכע ער האָט יענעם טאָג אָנגעשריבן. ער האָט איר איבערגעגעבן אַלע זיינע בריוו און פּאַפּירן.

און דאַ, איז אָנגעקומען אַ שליח פון גענעראַל טאַליפער מיט אַ באַפעל, אַז דער באַזוך מוז זיך תיכּף ומיד ענדיקן.

בראַון האָט זיך דאַן געווענדעט צו זיין פרוי:

„איך האָף, אַז דיר וועט געלינגען צונויפזאַמלען אַלע אונדזערע קינדער און זיי אָנזאָגן, זיי זאָלן צו יעדן נייעם דור אין דער פאַמיליע אונטערשטרייכן די נויטווענדיקייט פון אויפפירן זיך אויף אַן ערלעכן און יושר׳דיקן שטייגער. איך גיב דיר איבער אַלע בריוו און פּאַפּירן וועלכע האָבן מיר דאַ דערגרייכט זינט מיין אַרעסט. איך וויל דו זאָלסט מיטנעמען אהיים אַלע מיינע קליידער, וועלכע געפינען זיך דאָ.

„גוד־באַי, גוד־באַי, מיין טייערע, און גאָד בלעס יו! . . .״

אַזוי האָבן זיך צעשיידט אַן אמת׳ער העלד און אַ מוטיקע פרוי.

* * *

פרייטיק, דער צווייטער דעצעמבער פון יאָר 1859, איז געווען אַ שיינער, זוניקער טאָג. איינע פון יענע זעלטענע טעג וועלכע גיבן צו אַ הערלעכן חן דעם ווינטער סעזאָן.

ניט ווייט פון טורמע, אומגעפער אַ האַלבן מייל, האָט מען פאַרטאָג אויפגעבויט אַן עשאַפאָט . . .

אַכט אַזייגער אינדערפרי זענען אויפ׳ן פּלאַץ אָנגעקומען דריי טויזנט באַוואָפנטע סאָלדאַטן. אַ גרויסע קאַנאָנע איז גע־שטאַנען אָנגעצילט אויפ׳ן אָרט וואו דער פאַר׳משפט׳ער וועט באַלד דאַרפן שטיין.

דזשאָן בראַון איז יענעם טאָג אויפגעשטאַנען באַגינען און האָט זיך באַלד גענומען צו זיין שרייבן. צווישן אַנדערעס, האָט

ער אָנגעשריבן און געבעטן איבערגעבן צו זיין פרוי דעם פאָלגנדן מצבה־אויפשריפט צום אויסקריצן אויף דער פאַמיליען־מצבה . . . פאַר זיינע צוויי יונגע זין וועלכע זענען אומגעקומען אין דעם לעצטן קאַמף זיינעם קעגן דער שקלאַפן־מאַכט, און אויך פאַר זיך:

„אָליווער בראַון. געבוירן אין 1839. געטויטעט ביי הארפערס פערי, ווירדזשיניע, דעם 17טן נאָוועמבער 1859. צוואַנציק יאָר אַלט".

•

„וואַטסאָן בראַון. געבוירן אין 1835. פאַרוואונדעט ביי הארפערס פערי דעם 17טן נאָוועמבער, און געשטאָרבן דעם 19טן נאָוועמבער 1859".

•

דזשאָן בראַון, געבוירן דעם 9טן מאַי, 1800, איז היינגעריכטעט געוואָרן אין טשאַרלסטאָן, ווירדזשיניע, דעם 2טן דעצעמבער, 1859".

האַלב נאָך צען אין דערפרי, איז דער שעריף אריין פון אים אָפשייד נעמען. מען האָט אים דאַן דערלויבט אייניקע מינוטן צו זען און אָפשייד צו נעמען פון זיינע חברים, וועלכע זענען אויך פאַר'משפט געוואָרן צום טויט.

באַזונדערס רירנד און האַרציק איז געווען זיין געזעגענען זיך מיט זיין חבר סטיווענס, וועלכער איז ביז מיט אַ טאָג פריער, אויך געווען זיין צעל־קאַמעראַד.

„גוד־באַי, קעפּטן" האָט סטיווענס געזאָגט, „איך ווייס אַז איר גייט צו אַ בעסערער וועלט".

„איך ווייס עס!" האָט בראַון געענטפערט.

איידער מען האָט אים אַרויסגעפירט צו דער היינגריכטונג האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז מען וועט אים ניט דערלויבן צו האַלטן

וועלכע ניט איז רעדע אויפ'ן עשאפאָט אָדער בכלל עפּעס רעדן פאַר זיין הינריכטונג. בראַון האָט בלויז געבעטן מען זאָל אים געבן אַ שטיקל פּאַפּיר. ווען מען האָט דאָס אים געבראַכט האָט ער אויף דעם אָנגעשריבן די פאָלגנדע ווערטער וועלכע זענען געווען זיינע לעצטע געשריבענע שורות:

„איך, דזשאָן בראַון, בין איצטער מער ווי ווען ניט איז פריער, פעסט איבערצייגט אַז די פאַרברעכנס פון אָט דער שולדיקער מדינה וועלן בלויז דורך בלוט קאָנען אָפּגעווישט ווערן. איך האָב נוצלאָז געגלויבט אַז עס וועט, מעגלעך, קאָנען פאָרקומען אָן אַ סך בלוט פאַרגיסונג".

פּראָפעטישע ווערטער!

* * *

עלף דעם זייגער פאַרמיטאָג איז ער אַרויס פון טורמע מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַ ליכטיקן אויסזען אויף זיין שיינעם און פּאַטריאַרכאַלישן פּנים מיט דער לאַנגער זילבער־ווייסער באָרד. און מיט אַ מינע, ניט פון אַ פאַרברעכער וועלכער גייט צו דער הינריכטונג פאַר באַגאַנגענע פאַרברעכנס, נאָר ווי פון אַ זיגרייכן העלד וועלכער גייט אָקצעפּטירן זיין באַלוינונג . . .

ניט ווייט פון דער דרויסן טויער פון טורמע איז געשטאַנען אַ יונגע נעגער פרוי מיט איר קליין קינד אויף די הענט. אַזוי שנעל ווי בראַון האָט זיך באַוויזן האָט זי דאָס קינד אויפגעהויבן אין דער הויך, עס זאָל קאָנען זען דעם מאַרטירער.

דזשאָן בראַון, גערירט, האָט זיך אויף אַ מאָמענט אָפּגע־שטעלט, זיך איינגעבויגן און אַ קוש געטאָן דאָס קינד.

איניינעם מיט דעם שעריף האָט זיך דער פאַר'משפּט'ער איצט אַריינגעזעצט אין אָפענעם וואָגן וואָס איז געשטאַנען גרייט אים צו פירן צום עשאַפאָט. אין דעמזעלבן וואָגן הינטער אים, איז אויף דער אָנגעגרייטער טרונע געזעסן דער „אָנדערטייקער" . . . אַן אָפּטיילונג באַוואָפנטע סאָלדאַטן אויף פערד האָבן איצט שנעל אַרומגערינגלט דעם וואָגן און מען איז אָפּגעפאָרן.

אַרויפגייענדיק אויף די טרעפּלעך פון דעם עשאַפאָט, האָט בראַון געוואָרפן אַ בליק אויף דער אַרומיקער לאַנדשאַפט מיט די שיינע בערג פון דערווייטנס.

„דאָס איז באמת אַ וואונדער שיינער אומגעגנט" האָט ער אַ זאָג געטאָן צום שעריף. „איך האָב עס פריער, דורכפאָרנדיק דאָס פעלד, ניט אַזוי גוט באַמערקט."

אויפ'ן עשאַפאָט האָט ער זיך געווענדעט צום שעריף און צו זיינע אַרויסהעלפער: „גוד־באַי, דזשענטלמען, איך באַדאַנק יעדן איינעם פון אייך פאַר אייער גוטער באַהאַנדלונג".

דזשאָן בראַונ'ס מוטיקע האַלטונג אויפ'ן עשאַפאָט האָט אַרויסגערופן די באַוואונדערונג פון זיינע ביטערסטע שונאים.

מען האָט דורכגעפירט דעם עפנטלעכן לעגאַליזירטן יוסטיץ־מאָרד. די פינסטערע כחות אין לאַנד האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

אַ גאַנצע שטונדע צייט איז דער קערפּער פון דעם גרויסן פרייהייטס־קעמפער געהאַנגען אויף דער תליה. דערנאָך האָט מען עס אַרונטערגענומען און אָפּגעשיקט צו דער פאַמיליע.

אויך אָט־דאָס איז ניט אָנגעקומען גרינג. אפילו דעם טויטן קערפּער פון דזשאָן בראַון האָט דער סטייט ווירדזשיניע ניט גערן אַרויסגעלאָזן פון די הענט. אויך נאָך דער הינריכטונג האָבן די שונאים געדורשט נאָך נקמה, און האָבן ניט געוואָלט דערלאָזן דעם קערפּער קומען צו בכבוד'יקער קבורה . . . עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך מי און פּראָטעקציע איידער די הינריכטונג איז דורכגעפירט געוואָרן ביז וואַנען אָט דער דאָזיקער פאַרלאַנג פון דער פאַמיליע זאָל באַוויליקט ווערן.

דער אַלטער אַפּאָסטאָל פון באַפרייאונג איז באַערדיקט גע־וואָרן אויף זיין פאַרם אין נאָרד עלבאַ, ניו־יאָרק.

ביים אָפענעם קבר האָט זיין אידייען־חבר, דער גלענצנדער אָראַטאָר און מוטיקער קעמפער פאַר מענטשלעכער פרייהייט און רעכט װענדל פיליפּס *) געהאַלטן אַ געפילפולע רעדע וועלכע איז

---

*) זעט דעם נאָכפאָלגנדן קאַפּיטל.

געווען מער ווי אַן אָפּשאַצונג פון דעם מאַרטירער'ס שטורמישער קאַריערע. עס איז געווען אַ רוף פאַרצוזעצן דעם גרויסן קאַמף פאַר וועלכן דזשאָן בראַון האָט אָפּגעגעבן זיין העלדישן לעבן.

די פרייד פון די שקלאַפנהאַלטער אין דער סאַוט מיט זייערע אַלעאירטע אין דער נאָרד איבער דער הינריכטונג פון זייער ביטערסטן שונא, האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דזשאָן בראַון'ס מאַרטירער טויט האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אַנטשלוס פון די אַבאָליציאָניסטן פאַרצוזעצן זייער קאַמף. די הינריכטונג פון דזשאָן בראַון האָט פאַרזיכערט די דערוויילונג פון אייבראַהאַם לינקאָלן צום אַמט פון פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן דעם פאָלגנדן יאָר. און ווען די אַרמייען פון דער נאָרד האָבן קורץ נאָך דעם באַטראָטן דעם באָדן פון ווירדזשיניע מיט'ן צוועק צו באַפרייען די נעגער שקלאַפן פון דער סאַוט, איז עס געווען מיט דזשאָן בראַון'ס נאָמען אויף די ליפּן און מיט זיין גייסט אין זייערע הערצער. און די פּאָפּולערסטע קריג'ס־ליד איז געווען:

„דזשאָן בראַונס באָדי לייז מאָלדערינג
אין דהי גרעיוו . . .
באָט היז סאָול גאָוז מאַרטשינג אָן . . . .

(דזשאָן בראַון'ס קערפּער ליגט און ווערט צושטויבט אין קבר,
אָבער זיין גייסט מאַרשירט אין פאָראויס.)

און ביז היינטיקן טאָג איז דער נאָמען דזשאָן בראַון און די געשיכטע פון זיין מערקווירדיקער קאַריערע אַ דערמוטיקונג צו אַלע מענטשן וועלכע ליבן פרייהייט און וועלכע האַסן יעדע פאָרם פון מענטשלעכער קנעכטשאַפט.

פון „דער טאָג" (ניו־יאָרק), נאָוועמבער, 1935

װענדעל פיליפּס

וועגדעל פיליפס

1811-1884

פון דעם גרויסן שטורם־און־דראַנג פעריאָד אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, (געשילדערט אין אַלגעמיינע שטריכן אינ'ם פּאָריקן קאַפּיטל), דער פעריאָד וועלכער ליגט צווישן דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און באַפרייאונג'ס־קריג קעגן ענגלאַנד, ביז צום שלום פון דעם גרויסען בירגער קריג פון די זעכציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, זעט זיך אָן אין צענטער פון די גרויסע פערזענלעכקייטן אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, די געשטאַלט פון דעם נאָבעלן פרייהייטס־שטורמער און קעמפנדן ריטער פאַר מענטשלעכע רעכט און פרייהייט, ווענדעל פיליפּס.

די שטורמישע קאַריערע פון אָט דעם דאָזיקן פרייהייטס־שטורמער און מערקווירדיקן מענטשן קאָן און דאַרף דינען ווי אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און דערמוטיקונג פאַר פרייהייטס־ליבנדע מענטשן איבעראַל.

באַגאַבט מיט אַ בריליאַנטענעם און אויסערגעוויינלעכן אינטעלעקט, פאַרמאָגנדיק אומפאַרגלייכבאַרע אָראַטאָרישע פעאיקייטן, (ער איז אַנערקענט ווי איינער פון די סאַמע גלענצנדסטע אָראַטאָרן פון דער אַנגלאָ־זאַקסישער ראַסע), האָט ער, אין זיין גרויסן קאַמף פאַר'ן אמת און פאַר מענטשלעכער באַפרייאונג פון די קייטן פון פיזישע און גייסטיקע פאַרקנעכטונג, אַרויסגעוויזן אומבאַגרעניצטן מוט און פערזענלעכן קוראַזש. אומגערעכטיקייט, פּריווילעגיע און טיראַניי האָבן קעגן זיך קיין מאָל ניט געהאַט אַ גרעסערן און אַ מוטיקערן שונא. און קיין מענטש אין דער לאַנגער געשיכטע פון מענטשלעכן קאַמף פאַר פאָרשריט, האָט ניט געבראַכט אַזעלכע בייטראָגן אָדער אַזוי פיל געליטן פאַר דעם אידעאַל פון אמת און פרייהייט, ווי עס האָט געטאָן ווענדעל פיליפּס.

געבענטשט ביי זיין געבורט מיט אַ גינסטיקער אומגעבונג, מיט יעדע מעגלעכקייט און אויסזיכט פאַר אַ דערציאונג צו אַ דערפאָלגרייכער און רומפולער קאַריערע, דערפאָלגרייך אין דעם זין און אין דער מאָס מיט וועלכן די מאַטעריעלע וועלט מעסט „דער־

פאָלג״; פון אַ הויך אַריסטאָקראַטישער און מיוחס׳דיקער רייכער פאַמיליע, הויכגעשטעלט אין דער געזעלשאַפט פון ניו־ענגלאַנד, איז דאָס קינד געבוירן געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, „אין אַ זיידן העמדל״. זיין פאָטער איז געווען אַ פּראָמינענטער יוריסט, אַ סענאַטאָר, און אין יאָר 1822, דער ערשטער סיטי־מעיאָר פון דער שטאָט באָסטאָן. וועגדעל האָט באַקומען זיין דערציאונג אין די בעסטע בילדונגס אנשטאַלטן צו וועלכע די קינדער פון „פּראָסטן פאָלק״ האָבן קיין צוטריט ניט געהאַט. אַ גראַדואירטער פון האַר־וואַרד אוניווערזיטעט, פאַרמאָגנדיק עלאָקווענטע פליסיקייט פון שפּראַך, אומפאַרגלייכבאַרע דיקציע, און אַ הויכע, שיינע אימפּאָ־זאַנטע פיגור, — בקיצור, אַ יונגערמאַן, וועלכער איז נאָר וואָס אריינגעטראָטן אין אַ פיל־פאַרשפּרעכנדיקער יורידישער קאַריערע, וועלכער פאַרמאָגנדיק אַזעלכע גרויסע פעאיקייטן און די גינסטיק־סטע מעגלעכקייטן, וואָס אָן גרוים מי פאַר זיך געקאָנט עפענען דעם וועג צום יונייטעד סטייטס סענאַט אין וואַשינגטאָן, און פון דאָרטן, לאָגישערווייז, צום העכסטן אַמט אין לאַנד — פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָט די אַלע ברילִיאַנטענע אויסזיכטן האָט וועגדעל פיליפּס מקריב געווען אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט די אומפּאָפּולערע באַוועגונגען פון די דערנידעריקטע און די באַ־ליידיקטע אונטעראָכטע מאַסן פון דער געזעלשאַפט.

זיין קאַמף פאַר מענטשלעכער פרייהייט וועלכן ער האָט אָנ־געהויבן מיט דער אַבאָליציאָנס־באַוועגונג האָט זיך ניט געענדיקט מיט דעם אָפּשלוס פון בירגער־קריג, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די מערסטע אַבאָליציאָניסטן. די באַפרייטע נעגער זענען אריבער פון פיזישער שקלאַפעריי צו דער לוין־שקלאַפעריי אין וועלכער עס האָבן זיך געמוטשעט אויך די ווייסע מאַסן פון פאָלק. די „פריד־מען״, די באַפרייטע קנעכט, זענען, ווען זיי האָבן וואָר־ניט־וואו, זיך דערשלאָגן צו אַרבעט, געוואָרן פריי צו אַרבעטן פאַר אַ הונגער לוין, אויסגעשטעלט צו אַלערליי דיסקרימינאַציעס

מצד אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, אָן דער השגחה און שוץ וועלכע זיי פלעגן האָבן, אין דער פאַר'ן־בירגערקריג עפּאָכע ביי זייערע אייגנטימער, אין וועמעס אינטערעסן ס'איז געווען צו זען, אַז דער שקלאַף זאָל האָבן גענוג צו עסן, זיין געזונט פיזיש, און דורכדעם ווערן מער פּראָדוקטיוו אויף די קאַטאָן פעלדער.

ביז צו זיין לעצטן אָטעמצוג איז ווענדעל פיליפס פאַרבליבן געטריי צו דעם ריכטשנור פון זיין לעבן: ביטערע אָפּאָזיציע קעגן אַלע פאָרמען פון אונטערדריקונג און אומדערמידלעכן קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. און פיליפס, דער גלויבער אין נייע, פרייע אידייען, איז פאָלגלעך געוואָרן דער אַקטיווער, אומ־קאָמפּראָמיסלעכער אַנטאַגאָניסט פון יענע עקזיסטירנדע אינסטי־טוציעס וועלכע באַשיצן אומגערעכטיקייט און דעם הערשנדן קלאַס, און וועלכע הינדערן דעם גאַנג פון מענטשלעכן פּאָרשריט.

* * *

ווענדעל פיליפס איז געבוירן געוואָרן אין באָסטאָן, מאַסאַ־טשוזעטס, דעם 29טן נאָוועמבער אין יאָר 1811. ווען ער איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר, איז ער אַריינגעטראָטן אין האַרוואַרד אוניווערזיטעט. ווי זיין פאָטער פאַר אים, האָט ווענדעל זיך גענומען צום שטודיום פון יוריספּרודענץ („לאָא"). מיט דריי יאָר שפּעטער, אין 1834 האָט ער מיט אויסצייכענונג גראַדואירט פון האַרוואַרד לאָא־סקול.

„אויב קליענטן וועלן ניט קומען", האָט ער אַ זאָג געטאָן צו אַ נאָענטן פריינט ביים עפענען זיין לאָא־אָפיס אין באָסטאָן, „וועל איך מיט לייב־און־לעבן זיך אַריינוואַרפן אין אַ ווירדיקע באַ־וועגונג און וועל צו דעם ווידמען מיין גאַנצן לעבן".

קליענטן זענען אָבער יאָ געקומען צו אים, און גאַנץ פאַר־מעגלעכע דערצו; ווייל פון סאַמע אָנפאַנג האָט זיך גענומען פאַר־שפּרייטן זיין פּאָפּולאַריטעט ווי אַ בריליאַנטענער אַדוואָקאַט. אָבער די ווירדיקע באַוועגונג איז אויך גאַנץ פרי געקומען . . .

און ווען פאַר דעם יונגן פּאָפּולערן אַדוואָקאַט האָט זיך אוועקגע־שטעלט דער אַנטשיידנדער אויסוואַל צווישן פּערזענלעכער באַ־קוועמלעכקייט און דינסט פאַר דער מענטשהייט, איז זיין אַנט־שיידונג געקומען שנעל און מיט אַנטשלאָסנקייט.

ווען ווענדעל פיליפּס האָט זיך פאַרבונדן מיט דער אַנטי־שקלאַפעריי באַוועגונג האָבן זיך זיינע אַריסטאָקראַטישע פּריינט און רייכע קליענטן פון אים אָפּגעטרייסלט. זיין פאַמיליע האָט זיך פון אים אָפּגעזאָגט ווי פון אַ משומד. די דאָזיקע האַנדלונגען האָט אים ווייניק וואָס געקימערט. דער אַגרעסיווער קעמפער אין אים איז דערוואַכט געוואָרן. זיך אַנשלאָגנדיק אָן געזעצן וועלכע ער האָט געוויסנהאַפט ניט געקאָנט פאַרטיידיקן, פאַרשליסט דער יונגער אַדוואָקאַט זיין לאָאַ־אָפיס, און גיט אויף אַ פּראַקטיס וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אים אַריינברענגען אַ באַדייטנדן איינקונפט.

אין לויף פון דעם פאָלגנדן פערטל יאָרהונדערט, פון דעם יאָר 1835 ביז צום יאָר 1860, קומט אים אויס צו אַרבעטן אין טאָג־טעגלעכער לעבנס געפאַר. די שקלאַפן אייגנטימער מיט זייערע סימפּאַטיקער ווען ער פלעגט אָן אויפהער ביטער אַטאַקירן מיט וואָרט און מיט פען, זענען געווען אַנטשלאָסן אים אָפּצוראַמען פון וועג. ווענדעל פיליפּס האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט פון אַלע געפאַרן און דראָאונגען. זיין זעלטענער רעדנער טאַלאַנט האָט זיך אַם־בעסטן אַרויסגעוויזן אין אַטאַקע. ער האָט זיך ערשט רעכט דערפילט אין זיין עלעמענט, ווען ער איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע און געפירט אַ ווערטער־שלאַכט מיט אַ פיינטלעך געשטימטן עולם. מיט זיין מוטיקע אָנפירערשאַפט פון די גע־טרייע אָנהייגער פון דער באַפרייאונגס באַוועגונג האָט ער ניט אויפגעהערט אויפרייצן דעם בלוט־דורשט פון זיינע שונאים.

דער באַשלוס פון דעם יונגן אַריסטאָקראַט זיך ווידמען צו דער באַוועגונג לטובת די דערנידעריקטע שקלאַפן האָט אַרויס־גערופן פיל אויפזען באַזונדערס אין די ניו־ענגלאַנד שטאַאַטן. דער

באַרימטער אַמעריקאַנער פּאָעט דזשיימס ראָסל לאָעל, אַ פּערזענ־לעכער פריינט און פּאַרערער פון דעם גרויסן פרייהייטס קעמפּער, האָט צו יענער צייט אין איינע פון זיינע פּאָעמען, געשילדערט פיליפּ׳ס אויסוואַל צווישן אַ בירגערלעכער קאַריערע און אַ לעבן געווידמעט צו די אינטערעסן פון די פּאָלקס מאַסן. די פאָלגנדע שורות פון דער דאָזיקער פּאָעמע ברייגגען מיר דאָ אין פרייער איבערזעצונג פונ׳ם אָריגינאַלן ענגלישן טעקסט:

„ער איז געשטאַנען אויף דער וועלטיס ברייט שוועל: אין טשאַד
האָט זיך דער רעש פון ביטערן שטרייט דערהויבן,
ער האָט געזען גאָט שטיין אויפן זייט פון שוואַכן צד,
וואָס איז געפאַלן פאַרן פיינד, אָפּגעשוואַכט אין גלויבן.
און פילע, קליין אין גייסט, האָבן זיך געאיילט פון שלאַכט,
פאַרקויפט צום כיטרן פיינד, פאַרשאַכערט זייערע שווערדן.
ער האָט זיך אָפּגעקערט פון רום, פון גאָלד, פון מאַכט —
פון הינטער זייערע בלומען־רייד פון שיינע ווערטן
האָט ער דערהערט דאָס שיפּן פון דער שלאַנג . . .
דערפאַר איז ער אַוועק, און מיט אַ ריינעם האַרצן
זיך אָנגעשלאָסן דרייסט צום שוואַכן צד . . .
„פאַנאַטיק" — „נאַר" האָט מען אים דאַן גערופן, אַטאַקירט
מיט ווילדן וואוט. נאָר ער האָט זיך דערפילט צעפרידן
דערנעענטערט צו גאָטיס האַרץ. פילנדיק
די ערנסטע פולסירונג, וואָס שיקט קורסירנד בלוט
דורך אַלע ווייט פאַרשפרייטע אָדערן פון ענדלאָזן גוט".

גאַריסאָן און זיין קאַמף

אין יאָר 1830 זענען דריי מיליאָן מענטשן אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן געהאַלטן געוואָרן אין שקלאַפעריי אין די הענט פון דריי הונדערט טויזנט שקלאַפן־אייגנטימער אין דער סאַוט. די דאָזיקע פּאַמיעשטשיקעס, די גרויסע קאָטאָן־פּלאַנטאַטאָרן, זענען נתעשר געוואָרן דורך זייער אוממענטשלעכער עקספּלואַטאַציע פון די שוואַרצהויטיקע שקלאַפן.

קעגן דער הימל־שרייענדער אומגערעכטיקייט פון אַזעלכע צושטענדן האָבן הומאַניטאַרע מענער און פרויען שאַרף פּראָטעסטירט. זיי האָבן זיך פאַראייניקט אין „אַנטי־סלעיווערי״ פאַראיינען אין ניו־ענגלאַנד און אין אַנדערע שטאַאַטן פון דער נאָרד און מיטל־וועסט. אָט די דאָזיקע „אַבאָליציאָניסטן״, ווי זיי האָבן זיך גערופן, זענען אָפט מערדערלעך אַטאַקירט געוואָרן פון אויפגעהעצטע און צעיושעטע „מאָבס״, וועמעס ברוטאַליטעטן האָבן באַקומען שטילע דערמוטיקונג מצד פילע איינפלוסרייכע און פּראָמינענטע בירגער און „פּאָליטישענס״ פון יענער צייט.

די אַלגעמיינע פּרעסע, די קירכע, און אַלע אַנדערע פורעמער און באַאיינפלוסער פון דער עפנטלעכער מיינונג אין לאַנד האָבן, אין איבערוועלטנדער מאַיאָריטעט, פאַרטיידיקט די „געזעצלעכע רעכט״ פון די שקלאַפנטרייבער און שקלאַפן־אייגנטימער. מיט געשליפענעם סאָפיזם האָבן זיי זיך באַמיט מטהר זיין דעם שוואַרצן שרץ פון נעגער־שקלאַפעריי.

פילנדיק די נויטווענדיקייט פון אויפקלערנדער אַגיטאַציע און בעיקר פון אַן אייגענער פרייער פּרעסע וואָס זאָל זיך פאַרמעסטן קעגן דעם פינסטערן רעאַקציאָנערן כח אין לאַנד, האָט דער מוטיקער אַבאָליציאָניסטן פירער וויליאַם לאָיד גאַריסאָן, (געבוירן דעם 10טן דעצעמבער, 1806 און געשטאָרבן אין יאָר 1879) באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן „אַנטי־סלעיווערי״ צייטונג. ווי דער יונגער דוד קעגן גלית הפלישתי, איז גאַריסאָן מוטיק אַרויסגע־

טראָטן ווען ער האָט אין באָסטאָן אָנגעהויבן און אָנגעפירט זיין היסטאָרישן קאַמף אין זיין באַרימט געוואָרענער צייטונג „די ליבערייטאָר". (דער באַפרייער).

אָבער דעם גלית פון נעגער שקלאַפעריי האָט מען מיט איין שטיינדל ניט געקאָנט אַוועקלייגן. עס האָט זיך געפאָדערט יאָרן פון שווערן, פאַר'עקשנ'טן קאַמף. אין אָט דעם דאָזיקן קאַמף איז גאַריסאָנ'ס „ליבערייטאָר" געוואָרן דער קאַמף־אָרגאַן און דער זאַמלפונקט פון דער גאַנצער זיך־פאַרשפּרייטנדער אַבאָליציאָנס באַוועגונג.

אין אַ געוויסן טאָג אין זומער פון יאָר 1836, אַ קורצע צייט איידער ער האָט אויפגעהערט פּראַקטיצירן לאָא, איז פיליפּס געזעסן אין זיין אָפיס און האָט געלייענט אַ בוך.

פּלוצלינג האָט זיך צו אים פון דרויסן דערטראָגן די קלאַנגען פון גרוים גערודער און טומל. וועגדעל פיליפּס איז שנעל אַרויסגעלאָפן אין גאַס און דערזען ווי אַ צעווילדעטער מאָב פירט און טרייבט־אונטער אַ האַלב נאַקעטן יונגן מאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ שטריק מיט אַ פּעטליע אַרום האַלדז. דער ווילדער המון האָט זיך געגרייט דורכפירן אַ „לינטש" מאָרד.

— ווער איז דאָס? — האָט פיליפּס אַ פרעג געטאָן ביי אַ צווייטן צושויער.

— אָ, דאָס איז גאַריסאָן, דער פאַרדאַמטער אַבאָליציאָניסט. מען וועט אים איצט אויפהיינגען.

בלויז אַ דאַנק דער ענערגישער און געוואַגטער אַריינמישונג פון אַ מוטיקע גרופּע פון זיינע פאַרזעגלעכע פריינד, וועלכע האָבן קאָאָפּערירט מיט דער פּאָליציי, איז יענעם טאָג ווילִיאַם לאָיד גאַריסאָן ניצול געוואָרן פון טויט אין באָסטאָן. די שרעקלעכע איבערלעבונג האָט דעם העלדישן רעדאַקטאָר פון באָסטאָנער „ליבערייטאָר" ניט אַנטמוטיקט. פיר און דרייסיק יאָר נאָכאַנאַנד איז ער געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן און האָט רעדאַקטירט די

צייטונג. מיט וואָס פאַר אַ געפאַרן די דאָזיקע אַרבעט זיינע איז געווען פאַרבונדן, און וויפיל קריזיסן די צייטונג מיט איר רעדאַקטאָר האָבן דורכגעמאַכט אין לויף פון יענע דריי צענדליק יאָר, קאָנען די לעזער זיך אַליין משער זיין.

די פּאַסירונגען פון יענעם טאָג אין באָסטאָן האָבן אויף ווענדעל פיליפּס'ן געמאַכט אַ דערשיטערנדן און אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. יענער טאָג האָט פאַרצייכנט אַ ווענד־פּונקט אין זיין לעבן און האָט אים דערנענטערט צו די אַבאָליציאָניסטן. אָבער צו אַן אַקטיוון אַנטייל נעמען אין דער באַוועגונג איז ער ערשט געקומען ביים סוף פון דעם פאָלגנדן יאָר, 1837, נאָך דער שטורמדיקער און העכסט דראַמאַטישער פאַרזאַמלונג אין פעניועל האָל.

אייניקע וואָכן נאָך דעם פאַרזוך צו דערמאָרדן וויליאַם לאָיד גאַריסאָנ'ען, איז פיליפּס'ן אויסגעקומען, צום ערשטן מאָל, בייצוּוואוינען אַן עפנטלעכע לעקציע פון דער יונגער און הויך באַגאַבטער אַבאָליציאָנ'ס אַגיטאַטאָרשע, די הויך געבילדעטע פרוי,ען טערי גרין. מיס גרין האָט באַלאַנגט צו איינע פון די סאַמע אָנגעזעענסטע, רייכסטע און מיוחס'דיקסטע פאַמיליען פון דער באָסטאָנער אַריסטאָקראַטי פון ביקאָן היל. זי האָט פאַרלאָזן אירע „סאָסייעטי" קרייזן און מיט'ן גאַנצן ערנסט פון איר איידעלער נשמה, האָט זי זיך געווידמעט צו דער פרייהייטס־באַוועגונג.

דער ענטוזיאַזם און די אויפריכטיקייט פון דער יונגער רעדנערין האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק. ער איז מיט איר פּערזענלעך באַפריינדעט געוואָרן, און אַ דאַנק איר איינפלוס איז ער אינגיכן געוואָרן אַ קעמפער פאַר דער באַוועגונג.

די פריינשאַפט פון ווענדעל פיליפּס מיט ען גרין האָט זיך אַ דאַנק זייער נאָענטע מיטאַרבעטערשאַפט פאַרוואַנדלט אין קעגנזייטיקער ליבע. אין אָקטאָבער פון דעם פאָלגנדן יאָר 1837, האָבן זיי געהייראַט. ען טערי פיליפּס וועלכע האָט אַ חוץ איר

גרויסער בילדונג און לאַגישע פאַרשטענדעניש פון זאַכן, אויך פאַרמאַגט אַ מונטערע נאַטור, האָט אויף איר מאַן אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס און האָט אים דערמוטיקט אין זיין לעבנלענגלעכן קאַמף.

אָבער דער שאָטן פון טראַגעדיע האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער דעם אידעאַלן פאַמיליען־לעבן פון די פיליפּס'. פרוי פיליפּס וועלכע איז נאָך פון איר פריען יוגנט געווען אַ פיזיש שוואַכער מענטש, האָט אַ קורצע צייט נאָך איר חתונה דורכגעמאַכט אַן ענסטע קראַנקהייט, פון וועלכער זי איז אויף איר גאַנצן לעבן פאַרבליבן אין אַן אינוואַלידן צושטאַנד.

אין לויף פון אייניקע חדשים נאָך דער חתונה, איידער זי איז קראַנק געוואָרן, האָט זי איינינעם מיט איר מאַן אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער באַוועגונג. דערנאָך איז זי צוליב איר פיזישן צושטאַנד געווען געצוואונגען צו ליגן אין בעט די גאַנצע עטלעכע־און־פערציק־יאָר פון זייער פאַרהייראַטן לעבן. וועגדעל פיליפּס האָט זיין קראַנקע פרוי באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט און איבערגעבנקייט. ער פלעגט זיך מיט איר באַראַטן אין אַלע וויכטיקע אַנגעלעגנהייטן און פּראָבלעמען. פרוי פיליפּס איז געשטאָרבן אין יאָר 1881. בלויז דריי יאָר צייט האָט וועגדעל פיליפּס איר איבערגעלעבט.

ראַסן דיסקרימינאַציעס

די שקלאַפנטרייבער פון דער סאַוט האָבן צו יעדער צייט זיך געקאָנט שטיצן אויף אַ צאָל געטרייע פריינט און אַרויסהעלפער אין דער נאָרד. מיט דער אויסנאַם פון די ליבעראַלע און די אַבאָליציאָניסטישע קרייזן, האָט מען דעם נעגער אויך אין דער נאָרד באַטראַכט מיט אומפריינדלעכע אויגן. און אין געוויסע שיכטן פון פאָלק זאָגאַר מיט שנאה. שוין אָפּגערעדט פון יענע עלעמענטן וועלכע האָבן אויף איין אופן אָדער אַן אַנדערן פּראָפיטירט פון דעם שקלאַפן סיסטעם. אויך צווישן די אָרימע און אַרבעטנדע

מאַסן פון דער ווייסער באַפעלקערונג אין די צפון שטאַאַטן, וואו מען האָט געקאָנט דערוואַרטן פאַרשטענדעניש און סימפּאַטיע מיט די ליידן פון די מיליאָנען נעגער שקלאַפן, האָבן זיך געהאַט איינגעבירגערט אַנטי־נעגער שטימונגען. די דאָזיקע אַנטיפּאַטיעס האָבן זיך פאַרשטאַרקט מיט דעם ביטערן „ווייספעריגג קאַמפּיין" פון פאַראינטערעסירטע פּראָפּיטירער פון'ם שקלאַפן־סיסטעם, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט קלאַנגען וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק אַז ווען די נעגער שקלאַפן אין דער סאַוט וועלן באַפרייט ווערן וועלן זיי זיך מאַסנווייז אַ לאָז טאָן אין דער נאָרד, און מיט זייער גרייטקייט צו אַרבעטן פאַר די סאַמע נידעריקסטע שכירות וועלן זיי אוועקרויבן דעם מאַגערן ביסן ברויט ביי די ווייסע אַרבעטער און פאַרנעמען זייערע אַרבעטס פּלעצער.

אין אייניקע שטאַאַטן אין דער נאָרד, וואו שקלאַפעריי איז געווען פאַרבאָטן און וואו דער נעגער איז לויט'ן געזעץ געווען אַ פרייער מענטש, האָבן טראָצדעם עקזיסטירט, אויך אין ניו־ענגלאַנד — „די וויגל פון אַמעריקאַנער פרייהייט", געזעצלעכע באַגרעניצונגען און אָפענע דיסקרימינאַציעס קעגן זיי. און איבער דער גאַנצער סאַוט ביז צו היינטיקן טאָג, עקזיסטירן און זענען נאָך אין פולער קראַפט, די אַזוי־גערופענע „דזשים־קראָו" געזעצן פאַר געצוואונגענער אָפּגעזונדערטקייט פון ביידע ראַסן. באַזונדערע וואָקזאַלן, שולן, אָפּגעזונדערטע זיץ־ערטער אויף די „סטריט קאַרס", „באָסעס" און באַנען. פון דער הויפּט־שטאָט וואַשינגטאָן דאַרף מען בלויז אַריבערגיין דעם בריק איבער'ן טייך פּאָטאָמאַק, אַריין אין דעם סטייט ווירדזשיניע, צו קומען פּנים אל פּנים מיט די דאָזיקע ראַסן דיסקרימינאַציעס. אויף שריט און טריט וואַרפן זיך אין די אויגן, אויף אַלע עפנטלעכע פּלעצער די שילדן „פאָר וואיט" און „פאָר קאָלאָרד". אין מאַנכע שטעט און שטעטלעך איבער דער סאַוט ווערט צוגעגעבן דער וואָרט „פּיפּל". אין אַנדערע, וואו די ווייסע יחסנים קאָנען ניט צולאָזן דעם אַפּיקורסישן געדאַנק, אַז די שוואַרץ־הויטיקע זענען אויך מענטשן, ד. ה. „פּיפּל", זעט מען די טשיקאַווע שילדן: פון איין זייט „פאָר וואיט פּיפּל",

און פון דער אַנדערער זײַט „פאַר קאָלאָרד רעיס" . . . „רעיס", ראַסע, קלינגט עפּעס ניט אַזױ חשוב װי פאָלק! אָבער דאָס איז שױן אַן ענין פון געשמאַק אויף װעלכן מען פרעגט קײן קשיות ניט.

צו דער צײַט װעלכע װערט דאָ געשילדערט, זענען אויך אין דער נאָרד אין קראַפט געװען ענלעכע דיסקרימינירנדע געזעצן, קעגן װעלכע די אַבאָליציאָניסטן האָבן אָנגעפירט אַ העפטיקן קאַמף. אַ נעגער קינד איז געװען פאַרבאָטן צו באַזוכן אַ סקול פאַר װײַסע, און אַ ספּעציעלע שולע פאַר נעגער־קינדער האָט מען ניט דערלאָזן. עס איז דאָ װערט צו דערמאָנען דעם פאַל מיט דער יונגער אַבאָליציאָניסטישע מאַרטירערין מיס פּרודענס קרענדל װעלכע איז אויסגעשטאַנען אַ סך פאַרפאָלגונג צוליב דעם װאָס זי האָט אין אָנגעזיכט פון די אַלע געזעצלעכע און געזעלשאַפטלעכע דיסקרימינאַציעס, אין דעם יאָר 1832 אין װאָטערבורי, קאָנעקטיקוט, געעפנט אַ פּריװאַט־שולע פאַר נעגער קינדער. מען האָט לסוף איר געצװאונגען פאַרמאַכן די שול צו פאַרמײַדן ענלעכע אַקטן מצד די פאַרהאַסטע אַבאָליציאָניסטן, האָט מען דעם פאָלגנדן יאָר (1833) אָנגענומען אַ סטײט געזעץ, גילטיק פאַר'ן גאַנצן שטאַט קאָנעקטיקוט, װאָס דערקלערט פאַר אַ קרימינעלן אַקט יעדן פאַרזוך צו עפענען אַ שול פאַר נעגער קינדער. (זעט „די ניגראָ ייער בוק" פון יאָר 1919, ז. 159).

אין אַזאַ רעאַקציאָנערער פּאָליטישער און געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע איז קײן װאונדער ניט, װאָס די אַבאָליציאָניסטן זענען באַטראַכט געװאָרן װי אַ געפערלעכער און דעסטרוקטיװער עלעמענט, שטערער פון דער עפנטלעכער רו און „שונאים פון דער געזעלשאַפט". פאָלגלעך איז צו יענער צײַט ניט שװער געװען צונױפזאַמלען אַן אויפגעהעצטן המון װאָס איז געװען גרײט צו באַפאַלן און אומברענגען די אָנגעזעענע אָנפירער פון דער אַבאָליציאָנס באַװעגונג.

פעניועל האָל

ניט אַלעמאָל פלעגט זיך איינגעבן אַרויסצוראַטעווען דעם קרבן פון די נעגל פון די „לינטש"־מערדער, ווי אין דעם אויבנגעבראַכטן פאַל מיט וויליאַם לאָיד גאַריסאָן. דאָ און דאָרט זענען די מאָרד־אַקטן דורכגעפירט געוואָרן בשלמות. די געשיכטע פון דער אַבאָליציאָנס באַוועגונג, ווי פילע אַנדערע באַוועגונגען פאַר מענטשלעכן פאָרשריט און פרייהייט, האָט זיך אירע מאַרטירער און הייליקע, וועמעס בלוט האָט אָנגעצייכנט דעם וועג צום ציל. אַ פאַל וואָס האָט באַזונדערס אַרויסגערופן אַ סך היים בלוט און קעגנזייטיקער שנאה צווישן די פיינטלעכע לאַגערן, איז פאָרגעקומען אין דער שטאָט אַלטאָן אין דער סטייט אילינאָי, וואו אַ „פּראָ־סלעיווערי" מאָב האָט דערמאָרדעט דעם בראַוון אַבאָליציאָניסטישן רעדאַקטאָר און קעמפער עליידזשאַ לאַווזשאָי.

לאַוודזשאָי איז געווען אַ יונגער טעאָלאָג וועלכער האָט אויפגעגעבן זיין שטעלע אַלס גייסטלעכער און זיך געווידמעט צו דער באַפרייאונגס באַוועגונג אין דער מיטל־וועסט. די געשיכטע פון זיין העלדישן קאַמף פאַר אַ פרייער פּרעסע און פון זיין מאַרטירערטויט איז פול מיט דראַמאַטישן העראָאיזם. ווען אַ צעיושעטער המון פלעגט באַפאַלן און צעשמעטערן די דרוקעריי און פאַרברענען די געביידע אין וועלכער זיין ציימונג האָט זיך געדרוקט, פלעגט זיך לאַוודזשאָי תיכף אַריבערקלייבן אין אַ דערבייאיקער שטאָט און אַרויסגעבן אַ נייעם קאַמפּס־בלאַט. אַזוי איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף ביז וואַנען די פּראָ־סלעיווערי לייט אין אילינאָי האָבן באַשלאָסן, אַז דער איינציקער וועג אַ סוף צו מאַכן צו לאַוודזשאָי'ס אַגיטאַציע איז, אים פיזיש „ליקווידירן", און אָפּראַמען פון וועג. און אין נאָוועמבער פון יאָר 1837 האָבן זיי דורכגעפירט זייער טייפלשן פּלאַן.

ווען די נייס פון דעם שוידערלעכן פאַרברעכן האָט דערגרייכט ניו־ענגלאַנד, האָבן די אַבאָליציאָניסטן פאַררופן אַ ריי גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען. אין איינזיקע שטעט האָבן זיך גרויסע צאָלן

אנטי־אבאליציאניסטישע בויאנעס אריינגעריסן צווישן דעם פאר־זאמלטן עולם און האבן צעשטערט די מיטינגען.

אין באסטאן, אין דער אינטעלעקטועלער מעטראפאליע פון לאנד פון יענער צייט, איז די גרויסע פראטעסט־פארזאמלונג פאר־געקומען דעם 8טן דעצעמבער, 1837. עס איז וויכטיק צו באַ־מערקן אז די באסטאנער פארזאמלונג איז ניט ארגאנזשירט גע־ווארן פון די אבאליציאניסטן, נאר פון די ליבעראלע בירגערלעכע עלעמענטן פון שטאט, וועלכע האבן אין דער דערמארדונג פון דעם רעדאקטאר לאוודזשאי בלויז געזען א פארלעצונג פון דעם פרינציפ פון „פרייער פרעסע”. א פארברעכן, קעגן וועלכן אלע רעספעקטאבעלע און ערנהאפטע בירגער זענען מחויב צו פראָ־טעסטירן. די איינבארופער פון מיטינג האבן קיין מוט ניט געהאט צו נעמען א דירעקטע שטעלונג אין דער עצם־פראגע פון שקלאַ־פעריי.

כדי צו געבן דער פארזאמלונג א רעספעקטאבעלן און געזעץ־געהארכזאמען פנים, האבן זיי זיך אפגעזאגט פון שאפן א „פאר־אייניקטן פראנט” מיט די אבאליציאניסטן. די דאזיקע ליבעראלן, ווי זייערע גלויבנס־גענאסן אלעמאל און איבעראל, האבן פאר־נומען א מיטל־פלאץ צווישן די קעמפנדע לאגערן. זיי האבן זיך פארנומען מיט'ן געיעג נאך קאמפראמיסן, אין א שטרייט־פונקט וואס דערלאזט ניט קיין קאמפראמיס. צו דער גרונט־אורזאך פון דעם ביטערן שטרייט, צו דער הימלשרייענדער אומגערעכטיקייט פון מענטשלעכער פארשקלאפונג, האבן זיי מורא געהאט זיך צוצורירן.

דער מיטינג איז פאררופן געווארן אין דעם היסטארישן פעניועל האל אין באסטאן, א פארזאמלונגס־פלאץ וואס איז באַ־רימט און פארהייליקט געווארן דורך דעם, וואס אין די טעג פון דעם רעוואלוציאנערן אויפשטאנד פון די אמעריקאנער קאלאניעס קעגן ענגלאנד, פלעגן זיך דארט פארזאמלען די אמעריקאנער פאטריאטן. פון דער פלאטפארמע אין פעניועל האל האבן די

פירער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע פון צייט צו צייט אַדרע־
סירט זייערע נאָכפאָלגער.

די פאַרזאַמלונג וועלכע האָט שטאַטגעפונדן אין מיטן וואָך
איז אויך פאַררופן געוואָרן אין אַ נאָכמיטאג שטונדע צו פאַרמיידן
אַן איבערפאַל מצד די פאַרטיידיקער פון נעגער שקלאַפעריי. די
מערסטע בויאַנסקע איבערפאַלן אויף ענלעכע פאַרזאַמלונגען פלעגן
פאָרקומען אין אָוונט ווען די פאַרפירטע אַרבעטער און אויך די
געדונגענע שלעגער זענען פריי געווען פון זייער טאָג־טעגלעכער
באַשעפטיקונג. עס פאַרשטייט זיך אַז קיין איינציקן פון די באַ־
וואוסטע אַבאָליציאַניסטן האָט מען ניט צוגעלאָזן צום פסוק
אויף דער פלאַטפאָרמע. ווענדעל פיליפס, זיין פרוי, און אַנדערע
אַבאָליציאָניסטן און זייערע סימפּאַטיקער זענען געזעסן צווישן
דעם עולם פון העכער פינף טויזנט מענטשן און האָבן מיט גרויס
נייגער זיך צוגעהערט צו די רעדעס.

דער הויפּט־רעדנער איז געווען דער פּאָפּולער און הויך
רעספּעקטירטער באָסטאָנער ליבעראַל טשעניגג, אַ מאַן מיט אַן
אינטערנאַציאָנאַלע רעפּוטאַציע פאַר זיינע ליבעראַלע אנשויאונגען.
טשעניגג האָט אויך אָנגעשריבן די שפּעטער אָנגענומענע רעזאָלוציע.

דער טאָן פון אַלע רעדעס איז געווען „לאָאָ ענד אָרדער",
„פרייע פּרעסע", בירגער טאָרן ניט נעמען דעם געזעץ אין די
אייגענע הענט ווי עס האָבן געטאָן די וועלכע האָבן געטויטעט
לאָווזשאָי'ן, א. ז. וו. . . . ווען מען האָט פון דער פלאַטפאָרמע
פאָרגעלעזן די רעזאָלוציע און דער פאָרזיצער האָט, ווי עס פירט
זיך, אַ פרעג געטאָן: „וויל עמיצער דאָס וואָרט צו דער רעזאָ־
לוציע?" האָט אַ צושויער וועלכער איז געזעסן אויף דער גאַלערי,
זיך געמאָלדן צום וואָרט. צו דער איבעראַשונג פון גאַנצן עולם
איז עס געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער אַטאָרני־דזשענעראַל פון
מאַסאַטשוזעטס, דזשיימס אָסטין.

דער פאָרזיצער האָט דעם פּראָמינענטן רעגירונגס באַאַמטן
איינגעלאַדן צו דער פלאַטפאָרמע, פון וועלכער ער האָט געהאַלטן

א רעדע ביטער פארדאמענדיק די פארגעשלאגענע רעזאלוציע. דערביי האט ער געמאכט די באהויפטונג אין וועלכער ער האט פארגליכן די מיטגלידער פון דעם „לינטש" המון, וועלכע האבן אפגעראמט פון וועג דעם אבאליציאניסטישן רעדאקטאר אין אילינאי, מיט די באזונגענע פאטריאטן וועלכע האבן, אין די טעג פון דער רעוואלוציע, זיך באטייליקט אין דער בארימטער באסטאנער „טי־פארטיי". די רייד פון דעם אטארני־דזשענעראל אסטין זענען מצד דעם עולם אויפגענומען געווארן מיט הילכיקע אפלאדיסמענטן און יובל געשרייען. עס האט אויסגעזען ווי די רעזאלוציע וועט מיט א גרויסער מאיאריטעט דורכגעווארפן ווערן און דער גאנצער מיטינג וועט פארוואנדלט ווערן אין א דעמאנסטראציע פאר דעם שקלאפן־סיסטעם.

וועגדעל פיליפס איז אויפגעשפרונגען. דורך דעם יובעלירנדן עולם וואס איז געשטאנען אויף די פיס אין גרויסער אוואציע פאר'ן רעדנער, האט ער זיך געשטופט צו דער פלאטפארמע. זיין בלוט האט אין אים געזאדן, און זיינע אויגן האבן אויסגעדריקט אנטשלאסנקייט און קאמפסלוסט.

מיט גרויס מי האט זיך וועגדעל פיליפס ענדלעך דערשלאגן צו דער פלאטפארמע, אויף וועלכער ער איז ארויף און האט זיך געמאלדן צום ווארט. מיט זיינע ערשטע אינספירירנדע ווערטער האט ער תיכף עלעקטריזירט פריינט און שונאים צעגלייך. אין יענעם אומפארגעסלעכן מאמענט איז ער דארט געשטאנען, לויט דעם אויסדרוק פון א צושויער, „ווי א יונגער אפאלא", פנים אל פנים מיט א איצט שוין קעגנעריש געשטימטן פובליקום.

אויף דער וואנט, הינטער דער רעדנער טריבונע, זענען געהאנגען די בילדער פון די הויפט פירער פון דער גרויסער אמעריקאנער רעוואלוציע קעגן ענגלאנד. בראווע פאטריאטן וועלכע האבן, אין זייער צייט, פון דער זעלבער בימה גערעדט צום פאלק. אנווייזנדיק אויף די דאזיקע בילדער האט וועגדעל פיליפס אויסגעשריען:

„מיינע הערן! ווען איך בין געזעסן און האָב געהערט ווי דער פריערדיקער רעדנער האָט פאַרגליכן די נידערטרעכטיקע מער־דער אין אַלטאָן, אילינאָי, מיט די העלדן פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, האָב איך געמיינט אַז אָט די דאָזיקע געמאָלענע ליפּן וועלן אָנהויבן ריידן און זיי וועלן פאַרדאַמען די פאַרלוימ־דונג אויף די געשטאָרבענע. פאַר דער מיינונג וועלכע דער אַטאַרני־דזשענעראַל פון אונדזער סטייט האָט דאָ ערשט אויסגעדריקט אויף אָט דעם פּלאַץ, וואָס איז געהייליקט געוואָרן דורך די בלוט פון יענע רעוואָלוציאָנערן, איז ער ווערט אַז די ערד זאָל זיך עפענען און אים איינשלינגען!"

אין די זילבער טענער פון זיין מערקווירדיק קלאָרער שטימע האָט דער יונגער אָראַטאָר פאַרגעזעצט זיין רעדע, פאַרניכטנדיק אַלע אַרגומענטן פון אָסטין'ען. די קענגערשאַפט פון עולם, איז אין לויף פון זיין רעדע, אַריבערגעגאַנגען צוערשט אין רעספּעקט־פולער אויפמערקזאַמקייט און דערנאָך צו וואַרימען מיטגעפיל. ווען ווענדעל פיליפּס האָט פאַרענדיקט זיין ספּאָנטאַנע און דראַ־מאַטישע רעדע, האָט אין אַלע טיילן פון גרויסן זאַל אויסגעבראָכן אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן. די רעזאָלוציע איז איינשטימיק אָנ־גענומען געוואָרן. נאָך אַזאַ רעדע האָט זיך קיין איין האַנט ניט געוואַגט אויפהויבן צו שטימען קעגן. דער יונגערמאַן איז אויף דער פּלאַטפאָרמע אַרויף ווי אַ געאַכטעטער דזשענטלמאַן, אַ זון פון אַ בכבוד'יקער אַלט־באָסטאָנער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע, און איז אַרונטער פון בימה ווי איינער פון די גרעסטע אָראַטאָרן און מייסטער פון דער ענגלישער שפּראַך, אַ פון אַלעמען אָנערקענ־טער טריבון פון די אונטערדריקטע מאַסן.

דער אַרויסטריט אין פעניועל האָל האָט דערהויבן ווענדעל פיליפּס'ן צו אַקטיווער פירערשאַפט אין דער אַבאָליציאָנס באַ־וועגונג אין לאַנד. פאַר פרוי פיליפּס איז אָט דער דאָזיקער זיג־רייכער צוג געווען אַן אמת פריידיקע איבערלעבונג. עס ווערט דערציילט, אַז בשעת ער האָט זיך צו איר גע'שדכנ'ט, האָט זי אים

געזאָגט, אַז איידער זי הייראַט מיט אים, מוז זי זיך איבערצייגן צי איז ער מיט'ן גאַנצן האַרצן פאַר דער באַפרייאונג פון די נע־גער־שקלאַפן. איצט איז שוין אָט דער דאָזיקער פערזענלעכער אומשטאַנד ביי איר מער ניט געשטאַנען אונטער אַ פראַגע־צייכן. איצט איז ביי איר שוין קיין שום ספק ניט פאַרבליבן צי זי האָט געמאַכט דעם ריכטיקן שריט אין פאַרבינדן איר לעבן מיט זיינעם. זי האָט זיך געפילט איבערגליקלעך.

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן מיט וואָס פאַר אַ געפילן די אַזוי־גערופענע העכערע געזעלשאַפט, אין וועלכער ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, האָט אויפגענומען וועגדעל פיליפס'עס עפנטלעכע פאַרבינדן זיך מיט די פאַרהאַסטע אַבאָליציאָניסטן. אַלע פעדים וועלכע האָבן אים פאַרבונדן מיט'ן הערשנדן קלאַס און מיט דער „בלוי־בלוטיקער" אַריסטאָקראַטיע, זענען דורך דעם איבערגעריסן געוואָרן. ער איז געוואָרן אַן „אַרויסגעשפּיגענער". זיינע ביז־דאַמאָלדיקע פריינט און געוועזענע פאַרערער, מיט דער ליכטיקער אויסנאַם פון אַ פּאָר, צו אים ענלעכע פריהייטס־גייסטער ווי דער פּאָעט לאָועל, האָבן זיך איצט פון אים אָפּגעקערט. אָבער ער האָט שוין, באַוואוסטזיניקערהייט, פאַר זיך געהאַט אויסגע־קליבן זיין וועג אין לעבן, פאָלגנדיק דעם דיקטאַט פון זיין אייגענעם געוויסן, זיין אַדלער־פרייען גייסט און זיין הויך עטישן באַגריף פון מאָראַלן אמת.

צו דער צייט פון דעם געשילדערטן מיטינג אין פעניועל האָל איז וועגדעל פיליפס איינגאַנצן אַלט געווען זעקס און צוואַנציק יאָר. מיט דעם גאַנצן יוגנטלעכן ברען פון זיין פייערדיקן גייסט האָט ער זיך איצט אַריינגעוואָרפן אין קאַמף. אים איז אָפט אויס־געקומען צו אַדרעסירן פאַרזאַמלונגען אין וועלכע די מערסטע צוהערער זענען צו אים אַנטאַגאָניסטיש געווען. און מערערע מאָל איז אים, ווי ביים היסטאָריש געוואָרענעם מיטינג אין פעניועל האָל, געלונגען צו געווינען דעם עולם אַ דאַנק זיין מערקווירדיקער עלאָקווענץ, געוואַגטקייט און אויסער יעדער צווייפלדיקער אויפ־ריכטיקייט.

ווען דער בארימטער אַמעריקאַנער סענאַטאָר און שטאַטסמאַן, דער גרויסער אָראַטאָר דעניעל וועבסטער, פּאַרטיידיקער און באַזינגער פון דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע, האָט צו יענער צייט אין אייניקע עפנטלעכע ארויסטרעטונגען, שאַרף אַטאַקירט ווענדעל פיליפּס'ן וועמעס פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אנשויאונגען ער האָט כאַראַקטעריזירט ווי „רעוואָלוציאָנערע" און געפערלעך פאַר דער רו און דעם וואוילזיין פונ'ם אַמעריקאַנער פאָלק, איז אים דער יונגער פרייהייטס קעמפער ניט געבליבן שולדיק אַ געהעריקן ענטפער:

„יאָ, מיר ווייסן עס, און מיר פאַרלאַנגען אַ רעוואָלוציאָנערע ענדערונג אין דער אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע און מיר קעמפן פאַר אַ ראַדיקאַלן אומבייט אינ'ם געזעלשאַפטלעכן צונויפשטעל פון דער סאָוט; אַן איבערגאַנג פון מיטלאַלטערלעכע צו מאָדערנע באַדינגונגען. גלייכצייטיק זענען מיר אויך פאַר אַן אומבייט אין דער נאָרד — פון אַ געיעגנאָך געלט צו אַ געפיל פון פּאָליטישער ערע".

צו יענער צייט האָט זיך אויף דער ארענא פון עפנטלעכן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן צום ערשטן מאָל באַוויזן די באַוועגונג פאַר פרויען שטים־רעכט און גלייכבארעכטיקונג. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן חוזק און באַקעמפונג. אָבער צווישן די סאַמע ערשטע דערמונטערער און פּאַרטיידיקער פון דער דאָזיקער פּראָגרעסיווער באַוועגונג האָט זיך געפונען ווענדעל פיליפּס. עס האָט געדויערט גענויע פינף־און־זיבעציק יאָר ביז וואַנען די עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע האָט דערגרייכט די אויפגעקלערטע און פּראָגרעסיווע שטעלונג וואָס ווענדעל פיליפּס האָט אָנגענומען אין דער דאָזיקער פראַגע.

אפילו אין אַזאַ ראַדיקאַלע באַוועגונג ווי די אַבאָליציאָניסטישע זענען צעטיילט געווען די מיינונגען וועגן שטימרעכט פאַר פרויען אויך אין דער אַרבעט פון דער באַוועגונג. צו יעדער צייט און ביי יעדער געלעגנהייט האָט פיליפּס דערהויבן זיין שטימע

אין גלענצנדער פארטיידיקונג פונ'ם פרינציפ פון גלייכבארעכטיקונג.

אין דעם יאָר 1840 איז אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, פאָרגעקומען אַן אַלוועלטלעכער אַנטי־סלעיווערי צוזאַמענפאָר. וועגדעל פיליפס איז אַהינצוגעפאָרן ווי דער פאָרטרעטער פון די אַבאָליציאָניסטן פון ניו־ענגלאַנד. אין דער אַמעריקאַנער דעלעגאַציע האָבן זיך געפונען אַ צאָל פרויען דעלעגאַטקעס, וועמען די אָנפירער פונ'ם אַלוועלטלעכן צוזאַמענפאָר האָבן בשום אופן ניט געוואָלט צולאָזן מיט גלייכע שטים און באַראַטונגס רעכט.

ביים לאָנדאָנער קאָנגרעס איז וועגדעל פיליפס דאַן אויפגעטראָטן מיט אַ גלענצנדן אַפּיל מען זאָל צולאָזן די פרויען־דעלעגאַטן. זיין אַפּיל האָט אָבער ניט געווירקט. מען האָט די פרויען־דעלעגאַטן ניט צוגעלאָזן, און וועגדעל פיליפס איז צוריק געקומען קיין אַמעריקע אַ שטאַרקערער אָנהייגגער פון דער באַוועגונג פאַר פרויען רעכט.

אין וואַשינגטאָן, אינ'ם סענאַט ווי אינ'ם רעפּרעזענטאַטן קאַמער זענען צו יענער צייט פאָרגעקומען די הייסע און ליידנשאַפטלעכע ויכוחים אַרום דעם פּראָבלעם פון שקלאַפעריי. דער פּראָמינענטער זידלעכער שטאַטסמאַן סענאַטאָר הענרי קלעי, זוכנדיק אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרמיידן אָדער לפּחות אָפּצושטופּן אויף שפּעטער דעם ראשיק אָנקומענדיקן בירגער־קריג, האָט אין קאָנגרעס אַריינגעוואָרפן די לאָזונג „קאָמפּראָמיס".

מיט דער זעלבער אומבויגזאַמער עקשנות וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיין קעגנערשאַפט צום שקלאַפן־סיסטעם האָט איצט פיליפס גענומען ביטער באַקעמפן יעדן פאָרגעשלאָגענעם קאָמפּראָמיס מיט אומגערעכטיקייט.

אויף אַזעלכע קאָמפּראָמיסן איז צו יענער צייט געווען אַ גרויסע שפע. קאָמפּראָמיסלער האָבן אויפגעהויבן זייערע שטימען אויך אויסערהאַלב דעם קאָנגרעס. אָבער דער ליכטיקער „דריי־

לינג" פון דער אַבאָליציאָנס באַוועגונג, וועגדעל פיליפּס, וויליאַם לאָיד גאַריסאָן און דזשאָן בראַון, האָבן פון דעם ניט געוואָלט וויסן און הערן. אָן אָפּרו האָבן זיי פאָרגעזעצט זייער שווערן קאַמף. דאָס וואָס די דאָזיקע דריי פרייהייטס קעמפער האָבן געוואָלט, איז ניט געווען בלויז די לאַנגזאַמע פאַרבעסערונג אין דער לאַגע פון די שקלאַפן, נאָר זייער אבסאָלוטע און אומבאַדינגלעכע באַפרייאונג. דאָס וואָס זיי האָבן באַקעמפט און געזוכט אויסצוראָטן מיט די סאַמע וואָרצלען פון לעבן פונ'ם אַמעריקאַנער פאָלק, איז געווען ניט ווייניקער ווי דעם גאַנצן סיסטעם פון נעגער שקלאַפעריי . . . !

קאַמף קעגן סופרים קאָורט

די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך דערנעענטערט צו אַן אומפאַרמיידלעכן בירגער־קריג. דאָס האָט גורם געווען און פאַראויסגעזאָגט דער אויבענדערמאָנטער קאָנפליקט איבער דער שטרייט־פראַגע פון שקלאַפעריי. די נאָרד איז ביסלעכווייז געוואָרן מער און מער עמפּפינדלעך און זיך אָנהויבן וואַרימער אָפּצורופן צו דער אומאויפהערלעכער אַגיטאַציע פון די אַנטי־שקלאַפעריי עלעמענטן. און צוליב דעם איז די סאַוט, די אימפּעריע פון נעגער פאַרקנעכטונג, געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער און מער פאַרביטערט.

אין דעם יאָר 1850 האָט דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן אָנגענומען דעם „פיודזשעטיוו סלעיוו" געזעץ. זיבן יאָר שפּעטער האָט דאָס העכסטע געריכט אין לאַנד, דער יונייטעד סטייטס סופרים קאָורט, מיט דער אַנטשיידונג אינ'ם טרויעריק באַרימטן „דרעד סקאָט קעיס", גוטגעהייסן דעם באַרבאַרישן געזעץ. די דאָזיקע אַנטשיידונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז געזעצלעך פאַרמאָגט ניט דער נעגער שקלאַף וועלכע ניט איז רעכט וועלכן זיין ווייסער בעל־הבית איז מחויב צו רעספּעקטירן. די אַנטשיידונג האָט דערקלערט אַז אַ נעגער שקלאַף איז ניט מער חשוב ווי וועלכע ניט איז אַנדער שטיקל פערזענלעך אייגנטום פון זיין בעל־הבית. אַזעלכער

הערט ער ניט אויף צו זיין וואו ער זאָל זיך ניט געפינען. פאָלג־לעך האָט דער שקלאַפן־טרייבער די געזעצלעכע קאָנסטיטוציאָנע־לע רעכט צו פאָדערן מען זאָל צו אים אויסליפערן זיינעם אַ קנעכט וועלכער איז אַנטלאָפן און געפונען אַ מקלט, אַ שוץ־אָרט אין איינעם פון די פרייע שטאַטן.

ביידע פּאַסירונגען, דער געזעץ און זיין כשר'ן מצד דעם סופרים קאָורט, האָבן אין ניו־יאָרק, אין ניו־ענגלאַנד און אין אַבאָליציאָניסטישע קרייזן איבעראַל, אַרויסגערופן גרויס אויפ־רעגונג און ווידערשטאַנד. מיט באַזונדערער ביטערקייט האָט ווענדעל פיליפס אַטאַקירט דעם געזעץ און די אַנטשיידונג פון סופרים קאָורט. ער האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטן, ביי אַ ריי עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, פון שאַרפע און דירעקטע אַטאַקעס אויף דער פאַרהייליקטער קאָנסטיטוציע און אויפ'ן סופרים קאָורט וועלכער שטיצט און באַשיצט דעם סיסטעם פון נעגער שקלאַפעריי דורך אַזעלכע ברוטאַלע אַנטשיידונגען, ווי אינ'ם „דרעד סקאָט" פּראָצעס.

די איצטיקע אַטאַקעס פון ווענדעל פיליפס קעגן דעם סופרים קאָורט זענען געווען אַ פאָרזעצונג פון זיין קאַמף אויף דעם ראַ־זיקן געביט וועלכן ער האָט אָנגעפאַנגען אין באָסטאָן אין יאָר 1842.

איידער דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן האָט אָנגענומען דעם נאַציאָנאַלן „פיודזשעטיוו סלעיוו" געזעץ, האָט עקזיסטירט אַן ענלעכער געזעץ אין סטייט מאַסאַטשוזעטס. אין יאָר 1842 האָט מען אין באָסטאָן אַרעסטירט אַן אַנטלאָפענעם שקלאַף וועלכער האָט זיך געהאַט אַרויסגעריסן פון דער סאַוט. דער געריכט האָט באַשלאָסן, אַז מען זאָל דעם נעגער צוריקשיקן אין דער סאַוט צו זיין אייגנטימער. אַבאָליציאָניסטן האָבן קעגן דער דאָזיקער אַנטשיידונג אַפּעלירט צו די העכערע געריכטן פון סטייט, און די לעצטע האָבן בלויז גוטגעהייסן די ערשטע אַנטשיידונג. ביי אַ גרויסער פּראָטעסט פאַרזאַמלונג אין באָסטאָן קעגן דער אויסלי־

פערונג פון דעם אומגליקלעכן שקלאַף, איז וועגדעל פיליפּס אַרויס־געטראָטן מיט זיין ערשטער אַטאַקע אויף דעם סופרים קאָורט און קעגן דער קאָנאָניזירונג פון דער פעדעראַלער קאָנסטיטוציע.

אין דער גאַנצער געשיכטע פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן איז ביז צו דער דאָזיקער צייט נאָך ניט געהאַלטן געוואָרן אַזאַ וואַגנדע רעדע. אַ פיינטלעך געשטימטער עולם האָט אָנגעפילט דעם זאַל. מערערע מאָל איז וועגדעל פיליפּס אונטערגעבראָכן געוואָרן אין מיטן רעדן. מען האָט געליאַרמט און געמאַכט יעדן פאַרזוך אים אַרונטערצושרייען פון דער פּלאַטפאָרמע. דער אומבויגזאַמער קעמפער איז געשטאַנען פעסט אויף זיין פּאָזיציע, און ווען דער טומל האָט זיך אַביסל איינגעשטילט, האָט ער אין פּנים אַריין די פאַרזאַמלטע טומלמאַכער געוואָרפן די פאָלגנדע וואַגנדע, גליענדע ווערטער:

„איך ווייס אַז איך האָב דאָ פאַר זיך און איך רייד צו די ווייסע שקלאַפן פון דער נאָרד. איר דולדעט אייערע קייטן וויל איר פאַרמאָגט ניט דעם מוט זיי צעררייסן. פאַראַן דאָ צווישן עולם מענטשן וועלכע וואָלטן פאַרגעצויגן מען זאָל דעם שקלאַף ניט צוריקשיקן. אָבער איר קענט זיך ניט העלפן. דער בלוטיקער באַפעל מען זאָל אים יאָ צוריקשיקן איז איינגעשריבן אין דער קאָנסטיטוציע. דער אומגליק באַשטייט אין דעם וואָס מיר דער־לאָזן אַז אָט אַזאַ קאָנסטיטוציע זאָל לעבן אפילו איין איינציקע שטונדע . . . ווען איך באַטראַכט אָט די מאַסע פון טויזנדע מענטשן, און זע ווי זיי טרעטן אויף זייער אייגענעם געוויסן און אויף די רעכט פון זייערע מיט־מענטשן צוליב דעם וואָס אַ שטיקל פּאַרמעט הייסט זיי טאָן אַזוי, זאָג איך: פאַרשאָלטן זאָל זיין די קאָנסטי־טוציע פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן!"

זיין גאַנץ לעבן האָט וועגדעל פיליפּס פאָרגעזעצט זיין קאַמף קעגן דעם הויכן טריבונאַל וועלכער האָט מיט זיינע רעאַקציאָנערע אויסטייטשונגען פון דער קאָנסטיטוציע, זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטערונג צו דעם עקאָנאָמישן פאָרשריט פון די ברייטע פאָלקס מאַסן.

וועגדעל פיליפס און דזשאן בראון

און דארט, אין דער מיט פולוער אָנגעפילטער אטמאָספערע און אטמאָספערע פון קענגזייטיקן גרעאנגל אין לאנד, בשעת עס האט זיך ממש געהערט די טריט פון דעם אָנקומענדן בלוטיקן בירגער־קריג, איז אין הערבסט פון יאר 1859, ווי פון א ריזיקער האנט אריינגעשליידערט געוואָרן א פייער בראנד. דאָס איז געווען דער העלדישער, כמעט וואנזיניקער אקט פון דעם אלטן דזשאן בראון, ביי הארפערס פערי, אין ווירדזשיניע.

מיט א הייפל מוטיקע מענער, איינגעשלאָסן צוויי פון זיינע אייגענע זין, האט דער פייערדיקער אבאָליציאָניסט, דזשאן בראון, פארכאפט דעם ארסענאל פון דער פעדעראלער רעגירונג אין דער שטעטל הארפערס פערי. ער איז אריינגעדרונגען אין דעם שקלאפן סטייט ווירדזשיניע מיט דעם אבזיכט ארויסצורופן אן אויפשטאנד פון די נעגער־שקלאפן און זיי העלפן זיך באפרייען. בראונ׳ס וואגנדער צוג איז דורכגעפאלן. דעם אומבויגזאמען פרייהייטס קעמפער האט מען געפאנגען, געשטעלט צום משפט, פארטורטיילט צום טויט און אויפגעהאנגען. אָבער די מארטירערטום פון דעם אלטן פרייהייטס העלד האט פארזיגלט דעם גורל פון נעגער שקלאפעריי אין די פאראייניקטע שטאטן.

בראונ׳ס טאט האט אויפגעפלאמט די גאנצע סאוט. אויך אין דער נארד איז דער אלטער קעמפער פארדאמט געוואָרן מצד פילע שוואכמוטיקע און געזעץ געהארכזאמע מענטשן. א טייל פון דער טעגלעכער פרעסע און פילע פראָמינענטע בירגער האָבן ביטער אטאקירט דעם אלטן רעבעל פאר זיין אקט. א צאָל אבאָליציאָניסטן האָבן זיך עפנטלעך אפגעטרייסלט פון דעם אלטן אין קייטן געשמידטן און צום טויט פאראורטיילטן העלד. אָבער נים וועגדעל פיליפס!

עפנטלעך און דעמאָנסטראטיוו האט ער געגעבן אויסדרוק צו זיין פולער סאָלידאריטעט מיט דזשאן בראונ׳ס טאט. זאל דאָ

ציטירט ווערן אַ פּאָר קורצע אויסצוגן פון זיין באַרימטער רעדע אין ניו־יאָרק בשעת מען האָט געפירט דזשאָן בראַון צו דער תליה אין ווירדזשיניע:

„מען טיילט מיר צו גרויס כבוד ווען מען באַהויפּטעט ווי עס ווערט איצט געטאָן אין מאַנכע ציטונגען אין דער וועסט, אַז דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון מיינע אַנשויאונגען און פון מיין אַגיטאַציע. דאָס איז פאָר מיר צופיל כבוד. מיט גרויס פרייד וואָלט איך זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם לאָרבער קראַנץ פון האָבן אַ חלק אין דער גרויסער אַנטשלאָסענער געוואַגטקייט פון יענעם בראַוון מענטשן, וועלכער אין נאָמען פון גערעכטיקייט און פרייהייט, האָט זיך געוואָרפן קעגן אַן אימפּעריע...

„די קאָמאָנוועלט פון ווירדזשיניע! אין תוך עקזיסטירט ניט אַזאַ! געזעצלעכע ברוטאַלע מאַכט איז ניט קיין יסוד פון אַ רעגירונג אינ׳ם הויכן זין פון דעמדאָזיקן וואָרט. אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט קאָן ניט עקזיסטירן סיידן זי באַזירט זיך אויף דער פרייוויליקער אָנערקענונג פון איר אויטאָריטעט מצד אַלע אירע בירגער, און דורך דער אויסאיבונג און אויסטיילונג פון גלייכע גערעכטיקייט צווישן מענטש און מענטש... דאָס וואָס רופט זיך אָן רעגירונג און זאָגט זיך אָפּ פון דערדאָזיקער פליכט איז ניט קיין רעגירונג נאָר אַ פּיראַטן שיף... איך וועג און מעסט מיינע ווערטער ווען איך מאַך איצט די באַהויפּטונג, אַז דער סטייט ווירדזשיניע איז היינט צו טאָג אַזאַ פּיראַטן שיף, און דזשאָן בראַון פאָרט אַרום אויפ׳ן ים, אַ הויכער אַדמיראַל אין דינסט פונ׳ם אַלמעכטיקן, באַפולמעכטיקט צו אַטאַקירן און זינקען יעדן פּיראַטן שיף וועלכע ער באַגעגנט אויף גאָט׳ס אָקעאַן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט... איך מיין גענוי און בוכשטעבלעך דאָס וואָס איך זאָג. אויף גאָט׳ס וועלט זענען ניטאָ קיינע מאַיאָריטעטן און מינאָריטעטן... איין איינציקער מענטש אויף גאָט׳ס זייט איז אַ מאַיאָריטעט. דזשאָן בראַון האָט צוויי מאָל אַזוי פיל רעכט אויפצוהייבן דעם גאָווערנאָר וויִז פון ווירדזשיניע, ווי גאָווערנאָר וויִז האָט אים אויפצוהענגען".

צו דערדאָזיקער צייט האָבן זיך אָרגאַניזירט באַנדעס סימפּאַ־טיקער פון די שקלאַפן־טרייבער, וועלכע זענען אַנטשלאָסן געווען צו „קידנעפּן" וועגדעל פיליפס, ברייגגען אים אין איינעם פון די שקלאַפן שטאַאַטן, און אים איבערגעבן אין די הענט פון זיינע בלוטיקע שונאים. די לעצטע האָבן אים געוואָלט אַריינקריגן אין די הענט און אים אויפהייגגען אויף דער זעלבער תליה איגיינעם מיט דזשאָן בראַון. אָבער פיליפס האָט אומדערשראָקן פאָרגעזעצט זיין אַרבעט.

אויף מאָרגן נאָך דעם פינסטערן צווייטן דעצעמבער פון יאָר 1859, האָט זיך וועגדעל פיליפס געפונען אין ניו־יאָרק גרייט אָפּ־צונעמען דעם טויטן קערפּער פון דעם „געזעצלעך" דערמאָרדעטן פרייהייטס העלד. דעם קערפּער וועלכן דער גאָווערנאָר פון ווירדזשיניע האָט ניט גערן אָפּגעגעבן צו דער בראַון פאַמיליע פאַר ערנהאַפטער באַערדיקונג, האָט פיליפס באַגלייט צו בראַונ׳ס אַלטע פאַרם אין נאָרד עלבאָ, אין די אַדיראָנדאַק בערג פון ניו־יאָרק. דאָרט, ביים אָפענעם קבר האָט ער געהאַלטן אַן אומפאַרגעסלעכע רעדע פון וועלכער מיר ברייגגען בלויז דעם פאָלגנדן ציטאַט:

„גאָט, מאַך אונדז ווירדיק פון אים, וועמעס אַש מיר באַ־ערדיקן איצט דאָ צו רוען צווישן דידאָזיקע בערג וועלכע ער האָט געליבט. דאָ האָט ער זיך גייסטיק אָנגעגורט און פון דאַנען איז ער אַרויס צום קאַמף . . . גאָט האָט אים צוגעטיילט אַ פיל גרעסערן נצחון, ווי זיין האַרץ האָט ווען ניט איז געָחלומ׳ט . . . ער שלאָפט אין די ברכות פון די דערהדריקטע און די אָרימע, און מענטשן גלויבן פעסטער אין טוגענד איצט דורכדעם וואָס אַזאַ מענטש האָט געלעבט. שטייענדיק אָט דאָ, לאָמיר דאַנקען גאָט פאַר אַ פאַרשטאַרקטן גלויבן און אַ פולערער האָפענונג . . ."

די מאַרטירערטום פון דזשאָן בראַון האָט אויפגערודערט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. ווען די נייס פון דער הינריכטונג האָט דערהגרייכט צו וויקטאָר הוגאָ אין פּאַריז, האָט ער אויסגערופן: „דאָס איז דער סוף פון דער נעגער־שקלאַפעריי אין אַמעריקע!"

און אזוי איז טאַקע געווען. דער סוף איז אָבער געקומען נאָך אַ בלוטיקער ברודער־מלחמה וועלכע האָט געדויערט פיר יאָר צייט, און נאָך אַ ריזיקן פאַרלוסט אין מענטשלעכע לעבנס.

דער גרויסער אַמעריקאַנער בירגער קריג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מלחמה פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן. אָבער אָנ־פאַנגס איז די מלחמה מצד דער נאָרד געווען געריכטעט קעגן דעם פאַרזוך פון דער סאוט זיך אָפּצורייסן פון דער פעדעראַלער פאַר־אייניקונג פון די שטאַאטן, און זיך קאָנסטיטואירן אין אַן אומ־אָפּהענגיקער רעפּובליק. אַ רעפּובליק אין וועלכער נעגער־שקלאַפּע־ריי זאָל פאַרבלייבן אַן אינטעגראַלער, ניט־אָפּגעפּרעגטער יסוד פון דעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענשטעל. די „קאָנפעדערעיט סטעיטס אָוו אַמעריקע", וועלכע איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה, פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער סאוט, מיט דזשעפערסאָן דייוויס אַלס פּרעזידענט, האָט עקזיסטירט פיר יאָר צייט, ביז'ן סוף פון'ם קריג וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דער פולשטענדיקער נידערלאַגע פון דער סאוט.

פּרעזידענט אייבראַהאַם לינקאָלן האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז זיין ערשטער און הויפּט ציל איז צו דערהאַלטן די גאַנצקייט פון דער פעדעראַלער „יוניאָן". ערשט אינ'ם דריטן יאָר פון דער מלחמה, אין יאָר 1863, ווען לינקאָלן האָט ארויסגעלאָזן זיין באַ־רימטע באַפרייאונגס־פּראָקלאַמאַציע, די „עמענסיפּעישאָן פּראָ־קלעמעישאָן", און האָט אָפיציעל פּראָקלאַמירט די באַפרייאונג פון די נעגער־שקלאַפן, איז דער בירגער קריג אָפיציעל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַפרייאונגס מלחמה. טויזנדע אַבאָליציאָניסטן וועלכע האָבן ביז צו דער דאָזיקער צייט זיך פאַרהאַלטן פּאַסיוו, האָבן איצט ווי פרייוויליקע זיך אַנגעשלאָסן אין די אַרמייען פון דער נאָרד.

פאַר ווענדעל פיליפּס'ן איז פּרעזידענט לינקאָלן ניט געווען ראַדיקאַל גענוג. פון דעם ערשטן טאָג ווען די מלחמה האָט אויס־

געבראָכן, מיט דעם ערשטן שאָס וואָס די רעבעלירנדע סאוט האָט אָפּגעפייערט אויף פאָרט סאָמטער, אין האַפן פון טשאַרלסטאָן, סאוט קאַראָליינע, האָט וועגדעל פיליפס גענומען פאָדערן פון דער רעגירונג אין וואשינגטאָן אַן אָפענע דעקלאַראַציע פאַר דער גאַנצ־לעכער אָפּשאַפונג פון נעגער שקלאַפעריי אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן. פיליפס'ן האָט שטאַרק דערצאָרנט די פאַרזיכט פונ'ם פּרעזידענט, וועלכער האָט, ביז צום יאָר 1863 אָפּגעהיט און גע־וואַרט אויף דער פּאַסנדער געלעגנהייט. אין דעם פאָלגנדן יאָר, ווען עס האָט זיך געענדיקט לינקאָלנ'ס ערשטער פּרעזידענט־טערמין, און ער איז געוואָרן אַ קאַנדידאַט פאַר אַ צווייטן טערמין, זענען די צוויי הויפּט אָנפירער פון די אַבאָליציאָניסטן זיך פונאַנדער־געגאַנגען אין זייער שטעלונג צום פּרעזידענט'ס ווידער־דערוויילונג. וויליאַם לאָיד גאַריסאָן האָט ענערגיש אַגיטירט פאַר אַ צווייטן טערמין און וועגדעל פיליפס, צוליב דער דערמאָנטער אורזאַך, האָט באַקעמפט פּרעזידענט לינקאָלן אין די וואַלן פון יאָר 1864.

נאָכ'ן בירגער קריג

דער גרויסער בירגער קריג איז געווען פאַראיבער. נעגער־שקלאַפעריי אָפּגעשאַפט, און ווי איבערנאַכט איז איצט וועגדעל פיליפס געוואָרן אַ פאָפּולערער העלד אין לאַנד. מען האָט אים פיל געפאָדערט ווי אַ רעדנער און לעקטאָר. די צאָל פון זיינע צוהער־ער און אָנהייגער האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן. ווידער האָבן זיך פאַר אים געעפנט די טירן צו פּאָליטישער דערהויבונג, וועלכע מען האָט, מיט אַ פערטל יאָרהונדערט פריער, פאַר אים געהאַט פאַרזיגלט מיט זיבן שלעסער. ער האָט אָבער ניט געזוכט פּאָליטישע דערהויבונג. אים האָט ניט געלאָקט און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון יעדן פאָרשלאָג צו קאַנדידירן פאַר פּאָליטישע אַמטן. ער האָט ניט געזוכט קיין פּערזענלעכן אייגן־נוץ.

די מערסטע צווישן די אָנפירנדע אַבאָליציאָניסטן האָבן איצט באַטראַכט זייער ציל ווי אַ דערגרייכטן. אויך אין דעם פּונקט איז

ווענדעל פיליפס זיך פענאַנדערגעגאַנגען מיט זיין לאַנג־יאָריקן חבר גאַריסאָן. ביי דעם יערלעכן צוזאַמענפאָר פון דער אַמעריקאַנער אַנטי־סלעיווערי געזעלשאַפט, אין יאָר 1865, האָט וויליאַם לאָיד גאַריסאָן, וועלכער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער „סאָסייעטי", פאָרגעשלאָגן אַ רעזאָלוציע לויט וועלכער, די געזעלשאַפט, באַטראַכטנדיק איר ציל ווי דערגרייכט, לייזט זיך איצט אויף.

פיליפס באַקעמפט ענערגיש די אַריינגעבראַכטע רעזאָלוציע, דערקלערנדיק, אַז דער גרויסער קאַמף פאַר מענטשלעכער באַפרייאונג האָט זיך בלויז אָנגעהויבן . . . אין דעמדאָזיקן אַלוועלטלעכן קאַמף האָט ער זיך פרייוויליק און אויף לעבנלאַנג אָנגעשלאָסן. אויף לעבנלענגלעכן דינסט אין די אינטערעסן פון די אונטערדריקטע מאַסן. ער באַטראַכט די מענטשלעכע געזעלשאַפט אַרום זיך און זעט ווי די אַרבעטנדע מאַסן פון פאָלק, ווייסע צוגלייך מיט שוואַרצע, ווערן עקספּלאָאַטירט און פאַרשקלאַפט. אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דעם אַרבעטער קלאַס זעט ער די פאָרזעצונג און די דערגאַנצונג פון זיין אַבאָליציאָניסטישער אַקטיוויטעט.

גאַריסאָנ'ס רעזאָלוציע איז דורכגעפאַלן און ער רעזיגנירט פון פּרעזידענט אַמט. אויף זיין פּלאַץ ווערט ווענדעל פיליפס איינשטימיק דערוויילט און ער לייטעט די אָרגאַניזאַציע ביז צום יאָר 1870 ווען זי ווערט לסוף אויפגעלייזט.

אין זעלבן יאָר אין וועלכן עס האָט זיך געענדיקט דער בירגער קריג, אין 1865, האָט זיך ווענדעל פיליפס אַקטיוו באַטייליקט און איז אויפגעטראָטן ביי אַן אַרבעטער פאַרזאַמלונג אין דעם זעלבן היסטאָרישן פעניועל האָל, אין באָסטאָן, וואו ער האָט מיט קאַרגע דרייסיק יאָר פריער, פון דער זעלבער פּלאַטפאָרמע וואַגנד געוואָרפן אין פנים פון אַן איבערוויגנדן „פּראָ־סלעיווערי" עולם, זיין מוטיקע אַטאַקע אויף דעם שקלאַפן סיסטעם, ווי אויך זיין דרייסטע אַרויספאָדערונג צום קאַמף פאַר באַפרייאונג.

א קורצער ציטאט פון דער דאזיקער רעדע:

„ס'איז שוין העכער ניין און צוואנציק יאר פאראיבער פון דעם טאג ווען איך האב פון אט דער דאזיקער פלאטפארמע אדרעסירט די בירגער פון באסטאן. צו יענער צייט האב איך געפילט אז איך רעד פאר די ארבעטנדע און אונטערדריקטע מאסן. און אויב מיר איז דא היינט אוונט באשערט צו האלטן די לעצטע רעדע פון מיין לעבן, וואלט איך געווען גליקלעך עס צו האלטן אין זעלבן זין און אין דער זעלבער ריכטונג, — פאר די ארבעטער און פאר זייערע מענטשלעכע רעכט . . .

„די באמיאונגען אין לויף פון די אלע יארן זענען געווען אין די אינטערעסן פון אן אונטערדריקטער ראסע, וועמען מען האט געקויפט און פארקויפט . . . יענער קאמף פאר דער באזיץ פון ארבעט איז איצט נאענט צום סוף, און ס'איז פאסנד אז מיר זאלן איצט אנהויבן א נייעם קאמף צו באשטימען די אמת'ע באציאונג צווישן ארבעט און קאפיטאל.

„היינט צו טאג ווערט געבוירן איינער פון אייערע זין. ער ליגט אין וויגל, ווי דאס קינד פון עלטערן אן מיטלען און אן פרייע צייט. דאס פיל גליקלעכערע קינד פון דעם קאפיטאליסט ווערט דערצויגן און דערהויבן ווי אויף אדלער פליגל, א דאנק יעדן באגליקווירדיקן אומשטאנד . . . און איידער אט די איצטיקע באוועגונג און קאמף וועט זיך ענדיקן, מוז יעדעם קינד, וואס ווערט געבוירן אין אמעריקע, האבן גלייכע מעגלעכקייטן אין לעבן".

און אט אזוי האט זיך וועגדעל פיליפס פארבונדן מיט דער אמעריקאנער ארבעטער באוועגונג אין דער סאמער ערשטער צייט פון איר אנטשטייאונג, און האט דער דאזיקער באוועגונג געדינט מיט זיין עלאקוועגץ און מיט זיין גאנצער אלטרואיסטישער איבערגעבנקייט.

מיט דעם האט ער זיך אליין ווידער אמאל אוועקגעשטעלט מחוץ למחנה פון דער אזוי־גערופענער „העכערער געזעלשאפט"

אין דער בירגערלעכער וועלט, אין דעם סאמן מאמענט ווען זי איז גרייט געווען צו פארגעבן און פארגעסן זיינע אלטע „חטאים" קעגן איר. אין דער צייט ווען זי איז געשטאנען גרייט, מיט אפענע ארעמס, צו באגעגענען דעם פארבלאנדזשעטן זון צוריק צום הויף אריסטאקראטיש און עקסקלוזיוון „ביקאן היל" אין באסטאן.

* * *

װענדעל פיליפס איז איצט געווען געצוואונגען צו פארדינען אויף זיין חיונה דורך געבן עפנטלעכע פארטראגן. זיין רום און זיין גרויס פאפולאריטעט ווי אן ארטאר איז צו דערדאזיקער צייט שוין געווען פעסט עטאבלירט. זיינע לעקציעס האבן אים איצט ארייננעבראכט א שיינעם איינקונפט, אבער דעם גרעסטן טייל פון זיינע פארדינסטן פלעגט ער מיט א ברייטער האנט אוועק־געבן צו העלפן ארימע און נויטבאדערפטיקע. ער האט אויך ביינעשטייערט באדייטנדע סומען געלט צו העלפן אויפהאלטן און פארגרעסערן דעם ארגאן פון דער אנטי־סלעיווערי סאסייעטי, דעם „אנטי־סלעיווערי סטאנדארד".

צוליב דעם איז אויף די עלטערע יארן, אים מיט זיין קראנקער אינוואלידער פרוי אויסגעקומען צו לעבן אויף א גאר באַ־שיידענעם אופן — מען קען זאגן אין פשוט'ער ארימקייט . . .

דער אלטער פרייהייטס ריטער איז באזונדערס באליבט געווען ביי דער פראגרעסיווער אמעריקאנער יוגנט פון יענער צייט. איינער פון זיינע הייסעסטע חסידים און אנהייננגער איז געווען דער יונגער יודזשין וו. דעבס, וועלכער פלעגט אין שפעטערע יארן ליב האבן צו דערציילן ווי אזוי ער האט אין זיין (דעבס'עס) געבורטס שטאט, טערע האט, אינדיאנא, אראנזשירט א לעקציע מיט װענדעל פיליפס. דאס איז געווען אין דעם יאר 1878. רעדנדיק צו דעם יונגן פירער פון די אייזנבאן ארבעטער, דעם קינפטיקן סאציאליסטישן פריי־גייסט, האט דער אלטער קעמפער פאר מענטשלעכער רעכט זיך אויסגעדריקט:

„דעבס — די וועלט וועט קיינמאָל ניט וויסן וואָס פאַר אַ ביטערע און אומ'ברחמנות'דיקע פאַרפאָלגונגען די ערשטע אַבאָלי־ציאָניסטן האָבן געמוזט דורכמאַכן!"

יודזשין דעבס איז אָנגעצונדן געוואָרן מיט דעם פייער וואָס האָט געברענט אין דער איידעלער נשמה פון וועגדעל פיליפס. זיין פערזענלעכער קאָנטאַקט מיט דעם גרויסן אַמעריקאַנעם באַ־נער טרעגער פון מענטשלעכן פאָרשריט, איז פאַר אים געווען אַ גרויסע אינספּיראַציע אין זיין אייגענער קאַריערע אין אַלע אירע פאַזיסן, — ווי דער אַקטיווער טוער אין דער אייזנבאַן־אַרבעטער יוניאָן, ווי דער אומדערשראָקענער אָנפירער פון דעם היסטאָרישן „פּולמאַן" סטרייק, און ווי באַנער טרעגער פון אַמעריקאַנער סאָציאַליזם. ביז'ן סוף פון זיין אייגענעם קאַלירפולן לעבן האָט יודזשין דעבס געהאַלטן הויך און אומבאַפלעקט, דעם פאַקל פון פרייהייט און פאָרשריט ווי עס האָט געטאָן פאַר אים, זיין גרויסער פאָרגענגער און אינספּיראַטאָר.

* * *

זיין גאַנצן לעבן איז וועגדעל פיליפס געווען אַ ביטערער קעגנער פון דער באַרבאַרישער אינסטיטוציע פון טויט־שטראָף. ער פלעגט ניט פאַרביילאָזן קיין איין געלעגנהייט פאַר אַ שאַרפן אָנגריף, אין וועלכן ער האָט באַנוצט די גאַנצע אינטעלעקטועלע קראַפט וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער איז אויך צו יעדער צייט גרייט און וויליק געווען צו געבן זיין פול הארציקע אונטערשטי־צונג און מאָראַלישע מיטהילף צו פרייהייטס־קעמפער אין אַלע וועלט־טיילן.

די פעניער אין אירלאַנד וועלכע האָבן אָנגעפירט דעם רע־וואָלוציאָנערן קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע פרייהייט קעגן ענגלאַנד, די רוסישע ניהיליסטן און נאַראָדאָוואָלצעס אין זייער ביטערן געראַנגל מיט'ן גרויזאַמן צאַריזם; און די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן אין אַלע לענדער, האָבן אין אים געהאַט אַ פערלעסלעכן

וואָרימען פריינט און גלענצנדן פאַרטיידיקער. אין יענע יאָרן פלעגט די אַמעריקאַנער פרעסע בכלל האָבן גאַנץ מאָגערע און קנאַפּע אויסלענדישע נייס. פון צייט צו צייט פלעגן אין די צייטונגען דערשיינען גאַנץ גראָטעסקע און פאַנטאַסטישע שילדערונגען פון די „שטערער פון דער עפנטלעכער רו אין אייראָפּע". די בראַווע פרייהייטס קעמפער האָט מען פאַרגעשטעלט ווי רויבער און אונ־טערצינדער. מיט זיין אויפקלערנדער אַגיטאַציע פלעגט ווענדעל פיליפּס געווינען פאַר זיי פאַרשטענדעניש און סימפּאַטי אין די פאַראייניקטע שטאַאַטן.

ער האָט אויך עפנטלעך פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די רעשטן פון די אַמעריקאַנער אינדיאַנער, וועלכע זענען אַ דאַנק די גרויסע עקספּאַנסיע פון דער ווייסער לאַנד דעראָבערונג און באַפעלקערונג פון דער וועסט, באַגרעניצט געוועזן צו וואוינען קאָנ־צענטרירט אין איניקע פון דער רעגירונג באַשטימטע אינדיאַנער טעריטאָריעס, אונטערן „פאָטערלעכן" שוץ פון דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן. צווישן די פאַרוואַלטער איבער די רויט־הויטיקע קעסט־קינדער פון אָנקל סעם, האָבן זיך געפונען אַ צאָל זעלבסט־זיכטיקע אוואַנטיוריסטן, וועלכע פלעגן די אינדיאַנער באַשווינדלען און עקס־פּלואַטירן. ווענדעל פיליפּס'עס קאַמף האָט פיל ביינעשטייערט אַ סוף צו מאַכן צו דער באַרויבונג פון די אינדיאַנער. ער האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט צו דעם גרויסן חוב וואָס דאָס פאָלק קומט צו די אַמאָליקע שטאָלצע באַזיצער פון דעם אַמעריקאַנעם קאָנ־טינענט. זיין גרויסער אינטערעס אין מענטשלעכן פאָרשריט און אין דעם מענטשלעכן קאַמף פאַר סאָציאַלער פרייהייט און קול־טורעלער דערהויבונג האָט ניט אנערקענט גרעניצן צווישן לענדער אָדער באַריערן צווישן פעלקער. אין דעמדאָזיקן זין איז ער געווען דער אמת'ער אוניווערסאַליסט און קאָסמאָפּאָליט.

ווי מיר האָבן געזען פון זיין ביז־איצטיקער אַקטיוויטעט, האָט ווענדעל פיליפּס זיך קיין מאָל ניט באַנוגנט מיט בלויז אַן ערשטן שריט. האָבנדיק זיך אידענטיפיצירט מיט דער אַרבעטער

באוועגונג, איז ער לאָגישערווייז אידייאיש געקומען צום סאָ־ציאַליסטישן וועלט־באַנער. צו דעם ריינעם, ניט פאַרוואַסערטן, און אַגרעסיוון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, ווי ער איז אין שפּע־טערע יאָרן אַגיטירט געוואָרן צוערשט פון דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי די „עס על פיי" און דערנאָך פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אונטער דער גלענ־צנדער פירערשאַפט פון יודזשין וויקטאָר דעבס.

אין דעם יאָר 1871, איז אויף דער איניציאַטיווע פון ווענדעל פיליפּס איינגערופן געוואָרן אַן אַרבעטער קאָנווענשאָן אין דער שטאָט וואוסטער, מאַסאַטשוזעטס. פיליפּס איז געווען פּאָרזיצער ביים צוזאַמענפאָר און האָט אויך אָנגעשריבן די דערנאָך־אָנגענו־מענע „פּלאַטפאָרמע", וועלכע לייענט זיך כמעט ווי די פּרינציפּן־דערקלערונגען פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אונזערע טעג.

די וואָגנדע פאָדערונג פאַר אַ צען שטונדיקן אַרבעטס־טאָג פאַר לוין־אַרבעטער, אין דער וואוסטער־פּלאַטפאָרמע, וועט אָנדייטן אויף די לאַנגע טעגלעכע שטונדן, וועלכע די אינדוסטריעלע אַר־בעטער האָבן צו יענער צייט געמוזט אַרבעטן אין די אַמעריקאַנער פאַבריקן און „סוועט"־שעפּער.

די שאַרפע אַטאַקע אויפ'ן קאַפּיטאַליסטישן לוין־סיסטעם וועלכע פיליפּס האָט געמאַכט, פאַרלייגנדיק די פּרינציפּן־דער־קלערונג פאַר דער קאָנווענשאָן אין וואוסטער, האָט אויף זיין קאָפּ אַראָפּגעבראַכט אַ האָגל מיט אַטאַקעס מצד די מאַכט־באַזי־צער און זייער קאָנטראָלירטער פּרעסע:

„איך באַטראַכט די באַוועגונג מיט וועלכע דער איצטיקער צוזאַמענפאָר איז פאַרבונדן", האָט ער געזאָגט, „ווי די גרעסטע און אַלאומפאַסנדסטע באַוועגונג פון אונדזער צייט. איך קלייב מיט פאַרזיכט מיינע ווערטער, ווייל איך קען קוים אָנווייזן אויף אַן אידייע אין וועלכע די מענטשהייט איז פאַראינטערעסירט, וואָס זאָל ניט זיין אָנגעוויזן אויפ'ן דערפאָלג פון דער פאָלקס באַוועגונג צו נעמען אין אייגענעם באַזיץ דאָס וואָס באַלאַנגט צום פאָלק על־פּי רעכט און יושר."

די אַלגעמיינע פּרעסע אין לאַנד האָט איצט מיט באַזונדערער גיפטיקייט און פאַרביטערונג גענומען אַטאַקירן וועגדעל פיליפּס'ן פאַר זיינע וואַגנדע ראַדיקאַלע אַרויסטרעטונגען. מען האָט אים אָנגערופן „ניהיליסט", וואָס איז צו יענער צייט געווען דער זעלבער שרעקונגס־וואָרט ווי דער טיטול „רעדי" אָדער „באָלשעוויק" אין אונדזערע טעג. דער שימפּוואָרט „אַנאַרכיסט" איז נאָך דאַמאָלט נים באַקאַנט געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס האָט מען ערשט געלערנט אין די אַכציקער יאָרן, אין דער צייט פון דער היימאַרקעט טראַגעדיע אין שיקאַגאָ.

אין אַן עפנטלעכער רעדע וועלכע ער האָט געהאַלטן אין אַפּריל פון יאָר 1872, האָט פיליפּס דערקלערט:

„מיך פרייט האַרציק יעדער פאַרזוך פון דעם אַרבעטער קלאַס זיך צו אָרגאַניזירן. מיך אַרט ניט, אויף וואָס פאַר אַ באַזיס זיי טוען דאָס. מען וואַרפט איצט אויף מיר די באַשולדיקונג, אַז איך בין אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. איך ווייס ניט גענוי וואָס זיי מיינען מיט דעמדאָזיקן טיטול, אָבער אויב מען זאָגט מיר, אַז דאָס איז אַ סיסטעם לויט וועלכן אַרבעטער פון לאָנדאָן ביז גיבראַלטער, פון מאָסקווע ביז פּאַריז, קאָנען זיך ברידערלעך אויס־שטרעקן די הענט, זאָג איך, זאָל גאָט באַגליקן און פאַרשנעלערן אַזעלכע באַוועגונגען . . . און דערפאַר באַגריס איך פון טיפן האַרצן אַרבעטער פאַראייניקונג. מיר אַרט ניט מיט וואָס פאַר אַ נאָמען זיי רופן זיך אָן, טרייד־יוניאָן, אינטערנאַציאָנאַל אָדער קאָמונע. צו יעדער ריכטונג וואָס דערצילט דאָס צונויפברייגגען אין מאַסן די איינצלנע און באַזונדערע אַרבעטער גרופּן כדי צו שאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט מיט וועלכן צו קאָנען פּנים אל פּנים באַגעגענען דעם אָרגאַניזירטן קאַפּיטאַל, זאָג איך — אמן!"

לעצטע יאָרן

אין זיין הויכן עלטער איז וועגדעל פיליפּס געצוואונגען גע־ווען פיל אַרומצופאָרן, יאָר איין יאָר אויס, אויף לאַנגע לעקציע־

טורן. די דאָזיקע נסיעות זענען איצט פאַרבונדן געווען מיט גרויסער פיזישער אָנשטרייננגונג. אָבער בלויז דורך דעם האָט ער געקאָנט פאַרדינען אויף זיין לעבנס־מיטל און אויף מעדיצין פאַר זיין קראַנקער לעבנסבאַגלייטערין.

ער איז שוין אַריבער דעם שוועל פון זיין זיבעציקסטן לעבנס־יאָר. אַלע פעדים, וועלכע האָבן אין זיין יוגנט אים פאַרבונדן מיט דער „רעספעקטאַבעלער" וועלט, זענען שוין לאַנג צעריסן געווען. און איצט, האָט זיין מוטיקע ראַדיקאַלע שטעלונג אין זיינע לעצטע יאָרן, און זיינע סאָציאַליסטישע אַרויס־טרעטונגען, פון אים אָפּגעקערט פילע פון זיינע אַמאָליקע מיטאַרבעטער, די חברים און נאָכפאָלגער פון די אַבאָליציאָנס טעג. ביז צו דער דאָזיקער צייט פלעגן די לעצטע, אוים פיעטעט צום אַלטן קעמפער — זייער אַמאָליקן פירער, — אין גרויסע צאָלן באַזוכן זיינע פאַרזאַמלונגען. צוליב שוואַכן באַזוך זענען זיינע איצטיקע אַרויסטרעטונגען שוין געוואָרן פינאַנציעלע דורכפאַלן.

אָבער ווענדעל פיליפס האָט זיך צוליב דעם ניט אָפּגעשטעלט. ער איז געגאַנגען אין פאַראויס און האָט ניט אויפגעהערט צו אַגיטירן פאַר די אידייען וועלכע זענען געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון זיין לעבנסלענגלעכן קאַמף פאַר אַ בעסערער און אַ שענערער וועלט. ער איז געווען גרייט, ווי איבסענ'ס העלד, צו שטיין אַליין, אויב נויטיק, אין זיין אומבויגזאַמן דינסט פון דעם אמת און אין זיין פאַרטיידיקונג פון יעדער באַוועגונג פאַר מענטשלעכער חשיבות און פאַרשריט.

* * *

שבת, דעם צווייטן פעברואַר פון יאָר 1884, אויסגעמוטשעט פון דעם שונא'ס גיפטיקע אַטאַקעס, ווי אויך פון די אומאויפהערלעבע קאַמפן, פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט דאָס האַרץ פון דעם אַלטן בראַוון קעמפער אויפגעהערט צו קלאַפּן . . . און ווענדעל פיליפס איז אין זיין דריי־און־זיבעציקסטן לעבנס יאָר

ארונטער פון דער בינע פון שטורמדיקן עפנטלעכן לעבן, און איז אריין אין דער געשיכטע.

אין די אָפיציעלע בענדער, אין די „קאַזיאָנע" טעקסט־ביכער פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע פארנעמען נאָך אַלץ דעם אויבנאָן, גענעראַלער, קריגס פירער און פאַרשידענע מיטלמעסיקייטן. די אמת גרויסע פרייהייטס־גייסטער געפינען זיך נאָך מערסטנס אין הינטערגרונד.

אַ צייט וועט אָבער אומפאַרמיידלעך קומען, ווען די מענטשהייט וועט דערגרייכן אַ העכערע שטופע פון קולטור און ציוויליזאַציע. ווען דאָס וועט געשען, ווען אין סאַמן פאָדערגרונד פון דער גלענצנדער חברותה פון די אומשטערבלעכע אַמעריקאַנער פאַרקעמפער און פאַרטיידיקער פון מענטשלעכער רעכט, ארומגערינגלט פון די ברידער־שטערן: דזשאָן בראַון, אייבראַהאַם לינקאָלן, גאַריסאָן, איינגערסאָל, אַלטגעלד, און דעבס, ארויסשיינען דער ליכטיקער שטערן פון ווענדעל פיליפּס, וואָרפנדיק זיין דערוואַרעמענדיקן שיין אויף קומענדע דורות.

פון „דער טאָג" (ניו-יאָרק), אָקטאָבער, 1937

ראָבערט מעריאָן לאַפּאָלעט

מיט'ן טויט פון סענאַטאָר ראָבערט מעריאָן לאַפּאָלעט איז אַוועק איינער פון די נאָבעלסטע, פּראַאויסשטייענדסטע און ליב־טיקסטע פּערזענלעכקייטן אין דעם אַמעריקאַנעם עפנטלעכן לעבן פון אונדזער צייט.

עס איז גענוג געווען איבערצולייענען דעם לייט־אַרטיקל אין דער „ניו־יאָרק־טאַימז", דער אָרגאַן פון דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזי, און ענלעכע פּען־אויסגוסן אינספּירירט פון דעם זעלבן לאַגער, אויסערונגען פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ „גאָט צו דאַנקען ענדלעך פּטור געוואָרן" שטימונג, צו קאָנען פאַרשטיין די וויכטי־קייט פון לאַפּאָלעט'ס לעבנלענגלעכן קאַמף, און זיינע לייסטונגען פאַר'ן פאָלק בכלל און באַזונדערס פאַר די האָרעפּאַשנע מאַסן.

ווי אייבראַהאַם לינקאָלן, איז לאַפּאָלעט געווען אַ קינד פון אַרבעטנדן פאָלק. געבוירן אין גרויס אָרימקייט, האָט ער, אַ דאַנק זיינע מערקווירדיקע פעאיקייטן און זיין אומבויגזאַמן ווילן און עקשנות זיך פרי דערהויבן צו פּאָליטישן איינפלוס. פון זיין ערשטן אַרויסטרעט אויף דער פּאָליטישער אַרענאַ ביז צו דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן, איז דער מוטיקער פאָלקס־טריבון און שטאַטסמאַן פאַרבליבן דער אויסגעהאַלטענער פּרינציפּן־טרייער קעמפער פאַר פּראָגרעס. אומבויגזאַם, אומדערשראָקן אין אָנגע־זיכט פון מעכטיקסטן שונא. (און די אָליגאַרכיע וועלכער ער האָט דערקלערט קריג, און וועלכע האָט באַהערשט דעם פּאָליטישן און עקאָנאָמישן לעבן פון זיין צייט, איז באמת געווען אַלמעכטיק). באַגעגענענדיק נידערלאַגע נאָך נידערלאַגע מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַן אייזערנעם ווילן ווייטער און ווייטער צו קעמפן, האָט לאַפּאָלעט זיך דערדינט דעם טיטול „פייטינג באָב". דער אייביקער קעמפער קעגן די געוויסנלאָזע מאַכט באַזיצער. אַ קעמפענדער שטורמער פאַר די אינטערעסן פון פאָלק.

דעם דאָזיקן ערן־טיטול האָט ער גאַנץ כשר פאַרדינט. נאָענט צו אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט מען אים געזען אין פאָדערגרונט פון אַלע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען און לעגיסלאַטיווע קאַמפן. העכער פיר צענדליק יאָר אומאויפהערלעכער קאַמף קעגן די מעכ־טיקע קאַפּיטאַליסטישע הארן און זייערע קאָרופּטירטע פּאָליטישע פאַרשטייער. ס'איז געווען אַ פאַרכאַפּנדער, אָפּטמאָל העכסט דראַ־מאַטישער קאַמף קעגן די אייזנבאַן מאַגנאַטן און די אַנדערע מאָ־נאָפּאָליסטישע „טראַסטן". די אַזוי גערופענע „קאַפּיטאַנען פון אינדוסטרי" האָבן קאָנטראָלירט קירך און שטאַט, סטייט און פע־דעראַלע רעגירונג. זייער וואָונטש און וואָרט איז געווען געזעץ. אומפאַרשעמטערהייט פלעגן זיי אונטערקויפן פון די קלענסטע ביז צו די העכסטע באַאַמטע. דער יעניקער וועלכער האָט געוואַגט זיך שטעלן קעגן זייער אוטאָקראַטישער הערשאַפט, איז שנעל און אום'ברחמנות'דיק פאַרניכטעט געוואָרן.

ראָבערט לאַפּאָלעט'ן האָט מען ניט געקאָנט קויפן און ער האָט זיך ניט געלאָזט ברעכן. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ מערקוויר־דיק שטאַרקן ווידערשטאַנד, קאַמפס גרייטקייט און פעאיקייט.

עס זענען געווען אַנדערע פּראָמינענטע פּאָליטישע פיגורן אין לאַנד, וועלכע האָבן אָנגעהויבן זייערע קאַריערעס ווי גרויסע ראַדיקאַלן און קעמפּער פאַר'ן פאָלק. מענטשן, וועלכע האָבן אין זייער צייט געדונערט קעגן „וואָל סטריט" און וועלכע זענען שפּע־טער אַריבער אין לאַגער פון שונא. איינער אָפן, אַ צווייטער כלומר'שט נאָך אָנגעטאָן אין דעם שעפּסן פעל פון ראַדיקאַלער פראַזעאָלאָגיע. געגוג איין ביישפּיל: וויליאַם דזשענינגס ברייען. ער איז געווען דער ראַדיקאַלסטער פון ראַדיקאַלן. דריי מאָל פּרעז־זידענט קאַנדידאַט פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. אין דעם יאָר 1896 ווען ער איז צום ערשטן מאָל נאָמינירט געוואָרן האָט ברייען באַוויזן צוציען צו זיין באַנער דעם פרייהייטס־קעמפער יודזשין דעבס און אַנדערע פאָרגעשריטענע מענטשן. ברייען'ס

פערזענלעכע „עוואָלוציע" פון זיין באַרימטן און דראַמאַטישן „קרייץ פון גאָלד און קרוין פון דערנער" אַרויסטריט ביז צו זיין היינטיקער פאַרשימעלט־קלעריקאַלע ראָלע, איז וואויל באַקאַנט צו יעדן אינטעליגענטן לעזער.

לאַפאָלעט, דער אַרימער פאַרם־אינגל, וועלכער האָט בייטאָג געאַרבעט און ביינאַכט געזעטיקט זיין דורשט נאָך בילדונג, האָט אָנגעפאַנגען זיין פאָליטישע קאַריערע אין זיין אייגענעם סטייט וויסקאָנסין אין דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי. ער האָט באַוויזן צו באַזיגן די מאַכט פון די רעפּובליקאַנער און אויך פון די דעמאָקראַטישע „באָסעס" פון סטייט וועלכע האָבן זיך דאָרט פאַראייניקט קעגן אים. נאָך אַ ביטערן און לאַנגן קאַמף איז אים געלונגען צו באַפרייען דעם סטייט וויסקאָנסין פון דעם יאָך פון דעם אייזערנעם קנאַפּל דרוק פון די מעכטיקע אייזנבאַן און לאָמבער מאַגנאַטן. ער האָט ניט גערוט ביז וואַנען וויסקאַנסין, דער סטייט אין וועלכן ער איז געבוירן געוואָרן, איז געוואָרן דער פּראָגרעסיווסטער סטייט אין גאַנצן לאַנד.

דריי טערמינען ווי גאָווערנאָר פון וויסקאַנסין, אייניקע טערמינען אין קאָנגרעס האָבן לאַפאָלעטן דערהויבן צו אַ נאַציאָנאַלע פיגור. זיין וואַקסנדן איינפלוס און זיינע פעאיקייטן האָט ער איצט געווידמעט אויסצוברייטן די גרעניצן פון דעם פּראָגרעסיוון ציטאַדל. פון וויסקאַנסין איז ביסלעכווייז דער גאַנצער נאָרד־וועסט אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער „וויסקאָנסין אידייע" און מיט דעם גייסט פון „לאַפאָלעטיזם".

מיט זיין דערוויילונג צום יונייטעד סטייטס סענאַט, פאַנגט זיך אָן זיין גרויסער קאַמף צוריק צו ברייענגען די קאָנטראָל איבער דער פעדעראַלער רעגירונג אין די הענט פון פאָלק. צו דערגרייכן פאַר'ן גאַנצן אַמעריקאַנעם פאָלק דאָס וואָס אים איז געלונגען דורכצופירן אין זיין אייגענעם סטייט.

ווען לאַפאָלעט האָט זיך צום ערשטן אויפגעהויבן צו אַד־רעסירן דעם סענאַט אין וואַשינגטאָן, האָבן זיך די מערסטע סע־נאַטאָרן, רעפּובליקאַנישע ווי אויך דעמאָקראַטישע אויפגעהויבן און האָבן דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן דעם סענאַט קאַמער. דערמיט האָבן זיי געוואָלט געבן אַ פּאַטש אין פּנים דעם פאָרשטייער פון פאָלק. דער נייער סענאַטאָר האָט זיך ניט פאַרלאָרן. אַדרעסירנדיק דעם פאָרזיצער און אָנצייגנדיק אויף די אויסגעליידיקטע בענקלעך, האָט לאַפאָלעט אויף דעם קאָמענטירט מיט פאָלגנדע ווערטער: „מיסטער פּרעזידענט, איך זע אַז פילע סענאַטאָרן האָבן זיך אויפ־געהויבן און פאַרלאָזן זייערע פּלעצער בשעת איך בין געקומען צום וואָרט. עס מאַכט מיר ניט אויס. דאָס פאָלק וועט מיר ווי עס איז דערהערן. אָבער איך וואָג איצט צו זאָגן, אַז פילע פון דיזע סענאַטאָרן וועלן קירצלעך אָפּליידיקן זייערע פּלעצער אין סענאַט פּערמאַנענט״ . . .

און אַזוי איז טאַקע געשען. ווען דער סענאַט האָט געשלאָסן זיינע זיצונגען, איז סענאַטאָר לאַפאָלעט אין צייט פון וואַקאַציע, ארומגעפאָרן אין די שטאַאַטן פון די רעאַקציאָנערע סענאַטאָרן, און פלעגט דאָרט אַדרעסירן פאָלקס פאַרזאַמלונגען אויף וועלכע ער האָט אויפגעדעקט דעם „רעקאָרד״ פון זייערע פאַרטרעטער אין סענאַט. אָנווייזנדיק וויפיל מאָל זייערע סענאַטאָרן האָבן געשטימט קעגן די פאָלקס אינטערעסן, אָדער וויפיל מאָל דער אָדער יענער סענאַטאָר פלעגט פאַרפעלן בייוואוינען וויכטיקע זיצונגען וואו אַ שטימע אָדער צוויי וואָלטן געקאָנט ענדערן אַ באַשלוס אָדער פאַרמיידן די דורכפירונג פון שלעכטע און רעאַקציאָנערע בילס.

לאַפאָלעט׳ס נבואה איז מקוים געוואָרן. ער איז לאַנג ניט פאַר־בליבן איינזאַם. אין סענאַט איז זיין איינפלוס געשטיגן. דאָ און דאָרט פלעגט אַ רעאַקציאָנערער סענאַטאָר געשלאָגן ווערן אין די וואַלן און אַ מער פּראָגרעסיווער מענטש פלעגט פאַרנעמען דעם אַמט. מיט דער צייט האָבן זיך אַרום לאַפאָלעט׳ן גרופּירט אַן אַג־רעסיווע גרופּע מוטיקע פּראָגרעסיווע סענאַטאָרן. דאָס איז געווען דער פּראָגרעסיווער בלאָק אָדער די „לאַפאָלעט גרופּע״ וועלכע איז

געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין סענאַט. ניט נאָר האָבן זיי דורך „פיליבאַסטער” טאַקטיק געהינדערט דורכפירן רעאַקציאָנערע בילס, נאָר פון צייט צו צייט איז מיט זייער קאָאָפּעראַציע לאַ־פאָלעטן געלונגען דורכצופירן גינסטיקע אַרבעטער און אויך אַנ־דערע קאָנסטרוקטיווע געזעצן.

קיין אַנדער פּאָליטישער פירער פון אונזער צייט און דור האָט געקענט אָנווייזן אויף אַ גרעסערער צאָל נוצלעכע און פּראָ־גרעסיווע געזעצן ווי די וועלכע סענאַטאָר לאַפּאָלעט האָט אויס־געקעמפט אין די אינטערעסן פון די אַמעריקאַנער פאָלקס מאַסן. אַרבעטער געזעצן, אייזנבאַן און אַנדערע טראַסט קאָנטראָל געזעצן, דירעקטען וואַלן פאַר יונייטעד סטייטס סענאַטאָרן, שיפּינג, קאָאָפּעראַטיוון, אינקאָם־טעקס, פאַרם, און נאָך פילע אַנדערע נוצ־לעכע געזעצן אויף פאַרשידענע געביטן. יעדע באַוועגונג פאַר גע־רעכטיקייט, יעדער פּראָטעסט קעגן אונטערדריקונג און אומרעכט האָבן געפונען אין לאַפּאָלעטן אַן אונטערשטיצער. צו יעדער צייט האָט מען זיך געקענט באַנוצן מיט זיין וואַקסנדן איינפלוס.

סענאַטאָר לאַפּאָלעט'ס שטעלונג צו דער וועלט מלחמה, זיין מוטיקער אויפטרעט קעגן דער קריג'ס וואַנזין און שאָוויניסטישער שכּרות וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַן עפּידעמיע איבער'ן לאַנד און האָט געשטויסן די פאַראייניקטע שטאַאַטן אינ'ם גהינום פון וועלט־קריג, — האָט באַוויזן פריינד און פיינד, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן וועלכער שרעקט זיך ניט פאַר איזאָלירונג, וועלכער וואַגט אַלץ, און וועלכער ריזיקירט ניט בלויז זיין סענאַטאָ־רישע פּאָזיציע, נאָר אויך זיין לעבן, אין קאַמף פאַר פרידן, פאַר גע־רעכטיקייט און פאַר זיינע ערלעכע איבערצייגונגען. לאַפּאָלעט'ן האָט ניט געקימערט דער צאָרן פון די ווילדע וואָל־סטריט היענעס און פּראָפיטירער; אויך ניט דער פאַקט וואָס מאַנכע אָנגעהיצטע און אונטערגעהעצטע „פּאַטריאָטן” פלעגן עפנטלעך פאַרברענען זיין „פיגור”, ווי די פון אַ פאַרעטער און אַ „שונא פון פאָלק”. ער האָט געדינט דעם אמת, און זיין מאָטאָ איז תּמיד געווען: „דער אמת וועט אייך פריי מאַכן!”

ניט קוקנדיק אויף זיין הויכן עלטער און פיזישער אָפּשוואַכונג צוליב אַ האַרצקראַנקהייט, אַ רעזולטאַט פון זיין לאַנגן אַקטיוון לעבנס קאַמף, האָט לאַפּאָלעט אָנגענומען די פירערשאַפט און האָט מוטיק דערהויבן דעם באַנער פון פּראָגרעסיוויזם אין די פּרעזידענט וואַלן פון יאַר 1924. ער האָט אָנגעפירט אַן ענערגישן, כח־אויסשעפּנדן פּרעזידענטן קאַמפּיין. אַרום דעם אַלטן קעמפער האָבן זיך גרופירט די בעסטע און ליכטיק־שענסטע עלעמענטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיט יודזשין דעבס בראש, ביז דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר מיט גאָמפּערס׳ן. די פּועלי ציון, דער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד, די אירישע רעפּובליקאַנער, די פּראָגרעסיווע פרויען אָרגאַניזאַציעס, — אַלע האָבן געמיינשאַפטלעך געאַרבעט צו דערוויילן לאַפּאָלעט׳ן צום פּרעזידענט־אַמט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מען איז דורכגעפאַלן. דערוויילט געוואָרן איז דער אידעאַל פון וואָלסטריט דער פלאַכער קולידזש. אָבער פינף מיליאָן אַמעריקאַנער מענער און פרויען האָבן אויסגעדריקט זייער ליבע צום אַלטן באַנער־טרעגער און האָבן דורך שטימען פאַר אים רעגיסטרירט זייער גלויבן אין די פּראָגרעסיווע פּרינציפּן פאַר וועלכע ער האָט אַגיטירט און געשטריטן.

לאַפּאָלעט האָט געקעמפט ביז׳ן סוף. זיינע לעצטע ווערטער פאַר׳ן טויט זענען ווערט צו פאַרצייכענען: „איך פיל בשלום מיט דער וועלט, אָבער ס׳איז נאָך דאָ פיל אַרבעט וואָס איך וואָלט געדאַרפט דורכפירן. איך ווייס ניט ווי דאָס פאָלק דענקט און פילט וועגן מיר, אָבער איך וועל מיט זיך אין קבר מיטנעמען מיין ליבע צום פאָלק וואָס האָט מיך אויפגעהאַלטן דורכ׳ן גאַנצן לעבן״.

ראָבערט מעריאָן לאַפּאָלעט האָט כשר פאַרדינט די ליבע פון די פאָלקס מאַסן. די דאָזיקע ליבע וועט זיכערן זיין פּלאַץ אין דער געשיכטע פון זיין פאָלק און אין די הערצער פון פרייהייטס ליבנדע מענטשן איבעראַל.

„דער אידישער אַרבעטער״, 26טן יוני, 1925

יודזשין וו. דעבס

ניטאָ קיין איין ווינקל אויפ׳ן ערד־קוגל, פון דעם קאַלטן צפון ביז צום זוניקן דרום, און פון מזרח ביז מערב, וואו די בשורה, אַז דעבס איז געשטאָרבן וועט נים אַרויסרופן אויפריכ־טיקן טרויער. באַזונדערס געטראָפן פילן זיך די אַרבעטנדע מאַסן, די אַזוי־גערופענע „אונטערשטע שיכטן" פון דער געזעלשאַפט, מיט וועלכע דעבס האָט זיך אידענטיפיצירט, וועלכע ער האָט אַזוי היים געליבט און געווידמעט זיין ליכטיק לעבן, פאַר זיי געליטן מאַרטירערטום און תפיסה, און אומדערמידלעך געקעמפט און טריי געבליבן ביז צו זיין לעצטן אָטעמצוג!

וואָס פאַר אַ מערקווירדיק הערלעכע קאַריערע איז געווען די פון יודזשין וויקטאָר דעבס! פון זיין פריען יוגנד אָן, ווען ער, אַ פּופּצן יאָריקער אינגל, האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן די רייען פון דעם פראָלעטאַריאַט, און איז אין יאָר 1870 געוואָרן אַן אייזנבאַן אַרבעטער, הויבט זיך אָן זיין פאַרבינדונג מיט די האָרעפּאַשנע מאַסן. מיט פינף יאָר שפּעטער, אין דעם יאָר 1875 ווען ער איז דערוויילט געוואָרן סעקרעטאַר פון דער לאָקאַלער לאַדזש פון דער „לאָקאָמאָטיוו פייערמענ׳ס יוניאָן" אין זיין געבורט־שטאָט טערע האָט, אינדיאַנאַ, האָט זיך אָנגעפאַנגען די עפנטלעכע אַרבעטער טעטיקייט פון יודזשין דעבס. פון דאַמאָלסט אָן ביז אין גרויען עלטער, פאַקטיש ביז׳ן לעצטן טאָג פון זיין לעבן איז ער פאַרבליבן אין אומאויפהערלעכן דינסט פון דעם אַרבעטער קלאַס. אַ מערק־ווירדיקע און אַ וואונדערלעכע אָפּאָסטאָלאַט פון העכער אַ האַלבן

יאָרהונדערט, און אָן דעם מינדסטן פלעק אויף זיין רעקאָרד. ריין און אָן אַ שפּרינקעלע פון פאַרדאַכט. ריין פון זעלבסט־זוכט אָדער וועלכן ניט איז אייגננוץ — און מיט אַ פּערזענלעכן לעבן וואָס איז געווען אין פולשטענדיקער האַרמאָני מיט זיינע סאָציאַליס־טישע פּרינציפּן!

יודזשין דעבס' אומבאַגרעניצטע ליבע צו די פאָלקס מאַסן, זיין גוטסקייט און זיין וואַגנדער מוט און אומדערשראָקנקייט אין קאַמף פאַר יושר און גערעכטיקייט, — זענען געווען די בולט'סטע כאַראַקטער שטריכן פון זיין לעבן.

זיינע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן האָבן זיך צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָר־הונדערט, ווען ער האָט אָרגאַניזירט די פאַרשידענע פאַכן פון די אייזנבאַן אַרבעטער און האָט צו שטאַנד געבראַכט די מערקווירדי־קע, אַגרעסיווע און מוסטערהאַפטע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, די „אַמעריקען ריילוועי וואָירקערס יוניאָן".

אין דעם יאָר 1894 האָט ער אויף אַ גלענצנדן אופן אָנגע־פירט און געבראַכט צו אַ זיגרייכן שלום דעם גרויסן אייזנבאַן סטרייק. אַ דאַנק אָט דעם דאָזיקן גרויסן אַרבעטער זיג איז דעבס דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון אַ נאַציאָנאַלע פיגור. פון דאַן אָן האָט זיין יעדע באַוועגונג אין אַרבעטער אַקטיוויטעט אויף זיך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן לאַנד. די גאַנצע קאַפּי־טאַליסטישע פּרעסע האָט אים אַטאַקירט און אַרונטערגעריסן, ווי עס איז געוויינלעך דער פאַל מיט אויפריכטיקע אַרבעטער פירער. אָבער די אַרבעטנדע מאַסן האָבן דערפילט אַז אויף דער אַרענאַ פון עפנטלעכן לעבן אין לאַנד איז אַרויף אַ גרויסער קעמפער וועל־כער וועט שפּילן אַ באַדייטנדע ראָלע אין זייער שווערן פיינלעכן באַרג־אַרויפיקן קאַמף פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. און זיי האָבן זיך ניט גענאַרט אין זייערע האָפנונגען און דערוואַרטונגען...

באַלד נאָכדעם איז געקומען דער היסטאָרישער פולמאַן אייזנ־באַן סטרייק. אונטער דער פירערשאַפט פון יודזשין דעבס איז די

פּאָזיציע פון די אייזנבאַן סטרייקערס געוואָרן פעסטער און שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. אין זייער נויט־סיטואַציע האָבן זיך די גרויסע אייזנבאַן מאַגנאַטן געווענדעט צו דער רעגירונג אין וואַשינגטאָן נאָך הילף. דער דעמאָקראַטישער פּרעזידענט, גראָווער קליוולאַנד האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. קעגן דעם שאַרפן פּראָטעסט פון דעם באַרימטן ליבעראַלן גאָווערנאָר דזשאָן אַלטגעלד פון אילינאָי, דער סטייט אין וועלכן דער סטרייק האָט זיך צענטרירט, האָט די פעדעראַלע רעגירונג אַריינגעשיקט גרויסע אָפּטיילונגען מיליטער, וועלכע האָבן ברוטאַל אונטערדריקט דעם סטרייק.

דער אַגרעסיווער אַרבעטער פירער דעבס איז געשטאַנען די מאַכט־האָבער ווי אַ ביין אין האַלדז. איס האָט מען ניט געקאָנט קויפן, האָט מען אים פּרובירט ברעכן. מען אַרעסטירט אים אונטער דער קלאַגע פון „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט" צוליב זיין איגנאָרירן אַן „אינדזשאַנקשאָן" קעגן די סטרייקער. (דאָס איז געווען דער היסטאָרישער אינדזשאַנקשאָן וועלכער איז צו יענער צייט אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם ריכטער טאַפט, דער שפּעטערדיקער פּרעזידענט און איצטיקער טשיף דזשאַסטיס פון דער „יונייטעד סטייטס סופּרים קאָורט" אין וואַשינגטאָן.) דער דאָזיקער „אינדזשאַנקשאָן" וואָס האָט געצילט צו פּאַראַליזירן די טעטיקייטן פון די סטרייקנדע אַרבעטער, איז דער טאַטע פון די היינטיקע געריכטלעכע אינדזשאַנקשאָנס קעגן וועלכע עס קעמפן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער. דער באַרימטער ראַדיקאַלער אַדוואָקאַט קלאַרענס דאַראָו האָט אָנגעפירט די פאַרטיידיקונג — אָבער. יודזשין וו. דעבס איז פאַר'משפּט געוואָרן צו זיצן זעקס חדשים אין וואודסטאָקער טורמע.

פון אייזנבאַן סטרייק ווי ניי־געבאָרן און האָט אים געהייליקט צו אָנשטאָט דעם וואָס די טורמע זאָל אים ברעכן, האָט זי דעם פירער ווייטערן קאַמף פאַר'ן אַרבעטער קלאַס. אין טורמע האָט ער זיך טערן קאַמף פאַר'ן אַרבעטער קלאַס. אין טורמע האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט נאָכדענקען און האָט פאַרבראַכט זיין צייט שטו־

דיענדיק די ווערק פון קאַרל מאַרקס. פון דאָרטן איז שוין דעבס אַרויס אַן איבערגעגעבענער און אַן ענטוזיאַסטישער סאָציאַליסט.

פון דאַמאָלט אָן ווידמעט ער זיך שוין אין גאַנצן צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער העלפט אָרגאַניזירן די מיינער און אַנדערע אַרבעטער און הויבט אָן זיין גרויסע און גלענצנדע אַגיטאַציע פאַר'ן סאָציאַליזם און קעגן די איבלען פון דער באַשטייענדער געזעלשאַפט.

ווי אַן אָראַטאָר ראַנגט דעבס צווישן די סאַמע גרעסטע. ער האָט פאַרמאָגט אַ שיינע פּאָעטישע שפּראַך דורכגעדרונגען מיט זיין גרויסער ליבע צום פאָלק, און אַ פּאַטאָס מיט אַ שוואונג וואָס האָט היינגעריסן גרויסע מאַסן מענטשן בשעת ער אַליין פלעגט אין זיין רעדן זיך דערהויבן כמעט צו נביאישער הויך.

יעדער איינער וועלכער האָט אים געזען אויף דער פּלאַט־פאָרמע, איז טיף באַאיינדרוקט געוואָרן פון זיין אָפנהערציקייט און אויפריכטיקייט. האָבנדיק פאַר זיך דעם אָפענעם בוך פון דעבס' לעבן, ווער האָט עס געקאָנט צווייפלען אַז ער מיינט יעדן וואָרט ווען ער האָט זיך אויסגעדריקט: „כל זמן עס עקזיסטירט אַן אונטערדריקטער קלאַס בין איך אין דעם; כל זמן עס איז דאָ אַ „קרימינעלער" עלעמענט, בין איך פון דעם; כל זמן עס געפינט זיך אַ מענטש אין טורמע, בין איך ניט פריי!"

דעם לעצטן מאָל ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אים אויסגעקליבן צו זיין איר פּרעזידענט קאַנדידאַט איז געווען בשעת ער איז געווען פאַרשפּאַרט אין דער פעדעראַלער טורמע אין אַט לאַנטאַ, צוליב זיין אַקטיווע קעגנערשאַפט צו דער מלחמה.

אומפאַרגעסלעך וועט אין דעם זכרון פון דעם שרייבער פון אַט די צײלן פאַרבלייבן אַ פּאַסירונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דעבס לעצטן פּרעזידענט קאַנדידאַטור.

אין אַטלאַנטאַ איז איג'ם אַרבעטער רינג לייסעאום, אין זומער פון יאָר 1920, פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע סטייט קאָנפערענץ פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. ביי דיזן צוזאַמענפאָר זענען אויך

פּאַרטראַטן געווען אַלע ריכטונגען אין דער אַרטיסקער אידיש־ראַדי־קאַלער באַוועגונג; דער אַרבעטער רינג, דער ברענטש פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און די פּועלי־ציון, פאַרטראַטן דורך די חברים ל. מיסלאַוו, צענקער, און פון מיר.

מיט דער דערלויבעניש פון דעם דאַמאַלדיקן הומאַניטערן „וואָרדן" פון דער פעדעראַלער טורמע, מיסטער זוירבסט, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ מאַסן־באַזוך פון אַלע דעלעגאַטן צו דעבס'ן אין טורמע. ס'איז געווען אַ הערלעכע נשמה־דערהויבנדע איבער־לעבונג. די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אינ'ם גרויסן אייגטריט קאָרידאָר. דעבס, אָנגעטאָן אין די גרויע אַרעסטאַנטן קליידער, מיט זיין ליכטיקן שמייכל אויף די ליפּן האָט באַגריסט און דער־נאָך אַדרעסירט די פאַרזאַמלטע קאַמעראַדן. „איך בין ניט זעכציק יאָר אַלט", האָט ער צווישן אַנדערעס געזאָגט, „נאָר צוויי מאָל דרייסיק . . . " אָט די דאָזיקע דיקע ווענט און יענע אייזערנע גראַטעס, (אָנווייזנדיק אויף די „באַצירטע" קליינע פענסטערלעך אינ'ם צימער), קאָנען ניט איינצאַמען דעם גייסט פון פרייהייט . . . מיר וועלן נאָך איינעם קעמפן און נעענטער ברענגען די אידעאַלע מענטשלעכע סאָציאַלע אָרדענונג צו וועלכע מיר שטרעבן".

דערנאָך איז מען אַרויס אינ'ם זונשיין איינגעטונקטן דרויסן, און מיט דעם פריינטלעכן וואָרדנ'ס דערלויבעניש איז אויך דעבס אַ וויילע פאַרבליבן מיט די קאַמעראַדן אונטער'ן פרייען הימל. מען פאָטאָגראַפירט זיך, איין גרויסע גרופּן בילד פון אַלע דעלעגאַטן מיט דעבס'ן אינמיטן און נאָך אַ פּאָר קלענערע גרופּקעס. ליידער דערלויבט ניט דער באַגרעניצטער רוים פון דעם איצטיקן באַנד אריינצוגעבן אָט די דאָזיקע מערקווירדיקע גרעסערע פאָטאָגראַפיע, וועלכע וועט ביי די איינטיילנעמער פאַרבלייבן אַ ווערטפולער אָנ־דענק־צייכן פון דעם סאָציאַליסטישן „עולה רגל" צו דעבס'ן אין דער פעדעראַלער טורמע.

מלחמה ! אָ, ווי יודזשין דעבס האָט געהאַסט די דאָזיקע בלוט־וואַקכאַנאַליע. געהאַסט און באַקעמפט, מחמת ער האָט אַזוי שטאַרק

און היים ליב געהאַט די מענטשהייט. ניט סתם די מענטשהייט אבסטראַקט, נאָר בוכשטעבלעך יעדן איינציקן מענטשן. די וועלכע האָבן געהערט ווי דעבס שילדערט די שרעקנס בילדער פון מלחמה, וועלן עס זייער גאַנצן לעבן ניט פאַרגעסן. „ווען איך שטעל זיך פאָר" האָט ער אויף זיין פּראָצעס אין קליוולאַנד, אין סעפּטעמבער, 1918, געזאָגט צו דער דזשורי איידער מען האָט אים פאַראור־טיילט, — „ווען איך שטעל זיך פאָר ווי אַ קאַלטער בלאַנקנדער באַיאָנעט ווערט ארייִנגעשטאָכן אין דעם לעבעדיקן לייב פון אַ מענטשלעכער באַשעפעניש, כאַפּט מיך אָן אַ שוידער און אַ גרויל..."

דאָרט וואו אַנדערע האָבן זיך צוריקגעהאַלטן האָט דער בראַ־ווער פינף־און־זעכציק יאָריקער רעוואָלוציאָנער געוואָגט. געוואָגט זיך צו שטעלן קעגן דער מעכטיקער אַמעריקאַנער רעגירונגס מאַשין און האָט אָפן געפּרעדיקט ווידערשטאַנד צו דער מלחמה. ער האָט גוט געוואוסט אַז ער וועט דאַרפן טייער באַצאָלן פאַר זיין אַרויס־טריט, אָבער דעבס האָט געשטעלט ערע און פּרינציפּ העכער פון זיין פּערזענלעכע פרייהייט און וואוילבאַפינדונג, און האָט מקבל באהבה געווען אַלע פּאַלגן און ליידן, דינענדיק די העכערע אינ־טערעסן פון פאָלק.

דעם זעכצנטן יולי, 1918 האַלט דעבס אין קענטאָן, אָהייאָ, זיין באַרימטע אַנטי־מלחמה רעדע צוליב וועלכער ער ווערט אַרעס־טירט און פּראָצעסירט. ביים פּראָצעס וואָס וועט פאַרבלייבן היס־טאָריש, אַנטזאָגט זיך דעבס פון דער געוויינלעכער „פאַרטיידיקונג". פּערזענלעכער פרייהייט און וואוילבאַפינדונג. ער האָט מקבל „פאַרברעכן".

„מען באַשולדיקט מיך", זאָגט ער אונטער אַנדערעס, „אין באַקעמפן די מלחמה". איך בין זיך מודה דערין. מיינע הערן, איך פאַראַכט מלחמה. איך וואָלט די מלחמה באַקעמפט ווען איך שטיי איינער אַליין . . .

. . . „מען האָט דאָ געמאַכט גרויס וועזן פון מיינעם אָן אויס־

דרוק אין וועלכן איך האָב דערקלערט, אַז מענטשן זענען פאַסנד פאַר עטוואָס בעסערס ווי צו זיין קנעכט און ווערן פאַרוואַנדלט אין קאַנאָנען־פלייש. איך האָב דאָס טאַקע געזאָגט און האָב גענוי געמיינט דאָס וואָס איך האָב געזאָגט. מענטשן זענען פאַסנד פאַר עטוואָס בעסערס ווי קנעכטשאַפט און פלייש פאַר קאַנאָנען; און די צייט וועט קומען, הגם איך וועל עס ניט דערלעבן, ווען קנעכטשאַפט וועט אָפּגעווישט ווערן פון דער ערד".

זיין רעדע אין געריכטס־זאַל האָט געדויערט צוויי שעה צייט, אָבער די דזשורי האָט שוין געהאַט צוגעגרייט דעם אורטייל נאָך איידער דער פּראָקוראָר האָט געעפנט זיין מויל. יודזשין דעבס איז פאַר׳משפט געוואָרן צו צען יאָר געפענגעניש, און דער אַלטער הור־מאַניטאַר און מענטשן פריינד איז פאַרשיקט געוואָרן אין אַטלאַנ־טאַ׳ר פעדעראַלער טורמע וואו ער איז אָפּגעזעסן קאַרגע דריי יאָר, ביז פּרעזידענט האַרדינג האָט אים פרייגעלאָזן, נאָך אַ לאַנגן קאַמף מצד די בעסטע עלעמענטן אין לאַנד. די דאָזיקע דריי יאָר אין טורמע האָבן דעם אַלטן סאָציאַליסטישן פירער געבראָכן פיזיש און בלי ספק געקירצט זיין לעבן.

מיט באַזונדערער ליבע און אינטערעס האָט דעבס נאָכגע־פאָלגט די אַנטוויקלונג פון דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג דאָ אין לאַנד. מיט די אידישע סאָציאַליסטן איז ער געשטאַנען אין נאָענטער באַציאונג פון די טעג פון דעם אינערלעכן שטרייט אין דע־לעאָנ׳ס „סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטיי". די אידישע חברים האָבן אים געהאָלפן אָרגאַניזירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אין יאָר 1898. אין קיין שום אַנדער קרייז פלעגט דעבס ניט באַקומען אַזאַ האַרציקן „ברוך הבא" ווי ביי די אידישע אַרבעטער מאַסן אין ניו־יאָרק און אין שיקאַגאָ. די הערצאָישע באַמיאונגען און די אויפטואונגען פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל, האָבן ביי אים, ווי ביי פילע אַנדערע וויכטיקע סאָציאַליס־טישע פירער אין אַנדערע לענדער, אַרויסגערופן באַוואונדערונג און וואַרימע סימפּאַטי. אין לויף פון דעם געווערקשאַפטן קאַמפּיין

וואָס האָט זיך מיט גרויס דערפּאָלג אָפּגעשלאָסן, האָט יודזשין ו. דעבס דאָזיקן אינטערעס עפנטלעך פּראָקלאַמירט אין זיין גליקסוואונטש בריוו צום שיקאַגאָ'ער געווערקשאַפטן קאַמפּיין קאָנ־פערענץ, און אויך אין זיין חבר'שער אויפנאַמע אין אַ לענגערן גע־שפרעך פון אונדזער באַליבטן חבר יצחק בן־צבי, מיטגליד פון דער ארץ־ישראל אַרבעטער דעלעגאַציע, דורך וועלכן ער האָט איבער־געשיקט זיין וויכטיקן „מעסעדזש" צום „דבר" און צו דער „הסתדרות הפּועלים".

ווען דעבס איז אַרויס פון אַטלאַנטאַ'ר טורמע, האָט אים די „באַגנאַדיקונג" ניט מיטגעבראַכט די רעסטאַוראַציע פון זיינע אַמעריקאַנער בירגער רעכט. די נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פון דער „אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר" מיט צוויי וואָכן צוריק, האָט זיך מיט אַ רעזאָלוציע אָנגעשלאָסן אָן די וועלכע האָבן געפאָדערט מען זאָל צוריק אומקערן די דאָזיקע רעכט צו דעם גרויסן פריי־הייטס קעמפּער, דעם צו יענער צייט שוין העכער זיבעציק יאָריקן וועטעראַן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג.

אָבער דער אַלטער רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז שוין גע־שטאַנען אין שאָטן פון טויט, האָט זיך אין דעם ניט גענויטיקט. זיין אמתיע בירגערשאַפט, זיין בכורה האָט קיין שום קאַפּיטאַליס־טישער געריכט פון אים ניט געקאָנט אָפּנעמען. די וועלט־בירגער־שאַפט פון יודזשין דעבס, די אומשטערבלעכקייט, רוהם און ליבע וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן, און מיט וועלכער ער האָט זיך שוין לאַנג געהאַט איינגעבירגערט אין די הערצער פון באַ־וואוסטזיניקע אַרבעטער איבעראַל.

אין זיינע לעצטע באַוואוסטזיניקע מאָמענטן פאַר'ן טויט האָט דעבס איבערגעלאָזן אַ „מעסעדזש" צו די אַרבעטער, אַ מע־סעדזש וואָס כאַראַקטעריזירט אָם בעסטן זיין אייגענעם לעבן. דאָס איז געווען איינציייטיק זיין קרעדאָ און זיין צוואה צו אונדז און צו אַלע וועלכע האָבן אים פאַרערט און געליבט.

„עס מאַכט ניט אויס ווי ענג עס איז דער טויער,
ווי גרויס און גרויזאַם איז די שטראָף,
איך בין דער האַר פון מיין שיקזאַל
דער קאַפּיטאַן פון מיין נשמה".

אַזאַ איז געווען אונדזער דעבס. מען האָט אים געקאָנט פאַר־שפּאַרן אין תפיסות, אָבער זיין נשמה איז צו יעדער צייט געווען פריי. זיין פרייער גייסט האָט קיין שום אויבערהאַר ניט אַנער־קענט. אין אונדזערע טעג האָט ער פאַרגעזעצט די הערלעכע טראַ־דיציע פון זיין גרויסן פאָרגענגער, דער פרייהייטס מאַרטירער דזשאָן בראַון!

דער הערלעכער לעבן זיינער בלייבט אַ מוסטער פאַר אונדז און פאַר קומענדע דורות. אין די אויבנגעבראַכטע פיר שורות פון דעם ענגלישן פּאָעט הענלי, וועלכע דעבס האָט איבערגעלאָזן ווי זיין לעצטע צוואה, ליגט אַ רוף צו דער מענטשהייט פאַרצוזעצן דעם קאַמף אַ סוף מאַכן צו דער הערשאַפט פון די וועלכע באַצווינגען דעם גייסטיקן און פיזישן לעבן פון די פאָלקס מאַסן, און ניט אַנידערלייגן די וואָפן ביז וואַנען יעדער מענטש אין דער וועלט וועט ווערן דער „האַר פון זיין אייגענעם שיקזאַל און דער קאַפּי־טאַן פון זיין אייגענער נשמה!"

* * *

ווען דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט דער ליבע־ראַל נאָרמאַן האַפּגוד האָט באַזוכט דעבס'ן אין דער אַטלאַנטאַ'ר תפיסה, האָט ער אים געפרעגט וואָס איז געווען זיין גרעסטע דורכ־לעבונג און דערפאַרונג אין טורמע. אויף דערויף האָט דער פריי־הייטס קעמפער געענטפערט:

„איך האָב אויסגעפונען אַז ליבע איז אַלמעכטיק. אַלע כחות אויפ'ן ערד־קוגל קאָנען קעגן איר ניט באַשטיין. שנאה, רציחה, און גיריקייט ווערן אַלע אָפּגעראַמט און מאַכן פּאַר איר פריי דעם וועג. זי וועט סוף כל סוף ניט בלויז באַפרייען די מענטשלעכע ראַסע, נאָר וועט אויך אין אַ גרויסער מאָס אונדז אינדיווידועל

דערהויבן איבער דעם ביטערן שטרייט בשעת מיר האַלטן אין מיטן פון דעם גרויסן קאַמף פאַר אַלמענטשלעכער פאַרברידערונג!"

* * *

נאָכ'ן טויט, איז פון דעבס'ן אָנגעקומען אַ גרוס צו די געפאַנגענע אין דער פעדעראַלער טורמע אין אַטלאַנטאַ.

די אַלמנה, קעטרין דעבס, די איבערגעבענע לעבנס באַגלייטערין פון דעם פאַרשטאָרבענעם סאָציאַליסטישן פירער האָט אַהינצו צוגעשיקט דעם גרעסטן טייל פון די שיינע בלומען קרענץ וועלכע ליבנדע הערצער פון פאַרטרויערטע פריינד און נאָכפאָלגער האָבן צוגעשיקט צו דער לויה אין טערע האָט, אינדיאַנאַ, די שטאָט וואו ער איז געבאָרן געוואָרן, וועלכע איז געווען זיין היים און וואו ער איז באַגלייט געוואָרן צו זיין אייביקער רו. אַ טייל פון די בלומען זענען צוגעשיקט געוואָרן צו די שפּיטאָל פּאַציענטן אין טערע האָט, און די איבעריקע האָט מען צעטיילט צווישן די געפאַנגענע אין דער פעדעראַלער טורמע.

בלומען, בלומען, בלומען!

פאַר אַ וויילע, פאַר עטלעכע טעג, האָבן זיי באַלויכטן דעם טרויעריקן לעבן פון די אַרעסטאַנטן, און האָבן דערנאָך אַנגעהויבן וועלקן . . .

אָבער אַ צאָל פון די וועלכע דעבס האָט געהאָלפן און געטרייסט אין טורמע, צווישן זיי, דעם אויף לעבנלאַנג פאַר'משפּט'ן נעגער סעם מור, וועמעס פאַרבלוטיקטע קאָפּ, פאַרבלוטיקט דורך אַ ברוטאַלן טורמע אויפזעער, דעבס האָט פערזענלעך אָפּגעוואַשן, באַנדאַזשירט און געקושט, — וועלן באַהאַלטן און הייליק אָפּהיטן אַ פאַרטריקנט בלימל פון אַ בלומען קראַנץ . . . זיי וועלן טראַכטן פון דער שיינער בלום, וואָס האָט דריי יאָר נאָכאַנאַנד פאַרזיסט און באַלויכטן זייער אָפּגעזונדערטן לעבן הינטער שטאָלענע גראַטעס; — די בלום וואָס הייסט „יודזשין דעבס", וועלכע וועט קיין מאָל ניט פאַרוועלקט ווערן אין זכרון פון די ליידנדע, אונטערדריקטע און אונטערפריווילעגירטע פון דער גאַנצער וועלט!

„דער אידישער אַרבעטער", 29טן אָקט. און 12טן נאָוו., 1926

פערטע אָפּטיילונג

לידער

רחל

ר ח ל (בלאָוושטיין)

זי האָט מיט איר דאָ־זיין באַרייכערט דעם לעבן
פון ברודער און שוועסטער אין שטאָט ווי אין פעלד,
און מיט אירע לידער דערהויבונג געגעבן,
און שטאַרקייט אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט.

*

וואו זי איז געקומען איז ליכטיק געוואָרן,
וואו זי האָט געאַרבעט האָט אַלץ זיך צעבליט!
אין צייטן פון צער האָט איר האַרץ אונדז געבוירן
אַ ליכטיקע, צאַרטע, דערהויבנדע ליד.

*

ביים בלויען כנרת געפינט זיך איר קבר,
אין גליליס געהייליקטן מוטערשן שויס...
וואו אויף פעלדער לאַנג טויטע באַוועגט זיך ניי לעבן,
און קבוצות העלזוניקע שפּראָצן אַרויס.

*

און אָפּט אויף די פעלדער פון עמק יזרעאל
ווען אידישע אַרבעטער, אַרבעטן פרי,
שוועבט אום רחליס גייסט אין דעם ציטריקן ווינטל —
לאַסטשעט זיי ליבלעך און בענטשט זייער מי!

אַ נײַ ליד*)

שוין פאַרשטומט איז דער „מה־יפית"
יענע אַלטע שקלאַפן־ליד,
אַנשטאָט איר—אַ ליד פון פרייהייט
זינגט אַצינד דער אַלטער איד.

*

און ער זינגט פון מוט און שטרעבן,
זינגט פון קעמפן נאָכאַנאַנד,
פאַר אַ נייעם פרייען לעבן
אין זיין אייגן פאָטערלאַנד.

*

און די פרייהייטס־ליד ווערט שטאַרקער,
זי באַגייסטערט, גיט צו מוט,
און זי ציט צו נייע קעמפער
און דערוואַרעמט אונדזער בלוט . . .

*

מיד פון לאַנגן שקלאַפן לעבן,
מאַכט דער אַלטער איד זיך גרייט
צו דעם לעצטן קאַמף פאַר פרייהייט
קאַמף אויף לעבן אָדער טויט!

1906

(1938)
*) מיין ערשטער ביַיטראַג צו דער פועלי ציון פאַרטיי פּרעסע אין אַמעריקע. אָפּגעדרוקט מיט צוויי-און-דרייסיק יאָר צוריק אין ערשטן „אידישן קעמפער" נומער 8. (פילאַדעלפיע) אין יאָר 1906. —מ. פּ.

ווִיזיִע

עס האָט מיר אַנומלט אין חלום געדוכט,
א הימלישער נס איז געשען . . .
דעם וועג וועלכן איך האָב זייט יאָרן געזוכט
האָב איך פּלוצלונג גאַנץ דייטלעך דערזען.
עס האָט מיר א מלאך געגומען ביים האַנד,
און מיר האָבן אין לופטן געשוועבט . . .
איבער באַרג, איבער טאָל, ביז צום זוניקן לאַנד
וואו מענטשלעכע ברודערשאַפט לעבט!

*

איך בין דאָרט אין הערלעכער שטימונג אַריין,
אין דעם לאַנד פון זוניקער ליכט,
וואו מענטשלעכע פריידן ווי א געטלעכער שיין
האָט געשטראַלט פון איעדע געזיכט;
מיין הארץ, מיין נשמה, האָט טיף איינגעזאַפּט
א מעכטיק כאָראַלגעם געזאַנג —
דער סערף האָט געגרויסט און דער האַמער געקלאַפּט
אין ריטמיש האַרמאָנישן קלאַנג!

*

און ווייט און ברייט אין אוטאָפּיען לאַנד
וואו מיין וועג־ווייזער האָט מיך געפירט,
האָט געלעבט א מענטשלעכער ברודער־פאַרבאַנד,
די טוגנד אליין האָט רעגירט.
און וואונדערלעך גוט איז מיר דאָרטן געווען
אין דעם לאַנד אָן הונגער, אָן צער . . .
אונדזער עמק הבכה האָט דאַן אויסגעזען
ווי א וויטער און בייזער קאָשמאַר . . .

*

נאָר דער בייזער שיקזאַל מיט זיין פינסטערער מאַכט
האָט מיין הערלעכן חלום צעשטערט,
ער האָט מיר אַ טיפע אַנטוישונג געבראַכט —
מיך דערוועקט . . . און געבראַכט צו דער ערד
וואו עס הערשט נאָך אומגלייכהייטס טיראַנישע מאַכט
איבער מענטשלעכער עלנט און פּיין . . .
נאָר געשטאַרקט איז מיין גלויבן! כ'האָב אַ וויזיע געבראַכט,
אַ בילד פון אַ וועלט וואָס קאָן זיין!

*

גלויבן

אין אַ ביטערער צייט, אין אַ פינסטערער נאַכט
האָבן מיר אונדזער באַנער דערהויבן. —
„רעאַליסטן" און ציניקער האָבן געלאַכט
פון אונדזער באַגייסטערטן גלויבן.

*

זיי האָבן גע'חוזק'ט . . . אונדז מיט ביטול באַטראַכט,
נאָר מיר, אָן שום אָפּרו, אָן מורא,
האָבן געטראָגן פאָראויס ווי אַ פלאַם אין דער נאַכט,
פרייהייט'ס דערהויבנדע תורה.

*

מיר האָבן די קערנער פאַרזייט און גענערט
געוואוסט אַז די פרייהייט מוז קומען!
איצט זעט! ווי עס שפּראָצט פון דער אידישער ערד —
פרייהייט'ס פילפאַרביקע בלומען!

אין מדבר

איך האָב אין דעם מדבר געוואַנדערט, געוואַנדערט,
געבלאָנדזשעט פאַרווירט אָן אַ ציל, אָן אַ שטעג . . .
פאַרבלענט פון די זאַמדן—האָב איך אין פאַרצווייפלונג
געזוכט אַן אַרויסגאַנג, געזוכט דאָרט אַ וועג . . .

*

און דאָרט אין דעם מדבר וואו איך האָב געבלאָנדזשעט,
אַ גאָט! איז עס בלויז אַן אילוזיע געווען?
האָט פּלוצלונג אַ הערלעכע ליכט זיך באַוויזן,
און איך האָב מיין וועג דעם געזוכטן דערזען!

*

איך האָב זיך מיט אימפּעט אַהינצו געלאָזן,
באַזעלט מיט דער פרייד וועלכע איך האָב דערפילט —
נאָר פּלוצלונג איז אַלעס געוואָרן פאַרלאָשן —
אַ פינסטערער וואָלקן האָט אַלצדינג פאַרהילט . . .

*

פון דאַמאָלט אָן וואַנדער איך אום ווי אין מדבר,
און זוך דעם פאַרהילטן, פאַרשוואונדענעם וועג,
און מענטשן—ווי זאַמדן אין וויספּע אַרום מיר,
דאָך טיף אין נשמה—אַ ביינקשאַפט אָן ברעג!

קרעדאָ

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיין פריינט
אבא לאנדוי געווידמעט

די אַלטע וועלט פארגייט אין פלאַמען,
זאָל זי גיין!
א נייע בויען מיר צוזאַמען,
הערלעך שיין.
די וועלט וועט ווערן א באַנייטע,
און די מענטשהייט א באפרייטע
אין דער נייער, פרייער צייט
וואָס קומט צעגיין!

*

א נייער לעבן ווערט געשאפן,
שפּאָגל ניי!
א וועלט אָן הערשער און אָן שקלאַפן
ליכטיק, פריי!
ס'וועט קריג און ראַסנהאַס פארשווינדן
שקלאַפן קייטן מער ניט בינדן,
און קיין שפור וועט מער ניט זיין
פון טיראַניי.

*

פון אַלע לענדער וועט זיך הערן
הויך און קלאָר,
געזאַנג פון בויער, פּיאָנערן
אין ברודער־כאָר.
די שטאָלצע לידער וועלן קלינגען,
און דער פרייער מענטש וועט זינגען
זיין באַגריסונג צו דעם נייסטן
יונגן דור!